בעל הטורים שרייבט אוך אזו (בקרית ארבע) שרה אוז גשטארבן אונ דער שטאט קרית ארבע דרום הט די שטאט גהייסון קרית ארבע ווייל פיר פאר מאן אין ווייב זענון דארטון גווארון בגראבון אדם וחוה אברהם ושרה יצחק ורבקה יעקב ולאה נאך אפשט אוז דרום האט זי גהייסון קרית ארבע ווייל פיר גרוסו שטארקו ריזון זענון דארטון גוועזן (ויבא אברהם) אברהם אוז גקומון פון באר שבע צוא בקלאגון שרה אונ צו בויינון זי. דער בחיי פרעגט ווס דארף ער צו זאגון לספוד לשרה, ער האט דאך זו שון פריהר גדכט מוט איר נאמון (ותמת שרה) אוז דער תירוץ ווען מען קלאגט אובער איין מת דארף מען זיין נאמון גדענקון אובר אום עטלוכו מאל . נאך איין קשיא פרעגט דער בחיי ווארום שטייט נוט ווי יצחק האט גקלאגט אובר זיין מוטר נאר ווי אברהם הט גקלאגט. אוז דר תירוץ מען האט צו יצחק נוט גזאגט דאס זיין מוטער שרה אוז גשטארבן ער זאל זוך נוט מצער זיין דאס זיין מוטור אוז אובר אום גשטארבן ווייל זו הט גהערט וויא יצחק אוז גובונדון גוועזן צו שעכטון אוז איר די נשמה אוס גנגנון דרום אוז יצחק נוט גבראכט גווארון ביא דעם הספד וקבורה פון שרה אוך אוז יצחק נוט גבראכט פון דער עקידה אן דען ער אוז דרייא יאר גוועזן אוף דעם בארג מוריה בוז ער אוז אלט גווארון פערציג יאר צוא גנעמון רבקה דרום שטייט (וישב אברהם

ספר הישר

קנעכט אליעזר אונ זאגט צו אום אוך בין שון אלט אין ווייס נוט דעם טאג ווען אוך וועל שטארבן דרום וועל אוך דוך בשווערן ביי גאט ב"ה ווס אוז אונ הימול אז דו זאלסט גיין נעמון איין ווייב צו מיין זון פון מיין פאטרס משפחה אונ חרן אונ נוט פון די טעכטור כנען אונ דער גאט ווס הט מוך גפירט פון מיין פאטרס הוז צו דעם אורט דער דאזיגער גאט וועט שוקון זיין מלאך פר דור אונ וועט בגלוקון דיין וועג די זאלסט נעמון אווייב צו מיין זון פון מיין משפחה אין אליעזר ענכורט צו אברהם אוך וועל גיין צוא דיין משפחה צו נעמון אווייב צו דיין זון יצחק טאמר וועט זו אבור נוט וועלון גיין מוט מור צו דם לאנד צו וועל אוך זיין ריין פון דער שבועה . הט אברהם צו אום גזאגט יוא דו וועסט זיין ריין פון דר שבועה, אין אליעזר טוט ווי אברהם האט אום גזאגט אונ אליעזר הט צו גשווארון זיין האר אברהם אוף דער דאזוגור זאך אונ אליעזר אוז אוף גשטאנן אונ האט גנומון צעהון קעמלון פון אברהמס קעמלון אונ צעהן קנעכט פון אברהמס קנעכט . אונ אוז גנאנגון קיין חרן צו נעמון איין ווייב צו יצחק . אונ ווי אליעזר אוז אוועק גנאנגון הט אברהם גשוקט צו שם ועבר זיין זון יצחק זאל קומון אהיים אונ יצחק אוז גקומון צו אברהם קיין באר שבע . אונ אליעזר אוז גקומון צום הוז ווס דארט אוז איין וואסור אונ עס אוז פאר דער שטאט חרן אונ אליעזר האט גמאכט קנואון די קעמלון ביים וואסור אונ הט זוך גזעצט אפ רואן . אין אליעזר טוט תפלה אונ זאגט גאט פון מיין הער דער אברהם טו שוקון גוטס פר מור אונ טו חסד מיט מיין הארון אז דו זאלסט שוקון איין ווייב צום זון פון מיין הער פון זיין משפחה . אונ גאט ב"ה האט דער הערט די רייד פון אליעזר פון וועגון אברהם . אונ אליעזר אוז ארין גנאנגון אונ שטאט ארין אונ אוז גנאנגון צום הוז פון בתואל דער זון פון מלכה דס ווייב פון נחור דער זון פון תרח אונ אליעזר דר ציילט פר זיי ווס עס הט זוך אום גטראפן אין ער אוז איין קנעכט ביי אברהם . אונ זייא פרייען זוך זייער מוט אום אונ אלו האבון גלובט גאט ב"ה אוף דער דאזוגור זאך אונ זיי געבון רבקה ווס זו אוז די טאכטר פון בתואל פר איין ווייב צו יצחק אונ רבקה אוז גוועזן זייער שיין פון גשטאלט אין זוא אוז גוועזן איין בתולה . אונ לבן אונ נחור האבון גמאכט אונ דר זעלבוגור נאכט איין סעודה אוז גקומון אליעזר איך מוט זיינו צעהן מענשון אוף דער סעודה אונ האבון גגעסון אונ גטרונקון אונ האבון זוך גפרייט איין גאנצו נאכט :

אין וויא עס אוז גקומון אונ דער פרוא אוז אליעזר אוף גשטאנון אונ האט גזאגט צום הוז גזונד פון בתואל שוק אונז אוועק צו אונזר הער אונ זיי האבון גשוקט רבקה מוט אים אונ אוך דבורה איר זייגערון אין געבין איהר זילבר אונ גאלד אונ קנעכט אונ זיי האבון בלייט אליעזר אונ אליעזר האט גנומון רבקה אונ אוז גנאנגון מוט איר צום לאנד כנען צו זיין האר אברהם . אונ ווי רבקה אוז גקומון קיין כנען האט יצחק זו גנומון פר אווייב אונ יצחק הט זוא זייער ליב גהאט אונ הט זוא גבראכט צום געצעלט פון זיין מוטער שרה אונ יצחק אוז אלט גוועזן פערציג יאר בשעת ער הט גנומון רבקה פאר אווייב :

אַבְרָהָם אֶל נְעָרָיו) אַבְרָהָם אַלֵיין הָט זוּך אוּם גֶקֶערְט צוּ זַיינֵי יוּנְגוּן אוֹבֶּר יִצְחָק אִוּז גִבְּלִיבֶּן אוּף דֶם הַר הַמּוֹרִיָה. הֶר תּוֹלְדוֹת יִצְחָק פְּרֶעגְט וָוארוּם הָט אַבְרָהָם זוּך נוּט בַּצַייטוּן אַשְׁטָאט גְקוֹפְט צוּ בַּגְרָבּוּן זוּך אוּנ זַיין וַוייבּ זֵיי זֶענוּן דָאך שׁוֹן זֵייעֶר אַלְט גְוֶוען אִוּז דֶר תֵּירוּץ אַבְרָהָם הָט בְּחָכְמָה גְטוּן עֶר הָט זוּך גְטְרַאכְט אוּך וַויים דֶם אָדָם וְחַוָה זֶענוּן בַּגְרָאבּוּן אוּנ דֶער הֵייל מוּז דָאס אֵיין חָשׁוּב אוֹרְט זַיין אוּנ עֶפְרוֹן מָעג נוּט וִויסוּן דֶם אָדָם וְחַוָה זֶענוּן דוֹרְטוּן בַּגְרָבּוּן אוּנ מֶעג דוּ הֵייל פַר נוּשְׁט הַלְטוּן אַז אוּך וֶועל אוּם אָן מוּטוּן אֵיי שָׂרָה וֶוט שְׁטַרְבּוּן עֶר זָאל מוּר דוּ הֵייל פַר קוּפוּן וֶועט עֶפְרוֹן זוּך טְרַכְטוּן עֶס מוּז עֶפּוּס זַיין אוּנ וֶועט לַייט פְּרֶעגוּן אוּנ וֶועט גְוָואר וֶוערוּן דֶם אָדָם וְחַוָה זֶענוּן דוֹרְטוּן בַּגְרָבּוּן אוּנ וֶועט זוּא טַייֶער הַאלְטוּן דְרוּם הָאט אַבְרָהָם גִשׁוּקְט שָׂרָה קֵיין חֶבְרוֹן וֶוען זוּ אִוּז זֵייעֶר אַלְט גְוָוארוּן טְאמוּר וֶועט זוּ שְׁטַארְבּוּן אוּנ דוֹרְטוּן אִוּז דוּא הֵייל פוּן אָדָם וְחַוָה אוּנ וֶוען שָׂרָה וֶועט דָארְטוּן שְׁטַארְבּוּן וֶועל אוּך דוּא הֵייל פוּן עֶפְרוֹן גְרוּנְג קֶענוּן בַּקוּמוּן דֶען זוּ אִוּז נוּט פוּל וֶוערְט אוּנ וֶוען מֶען וֶועט פְרֶעגוּן וָוארוּם בַּגֶערְט אַבְרָהָם דוּ הֵייל וֶועט מֶען זָאגוּן עֶר וִויל אַקֶבֶר הָאבּוּן דְרוּם אִוּז אַבְרָהָם זִיך קְלוּג בַּגַאנְגוּן אוּנ הָאט נוּט גְזָאגְט בַּשַׁיידְלוּך דֶם עֶר וִויל דוּ הֵייל נָאר עֶר הָאט גְזָגְט גוּט מוּר אֵיין אוֹרְט (וְאֶקְבְּרָה מֵתִי מִלְּפָנַי) כְּלוֹמַר אַמֶת לוּגְט פַאר מוּר דְרוּם דַארְפְט אוּר מוּר גֶעבּוּן אַקֶבֶר צוּ דֶעם מֶת. הָאבּוּן זֵיי אוּם גֶענְפֶערְט (בְּמִבְחַר קְבָרֵינוּ קְבוֹר אֶת מֵתֶךָ) אוּנ בֶּעסְטוּן אוֹרְט פוּן אוּנְזֶרוּ קְבָרִים מֶעגְסְטוּ בַּגְרָבּוּן דַיין מֶת וַוייל דֶם מֶת לוּגְט פַר דוּר (וַיָבֹא אַבְרָהָם לִסְפּוֹד לְשָׂרָה וְלִבְכּוֹתָהּ) דֶער תּוֹלְדוֹת יִצְחָק פְּרֶעגְט דֶר סֵדֶר אִוּז מֶען וַויינְט פְרוּר דֶער נָאך קְלָאגְט מֶען אִוּז דֶער תֵּירוּץ אַבְרָהָם אִוּז זֵייעֶר פְרֵי לֶעך גְוֶוען וַוייל יִצְחָק אִוּז נִיצוֹל גְוָוארוּן פוּן דֶער עֲקֵדָה אוּנ אוּך וַוייל עֶר הָט גְהֶערְט אַגוּט הֶערוּנְג דָאס רִבְקָה אִוּז גְבּוֹרוּן גְוָוארוּן וֶועט זַיין זוּן יִצְחָק קֶענוּן נֶעמוּן אַוַוייבּ אַמְיוּחֶסֶת דְרוּם הָט עֶר נוּט גֶקֶנְט וַויינוּן פַאר גְרוּים שִׂמְחָה הָאט עֶר פְרוּר גְמוּזְט קְלָאגוּן אוּבּוּר אוּר אוּנ זָאגוּן אוּרוּ מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּנ דֶר נָאך הָט עֶר גְקֶנְט אַבּוּסוּל וַויינוּן דְרוּם שְׁטֵייט וְלִבְכּוֹתָהּ מוּט אַקְלֵיינוּ כַּף וַוייל עֶר הָט נָאר אַבּוּסֶל גְוֵויינְט אוּבֶּר אוּר דֶען עֶר אִוּז גְוֶוען פוּל מוּט שִׂמְחָה הָאט עֶר נוּט גְקָאנְט פוּל וַויינוּן. דֶער בַּעַל הַטּוּרִים שְׁרַייבְּט עֶר הָט דְרוּם וַויינוּג גְוֵויינְט אוּבֶּר אוּר וַוייל זוּא אִוּז אַלְט גְשְׁטָרְבּוּן אוּנ אוּבֶּר אֵיין אַלְטוּן וַויינְט מֶען וַויינוּג. נָאך אַפְּשַׁט אִוּז עֶר הָט דְרוּם וַויינוּג גְוֵויינְט אוּבֶּער שָׂרָה וַוייל זוּ הָט זוּך אַלֵיין גוֹרֵם גְוֶוען דֶעם טוּט מוּט דֶעם וָואס זוּא הָאט מוֹסֵר דִין גְוֶוען אוּף אַבְרָהָם אוּנ הָט גְזָאגְט גָאט זָאל מִשְׁפּוּטוּן צְוִוישׁוּן מוּר אוּנ דוּר אוּנ דֶר וָואס אִוּז זוּך גוֹרֵם דֶעם טוּט דַרְף מֶען אוּם נוּט בַּוַויינוּן (וַיָקָם אַבְרָהָם מֵעַל פְּנֵי מֵתוֹ) אַבְרָהָם אִוּז אוּף גְשְׁטַנוּן פוּן זַיין מֵת אוּנ הָט גְבֶּעטוּן דוּ קוּנְדֶער פוּן חֵת זֵיי זָלוּן אוּם גֶעבּוּן אֵיין קֶבֶר דֶער בַּעַל הַטּוּרִים שְׁרַייבְּט פַר אַמֶת טָאר מֶען נוּט רֵיידוּן דֶען עֶס אִוּז דֶעם מֵת אַבִזָיוֹן אַלוּ רֵיידוּן אוּנ עֶר לוּגְט אוּנ קֶען נוּט רֵיידוּן דְרוּם אִוּז אַבְרָהָם אוּף גְשְׁטַנוּן פוּן זַיין מֵת אוּנ אִוּז גְגַנְגוּן אוּף אַזַייט אוּנ הָאט גְרֶעד מוּט דוּ קוּנְדֶר פוּן חֵת (גֵר וְתוֹשָׁב אָנֹכִי עִמָּכֶם) אוּך בּוּן אַגֶר פוּן אַפְרֶעמְד לַאנְד אוּנ הָאבּ מוּך בַּזֶעצְט צְוִוישׁוּן אַייך נָאך אַפְּשַׁט אִוּז אַזוּ הָאט עֶר גְזָאגְט אוּבּ אוּר ווּילְט מוּר פַאר קוּפוּן אַקֶבֶר אִוּז גוּט וֶועל אוּך מוּך רֶעכְנוּן פַר אַגֶר אוּנ וֶועל קוּפוּן פוּן אַייך אוּנ אוּבּ אוּר ווּילְט נוּט פַר קוּפוּן בּוּן אוּך אַתּוֹשָׁב אוּנ דֶעם לַאנְד אוּנ וֶועל מוּט דֶעם דִין אַוֶועק נֶעמוּן מוּר אֵיין אוֹרְט אוּף

אבער דען גאט האט מור צו גזאגט צו געבון דם לאנד. דר חזקוני פרעגט ווארום האט דו תורה ביי שרה אן גשריבון אונ ווען לכור שטאט זו איז גשטארבון אונ ביי אברהם רבקה רחל ולאה האט דו תורה ניט אן גשריבון אונ ווען לכור שטאט זיי זענון גשטארבון. איז דר תירוץ אברהם האט שרה גשוקט קיין חברון זו זאל זיין ווייט פון הר המוריה אונ זאל ניט באלד גוואר ווערון פון אור זון יצחק אז ער וועט ווערון גיקולוט איז דער מלאך גקומון צו שרה אונ הט אור גזאגט וויא מען האט יצחק גוקולוט איז אור דוא נשמה אוס גגאנגון אונ איז גשטארבון. אטייל זאגון שרה איז קראנק גווארון האט אברהם זוא גושוקט קיין חברון ווייל דארטען איז גוט דוא לופט איז זוא דארטון גשטארבון ווייל זיא האט גהערט פון אור זון יצחק (תנו לי אחזת קבר עמכם) אברהם הט גזאגט גוט מור איין אורט אוף איין קבר מוט אייך פרעגט דר בחיי ווס הט ער נאך גדארפט זאגון מוט אייך איז דר תירוץ זייער סדר איז גוועז דם איטלוכו משפחה הט גהט אבזונדר בית הקברות אונ ווען איין פרעמדר איז ביי זיי גשטרבן האבון זייא אוס בזונדער בגראבון אוף איין פעלד דרום האט אברהם גזאגט גיט מור איין אורט צו אבית הקברות מיט אייך (נשיא אלהים אתה בתוכנו) די קונדר פון חת האבון גזאגט צוא אברהם האלט דוך ניט אזו נדריג פר איין גר דוא בוסט איין געטלוכור האר צווישון אונז דרום קלוב דור אוס אונ בעסטון פון אונזרו קברים צו בגראבון דיין מת אונ קיין מאן פון אונז וועט ניט פר מיידון פון דור פון צו בגראבון דיין מת. אזו האט אברהם גזאגט צו די קינדר פון חת אוב אור ווילט יוא אוך זאל בגראבון מיין מת הערט מוך צו (ופגעו לי בעפרון בן צוחר ויתן לי את מערת המכפלה אשר לו) אונ בעט פון מיינוט ווענון עפרון בן צוחר ער זאל מיר געבון זיינו צווייא פאבנדוגו הייל זוא האט דרום גהייסון צווייא פאבנדוגו ווייל זוא איז גוועזן איין הייל אובער דער אנדרר נאך אפשט איז דרום האט זו גהייסון צווייא פאבונדוג ווייל פאר ווייס זענון אונ אור גלעגון אדם אונ חוה אברהם אונ שרה יצחק אונ רבקה יעקב אונ לאה נאך אפשט איז דרום הט זו גהייסון מכפלה ווייל דו לענג פון אדם הראשון איז אונ צווייאון צוא נוף גלייגט גווארון אונ דר הייל אונ אברהם האט גזאגט אוך וועל געבון גוט זולבער פר דער הייל האט עפרון געגפערט איין ארט וואס איז ווערט פור הונדרט גוויכט זילבר וואס איז גאר גאבט צווישון מור אונ צווישון דור אזעלכו פריינד וויא מור זענון דרום בגראב דיין מת (וישקול אברהם לעפרון) הט אברהם אפ גיוגון צו עפרון דאס זולבר וואס עפרון האט גזאגט

אוהל

(וישקול אברהם לעפרון את הכסף אשר דבר באזני בני חת) אברהם הט אפ גוואגון צו עפרון דם געלט ווס ער הט גרעט מוט דוא קונדער פון חת צו געבון פר דעם שטוקול אורט ווס ווערט אן גרופון מערת המכפלה צו בהאלטון זיין ווייב שרה אונ דער תורה שטייט גשריבון דם וואורט עפרון חסר אן אואו עס קומט צו ווייזון עפרון וואלט ראוי גוועזן צו דער מאנט ווערון פאר גאט תמיד צו גוטון ווייל אונ זיין חלק פעלד לוגון דוא אבות אונ זייער גדעכונוש ווערט זיך תמיד דער מאנט פר גאט צו גוטון וואלט ער אוך דער מאנט גווארון פר גאט צו גוטון נאר ווייל

יעקב

ער הט גנומון געלט ביי אברהם דרום האט ער אן גווארון צו דער מאנט ווערון פר גאט צו גוטון עס איז אמשל איין גרוסור שר האט אמאל גנעכטוגט בייא איינום הט אום דער בעל הבית געבון איין אורט אוף דוא ווענון מוט דוא פערד אונ איין אורט פון די קנעכט ווענון אונ עסון אונ זיין טרונקון פר אלו זיינו לייט ווענון אונ דער פרוא פרעגט אים דער שר ווס קימט דור פאר דעם אונ גאנצון הט ער אום גמאכט אחשבון וויא פול עס קומט אונ דער שר האט אום בצאלט אונ איז אוועק גפארון אונ הט פר געסון אונ דעם מענשון אונ אצייט ארום האט דער שר גנעכטוגט

גזאגט די רשעים זאגן צו פיל גוטס צוא טון אונ טון אפילו ווייניג אויך נוט דען עפרון האט פריר גזאגט ער וויל שענקן דם פעלד צו אברהם אונ דר נאך הט ער אנדערש נושט גוואלט נעמן נור גרוסי גוויכט (עובר לסוחר) וואס גייט אונ ווערט גנומן צו אלו סוחרים (ואברהם זקן בא בימים) אונ אברהם איז ווארן אלט איז גקומן אונ דוא אלטו טעג דען פיל לייט זענן דא וואס ווערן באלד גרייז גרא אונ בקומן ווייסו האר אונ דם איז פון וועגן צרות אונ נוט פון גרוס אלטוקייט אובור אברהם האט גהאט עושר אונ כבוד אונ איין זון אוף דר עלטור אזו איז ער נושט געלטערט גווארן פון וועגן צרות נייארט פון וועגן פיל יארן אונ וויל ער איז גוועזן זייער אלט הט ער זיך גטרכט ער וועט שטארבן איי ער וועט זיין זון יצחק איין ווייב געבן דרום הט ער בשווארן זיין קנעכט דאס ער זאל זיין זון יצחק קיין

אוהל יעקב

ביי איין אנדרן הט אום דער בעל הבית אויך זייער שיין צו גנומן נאר דער בעל הבית הט זיך גטראכט אז קיין געלד זאל ער נוט נעמן ביי דעם שר ווייל עס איז ביי אום איין גרוס כבוד וואס דער שר שטייט בייא אום איין אונ דער פרוא פרעגט אום דער שר וואס קומט דור פאר דעם עסן אונ טרינקן ענפרט אום דער בעל הבית וואס זאל איך דור זאגן וואס פר איין הנאה איך האב וואס איך האב זוכה גוועזן דו זאלסט ביי מיר איין שטיין אונ איך זאל דיך בדינן וויא אזו זאל איך בייא דור פר לאנגן געלט אז דער שר הט דם דער הערט האט זיך בייא אום אונ הארצון דער וועקט אגרוס לוב שאפט אוף דעם בעל הבית אונ האט אום גבעטן ער זאל בייא אום נעמן מתנות וואס זייא האבין בטראפן מער פון דעם גצאלט אונ פון דעמולט אן האט ער אום גדענקט מוט זיין הויז גזונד תמיד צו גוטן איבער דעם פרורוגן הט דער שר פר געסן ווייל ער הט גמיינט זיין טובה אונ הט גנומן געלד אובור נוט וועגן כבוד פון דעם שר דם איז דוא זאך פון עפרון ער וואלט תמיד גדענקט גוועזן פאר גאט לטובה נאר וויל ער האט בייא אברהם אבינו געלט גנומן פר דער מערת המכפלה הט ער נוט גמיינט דוא טובה פון אברהם נאר זיין טובה דרום איז זיין טובה פר געסן גווארן אובור דם שטייט אונ דער תורה דאס ווארט עפרון אן אוואו צו ווייזן אז עפרון איז חסר טובה אובור דעם געלד נעמן:

(ויאמר ברוך ה' אלהי אדוני אברהם כו' אנכי בדרך נחני ה' בית אחי אדוני) אז אברהם הט גשוקט זיין קנעכט אליעזר ער זאל נעמן זיין זון יצחק פון זיין לאנד אונ פון זיין משפחה איין ווייב איז אליעזר גגאנגן צו דער שטאט ארם נהרים אונ איז צוא גגאנגן צו איין ברונו וואסור אונטר דער שטאט אונ הט זיך גמאכט אזו איין סימן דוא בתולות וועלן ארוס נייקר שעפן וואסור וועל איך זאגן גיב מור אטרונק וואסר אונ זוא וועט מור ענפורן טרונק אונ וועל דיינו קעמלון אויך אן טרונקן וועל איך וויסן אז דוא דאזיגו האט גאט בשערט צו יצחק פר איין ווייב אונ רבקה ארוס גגאנגן שעפן וואסור הט ער צו אור גזאגט גיב מור אטרונק וואסור הט זוא גזאגט טרונק איך וועל דיינו קעמלון אויך אן טרונקן הט ער זוא גפרעגט וועמס טאכטר בוסטו הט זוא געענפרט איך בין דוא טאכטור פון בתואל. בתואל איז דער זון פון נחור. נחור איז דער ברודור פון אברהם הט אליעזר גזאגט גלובט איז דער גאט פון מיין האר אברהם איך בין גגאנגן אונ וועג אונ גאט האט מוך גפורט צו דעם הויז פון דעם ברודר פון מיין האר. דער מדרש זאגט דוא שטאט ארם נהרים איז אום אקעגון גשפרונגון. עס איז איין משל איין סוחר הט גדונגון איין בעל עגלה ער זאל אום פורן אונ איין שטאט אריין האט דער בעל עגלה איין גשפאנט דוא פערד אונ דעם וואגון אונ הט אוף גזעצט אשטומון משרת ער זאל דוא פערד אן טרייבן זאגט דער סוחר צום בעל עגלה וואס האסטו מור איף גזעצט אשטומון משרת וואס ער קאן צו מור נוט ריידון זאגט דער בעל עגלה וואס איז דען אז דוא ווערסט צו אום רעדון וועט ער שוין וויסן וואס דוא מיינסט זאגט ער צו דעם בעל עגלה איך וועל אום דארפון פרעגן צו דוא שטאט איז נאך ווייט אונ וויא אהון איך זאל אריין פארון ווארום איך בון פרעמד אונ יענור שטאט איך בון דורט נאך קיין מאל נוט גוועזן עזפורט אום דער בעל עגלה ואלסט וויסון אז דעם גאנצון וועג וועט דער משרת נוט בלייבון שטיין מוט דער פור בוז ער וועט קומון אונ שטאט אריין ווען שון וויזין וויא דוא פור וועט בלייבון שטיין דורט בדארפסטו אראפ גיין דם וועט זיין דיין סימן דער נמשל איז אליעזר איז גגאנגן נעמון צו יצחק אווייב אוף אזו איין וועג וואס ער איז נאך קיין מאל נוט גגאנגן אונ הט נוט גוויסט וויא דער זיווג איז נאר ווייל גאט האט אום גטון אנס וואס דער וועג איז אום אקעגן גשפרונגון האט ער גוויסט אז דא איז בודאי דער זיווג. דרום הט ער תיכף גלובט גאט פון זיין האר אברהם אונ הט גזאגט (אנכי) איך האב גוויסט (בדרך) מוט דעם וואס דער וועג איז מור אקעגון גשפרונגון אונ בין גבליבין שטיין בייא דער שטאט

קיין ווייב נוט געבון נור פון זיין משפחה אונ ווארום הט ער זיין זון יצחק אליין נושט בשווארון דען ער הט זוך גטרכט טאמר אוז דר קנעכט איין רמאי אונ וועט זיין זון יצחק אובר ריידון ער זאל נעמון איינו פון די כנענים דרום האט ער דעם קנעכט אליין בשוורון דר מדרש שרייבט פון וועגון פור זאכון ווערט אמענטש באלד גרא אונ אלט ווען ער דר שרעקט זיך אזו קומט אוף אום די עלטער אונ ווען ער האט שלעכטו קונדער אונ ווען ער גייט אונ דער מלחמה אונ ווען ער האט איין שלעכט ווייב (וה׳ ברך את אברהם בכל) גאט הט אברהם גבנשט מוט אלום גוטון עס אוז אום גאר נוט אפ גנגון אזו אוז ער גערון גוועןזיין זון אווייב צו געבון רבי מאיר זאגט גאט הט אברהם גבענשט ער האט אום קיין טאכטער נוט גגעבון דען אברהם זאל גווען האבון אטאכטער וואלט ער נוט גקענט געבון אור אגוטון מאן נייערט זו וואלט גומוזט נעמון איין מאן וואס דונט ע״ז אונ אוטלוכם ווייב אוז אונ דער האנד פון אור מאן אונ רבי יודא זאגט אברהם האט יוא גהאט איין טאכטר דען דער מענטש אוז גערון צו האבון זון אונ טכטר ובפרט ווען ער אוז רייך (זקן ביתו המושל בכל אשר לו) אליעזר אוז גוועזן דער עלצטר אונ הוז פון אברהם דער חזקוני שרייבט דרום הט אברהם גשוקט אליעזר צוא נעמון אווייב צוא זיין זון יצחק אונ נוט איין אנדרון קנעכט וויל ער אוז גוועזן עלטר פון אלו זיינו קנכט אונ איין אלטר גייט נוט אזו גאך זנות אזו וויא איין יונגר דרום זאגט דר פסוק (זקן ביתו) ער אוז זייער אלט גוועזן (שים נא ידך תחת ירכי) אברהם האט גזאגט צו זיין קנעכט טו דיין הנד אונטער

מיין דוך אונ שווער מור דאס דו ווערסט נוט נעמון אווייב צו מיין זון יצחק פון די כנעניים דר בחיי אונ דער תולדות יצחק אונ דער חזקוני שרייבון פאר צייטון אוז גוועזן דער מנהג דאס דער קנעכט האט גלייגט זיינו הענט אונטר זיין הארונס פוס דער מוט האט ער גוויזון דס ער אוז דעם הארון אונטר טענוג אונ וויל אום רעכט דונון (ואשביעך ביי אלהי השמים ואלהי הארץ אשר לא וגו׳) איך וועל דיך בשווערון ביי גאט דר גאט פון דם הומול אונ דר גאט פון דער ערד רש״י פרעגט ווארום שטייט ווייטער אונ פסוק נאר (אלהי השמים אשר לקחני מבית אבי) אונ נוט (אלהי הארץ) אזו ווא דא אוז דר תירוץ צום ערשטון אז גאט האט אברהם גופורט פון דם הויז פון תרח אוז גאט נוט דר קענט גוועזן אוף דער ערד פאר איין גאט נייערט אויף דעם הומול אבער אז אברהם אוז גוקומון האט ער גמאכט דער קענון דם גאט אוז איין גאט אוף דעם הומול אונ אויף דער ערד (אשר לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני אברהם האט בשווארון דעם קנעכט ער זאל נוט נעמון אווייב צו זיין זון פון די טעכטר פון כנען די פרשה לערונט אונז דאס אמענש זאל נעמון אווייב פון זיין משפחה אזו ווי עמרם האט גוטאן דאס ער האט גנומון יוכבד אונ אזו וויא אברהם האט גוטואון צוא זיין זון יצחק ער האט אום גנומון אווייב פון זיין משפחה דען ווען אמענש נעמט אווייב פון זיין משפחה אוז שלום צווישון זייא דען איינער קען דעם אנדערון נוט אוף ווארפון די בוסט נוט אזו איין מיוחס ווי אוך דער אבן שו״ב פרעגט איין קשיא ווארום הט אברהם גנומון איין שפחה אין איין קייבס ווייב פון דוא עובדי ע״ז

אוהל יעקב

(נחני ה׳ בית אחי אדוני) אז גאט האט מוך גפורט צו דער משפחה פון מיין האר:

של״ה הקדוש

(המשל בכל אשר לו) דער וום הערשט אובער אלין וואס ער הט מען קאן זאגין דאס גייט אוף

אִין צוּ זַיין זוּן יִצְחָק הָאט עֶר נִיט גֶהֵייסְן נֶעמְן אֵיין שִׁפְחָה אוֹיךְ נִיט אֵיינֵע פוּן דִי כְּנַעֲנִים אִיז דֶר תֵּירוּץ יִצְחָק אִיז גֶהֵיילִיגְט גֶוָוארְן אוֹיף דֶעם הַר הַמּוֹרִיָּה צוּ זַיין אֵיין קָרְבָּן דְרוּם הָט עֶר נִיט גֶדַארְפְט צוּ נֶעמְן אֵיין שִׁפְחָה אוֹיךְ נִיט אֵיינֵע פוּן דִי כְּנַעֲנִים אוּבוּר אַבְרָהָם אִיז נִיט אַזוֹ הֵיילִיג גְוֶועְן הָאט עֶר יוֹא גֶנוּמְן אֵיין שִׁפְחָה אוּן וַוייל אַבְרָהָם הָאט גֶקֶענְט נֶעמְן אֵיין שִׁפְחָה קִינְדֶער צוּ הָבְּן דְרוּם הָט עֶר נִישְׁט גֶוָואלְט גָאט מַטְרִיחַ זַיין מִיט זַיין תְּפִלָּה אוֹיף זַיין וַוייבּ שָׂרָה זִי זָאל קִינְדֶער הָאבְּן דֶען דִי צַדִּיקִים ווִילְן גָאט נִיט מַטְרִיחַ זַיין מִיט זֵייעֶר תְּפִלָּה וִוי נִיט גַאנְץ נֵייטִיג אִיז אוֹבֶּר יִצְחָק הָט יוֹא גֶמוּזְט תְּפִלָּה טוּן אוֹיף זַיין וַוייבּ רִבְקָה זִי זָאל קִינְדֶער הָבּוּן דֶען יִצְחָק הָאט קֵיין שִׁפְחָה נִיט גֶקֶענְט נֶעמְן וַוייל עֶר אִיז גְוֶועְן זֵייעֶר הֵיילִיג נָאךְ אַקְשְׁיָא פְרֶעגְט דֶר אֶבֶן שׁוּאֵב וָוארוּם הָט אַבְרָהָם נִיט גְפְרֶעגְט צוּא יִצְחָק אוֹבּ עֶר זָאל אוּם שׁוּקְן נָאךְ אַוַוייבּ אִיז דֶער תֵּירוּץ אַבְרָהָם הָט גְוִויסְט דָם יִצְחָק וֶועט אוּם גוֹיִם פָלְגִין דֶר חִזְקוּנִי שְׁרַייבְּט אַבְרָהָם הָט דְרוּם נִיט גֶוָולְט דָם זַיין זוּן זָאל נֶעמְן אַוַוייבּ פוּן דִי כְּנַעֲנִים כְּדֵי דִי כְּנַעֲנִים זָאלִין דֶר נָאךְ נִיט זָאגִין גָאט הָט נִיט גֶוָואלְט הַאלְטִין דִיא שְׁבוּעָה צוּ גֶעבִּין דָם לַאנְד צוּא אַבְרָהָמְס קִינְדֶר נַייאֶרְט זֵיי הָאבִּין זִיךְ גֶמוּזְט מִיט אוּנְז מִתְחַתֵּן זַיין זֵיי זָלִין דוּרְךְ דֶם קֶענִין הָבּוּן דָם לַאנְד דְרוּם הָט אַבְרָהָם פַר בָּטְן זַיין קְנֶעכְט עֶר זָאל נִיט נֶעמְן אַוַוייבּ צוּ זַיין זוּן יִצְחָק פוּן דִי טֶעכְטֶר פוּן כְּנַעַן דֶען אִיךְ ווִייס דָם גָאט וֶועט גֶעבּוּן מַיינֵע קִינְדֶר דָם לַאנְד כְּנַעַן אָן זֵייעֶרֶע טֶעכְטֶר (וַיֹּאמֶר אֵלָיו וגו׳) אֱלִיעֶזֶר הָט גֶזָאגְט צוּ אַבְרָהָם טָאמֶר וֶועט דִי אִשָּׁה נִיט וֶועלִין גֵיין נָאךְ מִיר אוּנ דֶעם לַאנְד אַריין הָאט אַבְרָהָם גֶזָאגְט צוּ אֱלִיעֶזֶר וֶוען דִי אִשָּׁה וֶועט נִיט וֶועלִין גֵיין נָאךְ דוּר אַהֶער אַזוֹ זָלְסְטוּ זַיין רֵיין פוּן מַיין שְׁבוּעָה אוּנ נֶעם צוּא מַיין זוּן אַוַוייבּ פוּן דִי טֶעכְטֶר עָנֶר אֶשְׁכּוֹל וּמַמְרֵא מַיין חַבְרוּתָה אוּנ אַבְרָהָם הָאט תְּפִלָּה גֶטוּאוּן אוּנ הָט גֶזָאגְט (יְיָ אֱלֹהֵי הַשָּׁמַיִם אֲשֶׁר לְקָחַנִי מִבֵּית אָבִי) דֶער גָאט פוּן דֶעם הוּמוּל וָוס עֶר הָט מִיךְ גוּפִירְט פוּן מַיין פָּטֶרְס הוֹיז אוּנ פוּן דֶם לַאנְד פוּן מַיין גְבּוּרוּן דֶער זָאל שׁוּקִין אַמַלְאָךְ פַר דִיר אוּנ דוּ זָאלְסְט נֶעמְן אַוַוייבּ צוּא מַיין זוּן יִצְחָק פוּן דָרְטְן דֶר תּוֹלְדוֹת יִצְחָק פְרֶעגְט וָוס הָט אַבְרָהָם גֶדַארְפְט צוּ גֶדֶענְקִין אוּנ זַיין תְּפִלָּה דָם גָאט הָט אוּם גְפִירְט פוּן זַיין פָאטֶרְס הוֹיז אוּנ פוּן זַיין גְבּוּרוּן לַאנְד דֶר תֵּירוּץ אִיז אַבְרָהָם הָט גֶזָאגְט אוּנ זַיין תְּפִלָּה דוּ גָאט הָאסְט מִיךְ גוּפִירְט פוּן מַיין פָאטֶרְס הוֹיז אוּנ פוּן מַיין גְבּוּרוּן לַנְד אוּנ וִוי קֶען אִיךְ הַיינְט נֶעמְן אַוַוייבּ פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה דְרוּם אִיז רֶעכְט דוּ זָלְסְט שׁוּקִין אַמַלְאָךְ מִיט אֱלִיעֶזֶר עֶר זָאל קֶענִין נֶעמְן אֵיין וַוייבּ צוּא מַיין זוּן פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה וַוייל אִיךְ הָבּ גֶהַלְטִין דַיין גוּבָּאט אִין בּוּן אַוֶועק גֶגַאנְגִין פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה (וַיִּקַּח הָעֶבֶד עֲשָׂרָה גְמַלִּים מִגְּמַלֵּי אֲדוֹנָיו וַיֵּלֶךְ וְכָל טוּב אֲדוֹנָיו בְּיָדוֹ) אֱלִיעֶזֶר הָט גֶנוּמְן צֶעהִין קֶעמְלִין פוּן אַבְרָהָמְס קֶעמְלִין דֶען דִי קֶעמְלִין פוּן אַבְרָהָם זֶענִין דֶער קֶענְט גְוֶועְן מֶער פוּן אַלֵי קֶעמְלִין וַוייל זֵיי פְלֶעגִין גֵיין פַר בּוּנְדִין זֵייעֶרֵי מַיילֶר דָם זֵיי זָאלִין נִיט עֶסִין פוּן פְרֶעמְדֵי פֶעלְדֶר אוּנ אֱלִיעֶזֶר הָט גֶנוּמְן אַשְׁטַר מַתָּנָה פוּן אַבְרָהָם דָם עֶר הָאט גְשֶׁענְקְט גָאר זַיין גוּט צוּ יִצְחָק כְּדֵי זֵיי זָלִין וֶועלִין שִׁיקִין זֵייעֶר טָאכְטֶר וֶוען זֵיי וֶועלִין זֶעהִין דָם יִצְחָק אִיז זֵייעֶר רַייךְ:

ויברך

של"ה הקדוש

אַבְרָהָם כְּלוֹמַר אֱלִיעֶזֶר אִיז גְוֶועזִין דֶער עֶלְסְטוּר אוּנ הוֹיז פוּן אַבְרָהָם וָועלְכוּר הָאט גְקָאנְט הֶערְשׁוּן אוּבּוּר וָוס עֶר הָאט גֶהַאט צוּ טָאן דֶער מִיט צְדָקוֹת אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים נִיט וִויא אַנְדֶרֵי עֲשִׁירִים וָועלְכֵע זֶענִין קַמְצָנִים אוּנ קֶענִין קֵיין צְדָקָה נִיט גֶעבּוּן אַזוֹ וִויא זֵייא וָואלְטִין קֵיין מֶמְשָׁלָה נִיט גֶהַאט אוֹיף זֵייעֶר אֵיינְגֶענוּם פַאר מֶעגִין:

דָא קוּמְט אֱלִיעֶזֶר צוּא דֶער שְׁטָאט נָחוֹר מוּט דוּא קֶעמְלוּן :



(וַיַּבְרֵךְ הַגְּמַלִּים וגו׳) אֱלִיעֶזֶר אִיז גְקוּמוּן צוּ דֶער שְׁטָאט נָחוֹר אוּנ הָט גְמַכְט דוּא קֶעמְלִין קְנִיאוּן בַּיי דֶער בְּרוּנוּ צוּא אָן טְרִינְקוּן זַיי אוּנ דָם אִיז גְוֶועֶן פַר נַאכְט צוּ דֶר צַייט וָום דוּ יוּנְג פְרוֹאוּן גֵּיין אַרוּם וַואסוּר שֶׁעפוּן אוּנ אֱלִיעֶזֶר הָט תְּפִלָּה גְטוּן (וַיֹּאמַר יְיָ אֱלֹהֵי אֲדוֹנִי אַבְרָהָם הַקְרֵה נָא לְפָנַי הַיּוֹם) אוּנ הָט גְזָאגְט לִיבּוּר גָאט מַאךְ טְרֶעפוּן פַר מוּר הַיינְט דָם דוּ מוּד זָאל קוּמוּן צוּם בְּרוּנוּן צְוִישׁוּן אַנְדֶרוּ מֵיידוּן אוּנ דוּ יוּנְג פְרוֹי וָום אוּךְ וֶועל זָאגוּן צוּא אוּר גוּבּ מוּר טְרִינְקוּן אוּנ זוּא וֶועט זָאגוּן טְרִינְק אוּנ דַיינוּ קֶעמְלִין וֶועל אוּךְ אוּיךְ אָן טְרִינְקוּן (אוֹתָהּ הוֹכַחְתָּ לְעַבְדְּךָ לְיִצְחָק) זוּ הָסְטוּ בַּוֶוערְט צוּ דַיין קְנֶעכְט יִצְחָק כְּלוֹמַר וַייל דוּ יוּנְג פְרוֹי וֶועט טָאן חֶסֶד בַּיי דֶר בְּרוּנוּ אַזוּ אִיז זוּא רָאוּי צוּ יִצְחָק צוּא אַוַוייבּ זוּא זָאל קוּמוּן אוּנ דֶעם הוֹיז פוּן אַבְרָהָם וָום דָרְטוּן טוּט מֶען פוּל חֶסֶד מוּט לַייטוּן (וּבָהּ אֵדַע כִּי עָשִׂיתָ חֶסֶד עִם אֲדוֹנִי) אוּנ מוּט דֶר יוּנְג פְרוֹא וִויל אוּךְ וִויסוּן דָם דוּ גָאט הָסְט גְטוּן חֶסֶד מוּט מַיין הַאר אַבְרָהָם כְּלוֹמַר דוּא גָאט זָלְסְט מִיר צוּ שׁוּקוּן דָם אַיוּנְג פְרוֹיא פוּן מַיין הַארִינְם מִשְׁפָּחָה זָאל מוּר אַזוּ זָאגוּן דֶער הַזְקוּנִי פְרֶעגְט וָוארוּם הָט אֱלִיעֶזֶר גְוָולְט דֶער קֶענוּן רִבְקָה בַּיי דֶר בְּרוּנוּ אוּבּ זוּא טוּט חֶסֶד מוּט לַייטוּן עֶר וָואלְט הָאךְ גְקֶענְט דֶר קֶענוּן זוּא אוּנ אוּר פָּטֶרֶם הוֹיז

אוּבּ זוּ אִיז פְרוּם אוּנ קְלוּג אִיז דֶר תִּירוּץ בַּיי דוּ פָּטוּר אוּנ מוּטֶר אוּנ הוֹיז קֶען מֶען אַזוּ נוּט דֶר קֶענוּן דָם קִינְד אוּבּ עֶם אִיז קְלוּג דֶען עֶם מֶעג זַיין נַארוּשׁ נָאר פָאטֶר אוּנ מוּטֶר וַוייזוּן דָם קוּנְד אוּנְטֶר חָכְמוֹת צוּ שְׁטֶעלוּן זוּךְ קְלוּג אַקֶעגוּן דֶעם אוֹרֵחַ דְרוּם הָט אֱלִיעֶזֶר גְוָואלְט זוּא דֶר קֶענוּן בַּיי דֶר בְּרוּנוּ וֶוען זוּא וֶועט זַיין אַלֵיין עֶר זָאל פוּן אוּר אַלֵיין הֶערוּן חָכְמוֹת אוּיךְ שְׁרַייבְּט דֶער הַזְקוּנִי אֱלִיעֶזֶר הָאט דְרוּם גְנוּמוּן צֶעהוּן קֶעמְלוּן מוּט זוּךְ צוּ מַאכוּן רַייטוּן אוּף זַיי צֶעהְן מֶענְשׁוּן כְּדֵי עֶר זָאל הָאבּוּן אַמִנְיָין צוּ דֶר בְּרָכָה פוּן דֶר חוּפָּה (וַיְהִי הוּא טֶרֶם כִּלָּה לְדַבֵּר) אוּנ עֶם אִיז גְוֶוען אֵיי אֱלִיעֶזֶר הָאט דוּא רֵייד אוּים גְרֶעט אִיז גְקוּמוּן צוּא גֵּיין רִבְקָה דוּא טָאכְטֶר פוּן בְּתוּאֵל אוּנ אוּר קְרוּג אִיז גְוֶוען אוּיף אוּר אַקְסוּל דֶר בְּחַיֵּי פְרֶעגְט וָום דַארְף דֶר פָּסוּק צוּ זָאגוּן (וַיְהִי הוּא) לָאז עֶר נָאר זָאגוּן (וַיְהִי טֶרֶם כִּלָּה לְדַבֵּר) דֶער תִּירוּץ אִיז דָם וָוארְט (הוּא) וַוייזְט אוּף גָאט עֶר הֵייסְט (הוּא) אַזוּ וִוי עֶם שְׁטֵייט (הוּא עָשָׂנוּ) כְּלוֹמַר גָאט הָט גוּשׁוּקְט אֵיין מַלְאַךְ מוּט אֱלִיעֶזֶר אוּנ עֶר הָט גְהָלְפוּן דָם רִבְקָה אִיז בַּאלְד גְקוּמֶן צוּם בְּרוּנוּן (וַתֵּרֶד הָעַיְנָה וגו׳) אוּנ רִבְקָה הָט גְנוּדוּרְט צוּם קְוַואל בְּרוּנוּן אוּנ הָט אָן גְפוּלְט אוּר קְרוּג אוּנ אִיז אוּף גְגַאנְגוּן אוּנ שְׁטֵייט נוּט (וַתִּשְׁאַב) זוּ הָט אָן גְשֶׁעפְּט נָאר (וַתְּמַלֵּא) פוּן דַנוּן לֶערְנוּן אוּנְזֶערוּ חֲכָמִים אָפּ דָם דָאם וַואסוּר אִיז אוּף גְגַאנְגוּן אַקֶעגוּן רִבְקָה אַזוּ הָאט זוּא נִיט גְדַרְפְט אָן שֶׁעפוּן נָאר אָן פוּלוּן אוּר קְרוּג אוּנ וִוי אֱלִיעֶזֶר הָט גְזֶעהְן דָם דוּא וַוסוּר זֶענוּן אוּף גְגַאנְגוּן אַקֶעגוּן אוּר אַזוּ אִיז עֶר בַּלְד גְלָפוּן אַקֶעגוּן אוּר אוּנ הָט אִיר גְזָאגְט גוּבּ מוּר אַבּוּסוּל וַואסוּר צוּא טְרוּנְקוּן דֶער תּוֹלְדוֹת יִצְחָק שְׁרַייבְּט דֶער פָּסוּק (וַתְּמַלֵּא כַדָּהּ וַתָּעַל) לֶערוּנְט אוּנְז דָאם וִוי בַּאלְד זוּ הָאט אָן גוּפוּלְט אוּר קְרוּג אַזוּ אִיז זוּ בַּאלְד אוּיף גְגַאנְגוּן פוּן

דער ברונו נוט אזו וויא אנדרו מיידלעך דו פלעגון זוך זומון בייא דו ברונו אובר רבקה אוז גוועז אצנועה אונ אוז באלד אויף גוגנגון (והנערה טובת מראה מאוד וגו׳) אונ דויונג פרוי אוז גוועז זייער שיין אן זוכטונג זו אוז גוועז אבתולה אונ קיין מאן האט זו נוט בשלאפון דר תולדות יצחק שרייבט דער פסוק לערונט אונז דאס גאט האט אן גנומון דו תפלה פון אליעזר אונ האט גמאכט קומון צום ברונון אזו איונג פרויא וואס פלעגט קיין מאל נוט גיין צום ברונון דען זו פלעגט מורא האבון פר דו בחורים אונ נוט דם אליין זו פלעגט נוט גיין צום ברונון נייערט אפילו אונ איר הויז האט מען זו אויך נוט גקענט זעהן ווייל זוא אוז גוועז אגרוסו צנועה דם זאגט דר פסוק (ואיש לא ידעה) קיין מאן האט זו נוט גקענט דר פסוק לערונט אונז דם רבקה אוז גוועז פרום (ותכל להשקותו) אונ זו הט פר לענט צו אן טרונקון אום האט זו גזאגט אוך וועל דיינו קעמלון אויך אן טרונקון (והאיש משתאה לה) אונ אליעזר הט זיך פאר וואונדרט אוף איר ווייל ער הט גזעהן דם גאט הט אום אן גהובון צו בגלוקון (ויקח האיש נזם זהב בקע משקלו ושני צמידים על ידיה וגו׳) אונ אליעזר הט גנומון אגולדונום נאז באנד אהעלבלונג אוז גוועז זיין גוועכט אונ צווייא האנד בענדלוך אויף אורו הענד צעהן גולדון אוז גוועזן זייער גוועכט דר חזקוני שרייבט עס שטייט נוט (ויתן אל הנערה) ער האט געבון דאס צוא איר נייערט עס שטייט (ויקח) דם אוז גמיינט אליעזר האט דאס אליין גנומון אונ זיין האנד אונ הט דאס אן גברייט צו געבון איר ווען ער וועט גוואר ווערון ווער זוא אוז אונ ער הט זו פרור גפרעגט (בת מי את) וועמוס טאכטער בוסטו נאך איין פשט שרייבט ער האט פרור געגבון דו צורונג איי ער הט זוא גפרעגט ווער זו אוז כדי ער זאל ווייזון דם ער אוז גאנץ רייך נאר פר בתואל אונ לבן האט ער גזאגט דאס ער האט זו פרור גפרעגט אונ דר נאך האט ער איר געבון דו צורונג ווייל ער האט זוך פאר זעכורט אויף דם זכות פון אברהם דאס זוא מוז זיין פון אברהמס משפחה אונ דרום האט ער איר געבון איין גולדונום נאז באנד דאס גוויכט פון איין העלבלונג צוא איין רמז דאס אורו קונדער וועלון געבון שקלים אוטלוכער איין העלבלונג אונ דו צווייא האנד בענדלוך זענון איין רמז אויף צווייא לוחות דאס אורו קונדר וועלון מקבל זיין פון גאט אונ זייער גוועכט אוז גוועזן צעהן גולדון דאס אוז איין רמז אויף דוא עשרת הדברות (היש בית אביך מקום לנו ללין) אליעזר הט גפרגט רבקה אוז דא בייא דיין פאטר אונ הויז איין אורט צו אונז איין נאכט לעגר הבון דרום שטייט (ללין) מוט איין יוד דם אוז טייטש צו איין נאכט לעגר האבון הט רבקה אום גענפערט (מקום ללון) מוט איין וואו דאס אוז טייטש בייא מיין פאטר אונ הויז אוז דא איין אורט צוא אובר נעכטונגן פול נעכט דער תולדות יצחק שרייבט רבקה האט גענפערט צוא אליעזר מוט חכמה דען אליעזר הט זוא גפרעגט (מקום לנו ללין) אוב בייא דיין פטור אוז דא איין אורט צו אונז צו איין נאכט לעגור הבון האט זו אום נאר גענפרט (מקום ללון) עס אוז דא איין אורט צו אובר נעכטוגן אפילו פול נעכט אונ הט נוט גוולט זגון צו איך דען זו הט זיך גטראכט טאמור וועט דר פאטור נוט וועלון זייא לאזון אובור נעכטיגון (ויקוד האיש וישתחו ליי׳) אליעזר האט זוך גובוקט צו גאט אונ הט אום גדאנקט דר פר וום ער האט אום גפורט אונ רעכטון וועג (ותרץ הנערה ותגד לבית אמה) אונ דוא מוד איז גלופון אונ הט דם גזאגט צו איר מוטר דען דער סדר

אִיז דָם אֵיין טָאכְטֶר זָאגְט אַלֵּין צוּ אוּר
מוּטֶר וָואס זוא וֵוייסְט (וַיָּרָץ לָבָן אֶל
הָאִישׁ) אוּנ ווי לָבָן הָט גְזֶעהְן דָם צוּרוּנְג
וָואס רִבְקָה הָט בַּאקוּמוֹן פוּן אֱלִיעֶזֶר אַזוֹ
אִיז עֶר אוּם גְלָאפוּן אַקֶעגוּן אוּנ הָט זוּךְ
גְשְׁטֶעלְט בַּיי אֱלִיעֶזֶר בַּיי דֶר בְּרוּנוּ אוּנ
הָאט גְזָאגְט צוּ אֱלִיעֶזֶר קוּם אוּנ הויז
אַרַיין מוּר הָאבוּן דָאס הויז אוּים גְרוּמְט
פוּן ע"ז אִיז עֶר גְקוּמוּן אוּנ הויז אַרַיין
אִין מֶען הָט גְגֶעבוּן עֶסוּן צוּ דוּ קֶעמְלוּךְ
אִין וַואסוּר צוּא וַואשׁוּן דוּא פוּס פוּן
אֱלִיעֶזֶר אוּנ דוּ פִּים פוּן דוּ מַנוּן וָוס מוּט
אִים זֶענוּן גְוֶועְן (וַיּוּשָׂם לְפָנָיו לֶאֱכוֹל) אוּנ
עֶס אִיז פַאר אוּם וָוארוּן גְטָאן עֶסוּן אוּנ
אֱלִיעֶזֶר הָאט גְזָאגְט אוּךְ וֶועל נוּט עֶסוּן
בִּיז אוּךְ וֶועל רֵיידוּן וָוס אוּךְ דַארְף צוּא
רֵיידוּן דֶער בְּחַיֵּי אוּנ דֶער בַּעַל הַטוּרִים
שְׁרַייבוּן זַיי הָאבוּן סַם הַמָּוֶת אוּם אַרַיין
גְטָאן אוּנ שׁוּסוּל כְּדֵי עֶר זָאל שְׁטַארְבוּן
אִין זַייא זָאלוּן אוּם יַרְשׁוּנוּן אוּנ זַייא
הָאבוּן גְאַיילְט אוּיף אוּם עֶר זָאל בַּאלְד
עֶסוּן הָאט אֱלִיעֶזֶר גְזָאגְט אוּךְ בִּין דֶער
קְנֶעכְט פוּן אַבְרָהָם אוּךְ קֶען בַּאלְד נוּט
עֶסוּן אוּךְ טוּא מוּךְ פְּרוּר וַואשׁוּן אוּנ
זָאגוּן עַל נְטִילַת יָדַיִם אוּנ מַאכוּן הַמּוֹצִיא
אִין אֱלִיעֶזֶר הָט זוּךְ גְטְרַאכְט דוּרְךְ דֶעם
זְכוּת פוּן דוּ בְּרָכוֹת וֶועט עֶר נִיצוֹל וֶוערוּן
אִיז גְקוּמוּן אֵיין מַלְאָךְ אוּנ הָאט אוּבּוּר
גְקֶערְט דוּ שׁוּסוּל מוּט דֶר זַייט פוּן דֶעם
סַם הַמָּוֶת צוּא בְּתוּאֵל אוּנ עֶר הָאט
גְגֶעסוּן דֶעם סַם הַמָּוֶת אוּנ אִיז בַּאלְד
גְשְׁטָארְבוּן דְרוּם שְׁטֵייט וַייטוּר (וַיֹּאכְלוּ
וַיִּשְׁתּוּ הוּא וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר עִמּוֹ) אֱלִיעֶזֶר
מוּט זַיינוּ מַאנוּן הָבוּן גְגֶעסוּן אוּנ גְטְרוּנְקוּן
אוּנ שְׁטֵייט נוּט דָם דָם הויז גְזוּנְד פוּן
בְּתוּאֵל הָאבוּן אוּךְ גוּגֶעסוּן מוּט אוּם דֶען
זַייא זֶענוּן גְוֶועְן אֲבֵלִים וַוייל בְּתוּאֵל אוּז
בַּיי דֶם טוּשׁ גְשְׁטָרְבוּן אוּנ צְוֵויי שָׁעָה אוּף
דֶעם טָאג אִיז אֱלִיעֶזֶר אַרוּם גְגַאנְגוּן מוּט
רִבְקָה פוּן חָרָן אוּנ דֶר מַלְאָךְ הָט גְמַכְט
דָם זַייא זֶענוּן אוּנ אֵיין טָאג גוּקוּמוּן קֵיין
חֶבְרוֹן אוּנ פוּן חֶבְרוֹן קֵיין חָרָן אִיז גְוֶועְן
זִיבּוּצוּן טָאג גַאנְג אוּנ דֶעסְט גְלַייכוּן אַזַ
אֱלִיעֶזֶר אִיז אַרוּם גְגַנְגוּן פוּן אַבְרָהָמְס הויז
צוּ גֵיין קֵיין חָרָן נָאךְ רִבְקָה אִיז עֶר דֶם
וֶועג גְגַאנְגוּן אוּנ דְרַיי שָׁעָה וָואס מֶען
פְּלֶעגְט צוּ גֵיין אוּנ זוּבְּצוּן טָאג אַזוֹ ווי
אוּנ פָּסוּק שְׁטֵייט וָאָבוֹא הַיּוֹם אֶל הָעָיִן
אוּךְ בּוּן הַיינְט גוּקוּמוּן צוּם קְוַואל בְּרוּנוּ
כְּלוֹמַר הַיינְט בּוּן אוּךְ אַרוּם גְגַנְגוּן פוּן
דֶער הֵיים אוּנ הַיינְט בּוּן אוּךְ גוּקוּמוּן
צוּא דֶער בְּרוּנוּ אוּנ אֱלִיעֶזֶר אִיז אוּף
גְשְׁטַאנוּן פְרוּא אוּנ הָט גְזֶעהְן דֶר מַלְאָךְ
שְׁטֵייט אַזוֹ הָט עֶר גוּזָאגְט צוּ זַיי זוּמְט
מוּךְ נוּט אוּנ לָאזְט מוּךְ גֵיין מוּט רִבְקָה
אוּנ ווי אֱלִיעֶזֶר אִיז גְגַנְגוּן מוּט רִבְקָה
אַזוֹ הָאבוּן זַיי אוּפוּן וֶועג גְזֶעהְן ווי יִצְחָק
גֵייט אוּנ פֶעלְד עֶר אִיז אַרוּם גְגַנְגוּן פוּן
דֶם גַן עֵדֶן אוּנ רִבְקָה הָט גְזֶעהְן בִּנְבוּאָה
עֶס וֶועט פוּן אוּר אַרְשָׁע אַרוּם קוּמוּן
אוּז זוּא אַרָאפּ גְפַאלוּן פוּן דֶעם קֶעמוּל
(וַיֵּ בֵּרֵךְ וגו׳) אֱלִיעֶזֶר אִיז גְוֶועְן אַזוֹ ווי
אֵיין שַׁדְכָן עֶר הָאט גְלוּבְּט זַיין הַאר
אַבְרָהָם דָאס עֶר הָאט פוּל בְּרָכוֹת אוּנ
גָאלְד אוּנ זוּלְבֶּר אוּנ קְנֶעכְט דֶר חִזְקוּנִי
שְׁרַייבְּט דְרוּם שְׁטֵייט אוּנ פָּסוּק (וַעֲבָדִם)
אָן אֵיין יוּד צוּ וַוייזוּן דָאס אַבְרָהָם הָאט
נָאר אֵיין קְנֶעכְט גוּהַאט דֶעם אֱלִיעֶזֶר
אוּבֶּר עֶר בַּשְׁטֵייט צוּא אַבְרָהָם פַר פוּל
קְנֶעכְט אוּנ אֱלִיעֶזֶר הָאט גְזָאגְט שָׂרָה
מַיין הַארוּנְס רֶעכְט וַוייבּ הָט גְוִוינוּן אַזוּן
צוּ מַיין הַארֶען (אַחֲרֵי זִקְנָתָהּ) נָאךְ אוּר
עֶלְטוּר אוּנ מַיין הַאר הָאט דֶעם זוּן פַר
שְׁרוּבּוּן וָוס עֶר הָט דֶער חִזְקוּנִי שְׁרַייבְּט
אֱלִיעֶזֶר הָט דְרוּם גְזָאגְט דָם זוּ הָט אוּם
גְוִוינוּן נָאךְ אוּר עֶלְטוּר צוּ וַוייזוּן זַיי דָם
זוּא וֶועט שׁוּין מַיין קֵיין קוּנְדֶער נוּט
הָאבוּן וַוייל זוּ הָט אוּם שׁוּן גְוִוינוּן אוּף
דֶר עֶלְטֶר אַזוֹ וֶועט דֶר זוּן אַלֵּין יַרְשְׁנוּן
דֶר תּוֹלְדוֹת יִצְחָק שְׁרַייבְּט אֱלִיעֶזֶר הָט
דְרוּם גְלוּבְּט זַיין הַאר אַבְרָהָם כְּדֵי דוּא
לַייט זָאלוּן נוּט טְרַאכְטוּן וִויא קֶען זַיין

דָאס יִצְחָק אִיז אַיין פְרוּמֶער מֶענְטְשׁ אוּנ
אַבְרָהָם אִיז נָאךְ אוּנ עֶרְשְׁטֶן עֲשִׁירוּת
וָאס דַארְף עֶר שׁוּקֶן אַזוֹ וַוייט צוּא
נֶעמֶן אַיין וַוייבּ צוּ זַיין זוּן עֶר קֶען דָאךְ
גּוֹיִם גִיפִינֶן אוּנ זַיין לַאנְד אַיין וַוייבּ
צוּ נֶעמֶן פַר זַיין זוּן דְרוּם הָאט אֱלִיעֶזֶר
גמוּזְט לַאנְג רֵיידִן אוּנ הָאט גְזָאגְט אוּר
זָאלְט נִיט טְרַאכְטִן דָם מַיין הַאר אִיז נִיט
אַזוֹ רַייךְ וִוי עֶר אִיז גִיוֶועזְן נַיין מַיין הַאר
אִיז גַאנְץ רַייךְ אוּנ יִצְחָק אִיז זַייעֶר גוּט
אוּנ פְרוּם דֶען שָׂרָה הָט אִים גִוִוינִן דוּרְךְ
אַיין נֵס אוּף אוּר עֶלְטֶר צוּ נַיינְצִיג יָאר אַזוֹ
קֶענְט אוּר פַר שְׁטֵיין דָם גָאט וֶועט דוּרְךְ
אַיין נֵס גוֹיִם שׁוּקִן אַייךְ אַיין גוּטִן זוּן אוּנ
אוּר זָאלְט נִיט טְרַאכְטִן דָם דִי קֶעמְלִן
מוּט דֶם גוּטְס וָוס אוּף וַוייז אַייךְ דָא דֶם
הָאבּ אוּךְ אַנְטְלוֹיגִן פוּן פְרֶעמְדִי לַייט
אַזוֹ וִויא דֶער סֵדֶר אִיז פוּן פִיל לַייט
דָאס פוּן אַיין שִׁידוּךְ וֶועגִן לַייאֶט מֶען
גֶעלְד אוּנ זִילְבֶּער פוּן פְרֶעמְדִי לַייט אוּנ
מֶען וַוייזְט עֶס זָאלְט אוּר דָאס נִיט
טְרַאכְטִן (וַיי' בֵּרַךְ וגו') דֶען גָאט הָאט
גִבֶּענְטְשְׁט מַיין הַאר מוּט עֲשִׁירוּת עֶר
דַארְף בַּיי קֵיינִם נִיט לַייאֶן נָאר אוּךְ בִּין
דְרוּם וָוארִן גִשִׁיקְט צוּא אַייךְ וַוייל מַיין
הַאר אַבְרָהָם ווַייל זַיין זוּן יִצְחָק נִיט נֶעמֶן
אַיין וַוייבּ פוּן דִי כְּנַעֲנִים נַייעֶרְט פוּן זַיין
מִשְׁפָּחָה אוּנ מַיין הַאר הָאט מוּךְ בַּשְׁוּוירִן
דְרוּף אוּךְ זָאל גֵיין צוּא אַייךְ (וָאוֹמַר אֶל
אֲדוֹנִי וגו') אוּנ אוּךְ הָאבּ גְזָאגְט צוּ מַיין
הַאר טָאמֶער וֶועט דִיא אִשָּׁה נִיט וֶועלִן
גֵיין נָאךְ מוּר אוּנ דֶעם לַאנְד אַרַיין הָט
מַיין הַאר גְזָאגְט גָאט וֶועט שׁוּקִן זַיין
מַלְאָךְ מוּט דוּר דוּ זָאלְסְט קֶענֶן נֶעמֶן
אַיין וַוייבּ צוּא מַיין זוּן פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה
רש"י שְׁרַייבְּט דְרוּם שְׁטֵייט אוּנ פָּסוּק אֻלַי
אָן אַיין וָאו אַזוֹ מַאכְט עֶס (אֵלַי) דָם אִיז
טַייטְשׁ צוּא מוּר דֶען אֱלִיעֶזֶר הָט גְזָגְט
לָאז דַיין זוּן יִצְחָק גִינוּמִן וֶוערִן צוּ מוּר
צוּא מַיין טָאכְטֶער הָאט אַבְרָהָם אוּם
גֶעעֶנְפֶערְט מַיין זוּן יִצְחָק אִיז וָוארִן
גִבֶּענְטְשְׁט פוּן גָאט אוּנ דוּא בּוּסְט פוּן
כְּנַעַן אַזוֹ בּוּסְט דוּא וָוארִן פַאר פְלוּכְט
דְרוּם קֶען מַיין זוּן דַיין טָאכְטֶער נִיט
נֶעמֶן דֶר חִזְקוּנִי שְׁרַייבְּט דְרוּם הָאט דִי
תּוֹרָה דָא גִוִויזִן דָאס אֱלִיעֶזֶר הָט גִוָּלְט
דָם יִצְחָק זָאל נֶעמֶן זַיין טָאכְטֶער אוּנ הָט
עֶס אוּבּוּנְנִיט גִשְׁרוּבֶּן וִוי אַבְרָהָם הָט גְזָגְט
דָם אֱלִיעֶזֶר זָאל גֵיין נֶעמֶן אַוַייבּ צוּ זַיין
זוּן פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה צוּא דַיי זוּן אוּנְזָדָאס
אֱלִיעֶזֶר אִיז גִוֶועזְן אַזוֹ וִוי אַשְׁדָּכָן אוּנ הָט
יִצְחָק זַייעֶר גְלוֹיבְּט פַר דִי פָאטֶר אוּנ מוּטֶר
פוּן רִבְקָה אוּנ הָט גְזָאגְט אוּךְ בִּין גֶערִין
גִוֶועזְן צוּ גֶעבִּין מַיין טָאכְטֶר צוּ יִצְחָק נָאר
מַיין הַאר הָט אוֹבֶּר נִיט גִוָאלְט (וָאֶשְׁאַל
אוֹתָהּ וגו') אֱלִיעֶזֶר הָט זֵיי דֶר צֵילְט אַלִין
וָוס עֶר הָאט גוּטִן דֶעם דָאזִיגִן טָאג אוּנ
אוּךְ וִוי אַזוֹ מוּט אִים הָאט זוּךְ גֶעפִירְט דֶם
עֶר אִיז אוּנ דְרַיי שָׁעָה גִגַאנְגִן פוּן חֶבְרוֹן
וָוס דָאס אִיז זִיבְּצֶעהִן טָאג גַאנְג אַזוֹ וִוי
אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (וָאָבֹא הַיּוֹם אֶל הָעָיִן)
אִיךְ בִּין הַיינְט גֶקוּמִי כְּלוֹמַר הַיינְט בִּין
אִיךְ אַרוֹיס גִגַאנְגִן פוּן דֶר הֵיים אוּנ הַיינְט
בִּין אוּךְ גֶקוּמִי אַהֶער צוּם בְּרוּנִן אוּנ הָב
גִפְרֶעגְט וֶועמִּס טָאכְטֶר בּוּסְטוּ אוּנ הָאבּ
אִיר דֶער נָאךְ גֶגֶעבִּין דוּא מַתָּנוֹת רש"י
שְׁרַייבְּט עֶר הָאט אוּר פְרוּר גֶגֶעבִּין דוּא
מַתָּנוֹת אֵיי עֶר הָאט זוּא גִפְרֶעגְט וֶועמוּס
טָאכְטוּר זוּ אִיז וַוייל עֶר אִיז בָּטוּחַ גִוֶועזְן
אִין אַבְרָהָמְס זְכוּת דָם זוּ מוּז גוֹיִם זַיין פוּן
זַיין מִשְׁפָּחָה נָאר פַאר אוּר פָאטוּר אוּנ
מוּטֶר הָט עֶר אַנְדֶרְס גְזָאגְט כְּדֵי זֵיי זָאלִן
אוּם נִיט פְרֶעגִן וִוי בּוּסְטוּ אַזוֹ אַיין נַאר
דָם דוּ הָאסְט גֶגֶעבִּין אַזֶעלְכוּ גוּטוּ מַתָּנוֹת
צוּ אַזוֹ אַיין מוּד וָוס הָאסְט זוּ נִיט גֶקֶענְט
וֶוער זוּ אִיז דְרוּם הָט אֱלִיעֶזֶר פַר זֵיי גְזָגְט
דָם עֶר הָט זוּ פְרוּר גִפְרֶעגְט וֶועמוּס טָכְטֶר
זוּ אִיז אוּנ דֶער נָאךְ הָט עֶר אוּר גֶגֶעבִּין
דִיא מַתָּנוֹת (וְעַתָּה אִם יֶשְׁכֶם עוֹשִׂים חֶסֶד
וֶאֱמֶת אֶת אֲדוֹנִי) אֱלִיעֶזֶר הָט גְזָאגְט וִוי לְט
אִיר טוּן מוּט מַיין הַאר חֶסֶד אוּנ אֱמֶת
זָאגְט מוּר פְרֶעגְט דֶער אִמְרֵי נוֹעַם וָואס

הָאט עֶר זַייא גְדַארְפְט אַזוֹ פוּל בֶּעטוּן הָאבּוּן זַייא דֶען נוּט גְוָואלְט גֶעבּוּן רִבְקָה אִין אַזוֹ אֵיין רַייךְ הויז דֶר תִּירוּץ אִיז זַייא הָאבּוּן גוּהֶערְט דָם דִי קוּנְדֶר פוּן אַבְרָהָם וֶועלוּן מוּזוּן זַיין אוּנ גָלוּת אַזוֹ הָאבּוּן זַיי נִיט גְוָואלְט גֶעבּוּן רִבְקָה צוּא יִצְחָק דְרוּם הָט אֱלִיעֶזֶר זוּ גְמוּזְט בֶּעטוּן טוּט חֶסֶד אוּנ אֱמֶת מוּט מַיין הַאר רַבִּי אִיסֶרִיל פְרֶעגְט וָוארוּם הָט אֱלִיעֶזֶר גְזָאגְט חֶסֶד וֶאֱמֶת מֶען זָאגְט נוּט קֵיין אֱמֶת נַייאֶרְט וֶוען מֶען טוּט אֵיין טוֹבָה צוּ אֵיין טוֹטוּן דָם מֶען הָאפְט נוּט עֶר זָאל וִוידוּר בַּצָלוּן פַר דֶר טוֹבָה דָם וֶוערְט גְרוּפוּן חֶסֶד אוּנ אֱמֶת כְּלוֹמַר אֵיין אֱמִיתֶר חֶסֶד אָן אֵיין בַּצָאלִינְג דֶער תִּירוּץ אִיז אֱלִיעֶזֶר אִיז גְוֶועזְן זַייעֶר קְלוּג הָט עֶר זַייא גְזָאגְט אוּךְ בֶּעט אַייךְ טוּט מוּט מַיין הַאר אֵיין אֱמִתִּין חֶסֶד אוּנ בַּגֶערְט נוּט עֶר זָאל אַייךְ בַּצָאלוּן דֶר פַר (וְאֶפְנֶה עַל יָמִין אוֹ עַל שְׂמֹאל) אֱלִיעֶזֶר הָט גְזָאגְט אוֹבּ אִיר וִוילְט מוּר נוּט גֶעבּוּן רִבְקָה וֶועל אוּךְ נֶעמוּן צוּ יִצְחָק אֵיין וַוייבּ פוּן דוּא טֶעכְטוּר פוּן יִשְׁמָעֵאל אוֹדוּר פוּן דוּא טֶעכְטוּר פוּן לוֹט (וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל וַיֹּאמְרוּ מֵיְיָ יָצָא הַדָּבָר לֹא נוּכַל דַּבֵּר אֵלֶיךָ וגו׳) הָאט לָבָן וּבְתוּאֵל גֶעֶנְפוּרְט פוּן גָאט אִיז אַרוֹם גְגַאנְגוּן דִי זַאךְ מוּר קֶענוּן צוּ דוּר נוּט רֵיידוּן בֵּייז אוֹדוּר גוּטְם לָבָן אִיז גְוֶוען אֵיין רָשָׁע עֶר הָאט גְרֶעט פְרוּר פַר דֶעם פָאטוּר אוּנ וַוייל עֶר אִיז גְוֶוען אֵיין חָכָם צוּ רֵיידוּן דְרוּם הָאט דֶער פָאטוּר אוּם גְלָאזְט פְרוּר רֵיידוּן אוּנ עֶר זָאגְט פְרוּר בֵּייז אוּנ דֶער נָאךְ גוּטְם אַלְיְין וַוייל עֶר אִיז גְוֶוען אֵיין רָשָׁע אוּנ הָאט מֶער אוּנ זִין גְהַאט צוּא טוּן בֵּייז וִוי גוּטְם דֶער בְּחַיֵּי שְׁרַייבְּט פוּן דַאנוּן לֶערִינְט מֶען אָפּ דָאם אוּמְלִיכוּר שִׁידוּךְ אִיז פוּן גָאט אַזוֹ וִוי דָא שְׁטֵייט דוּא זַאךְ אִיז אַרוֹם גְגַאנְגוּן פוּן גָאט אוּנְזֶרוּ חֲכָמִים זָאגוּן אוּיךְ פֶערְצִיג טָאג אֵיי דֶער מֶענְש וֶוערְט גְבָּארוּן רוּפְט מֶען אוּים אוּנ הוּמוּל דֶער מֶענְש זָאל נֶעמוּן יֶענוּמְס טָאכְטוּר

פַר אַוַוייבּ (הִנֵּה רִבְקָה לְפָנֶיךָ וגו׳) זַייא הָאבּוּן גְזָאגְט רִבְקָה אִיז פַר דוּר נֶעם זוּא אוּנ גֵיי צוּא דַיין הַארוּן אַזוֹ וִוי גָאט הָאט גְרֶעט אוּנ וִוי אֱלִיעֶזֶר הָט גְהֶערְט דוּא רֵייד הָט עֶר זוּךְ גוּבּוּקְט אוּנ גוּלוּבְּט גָאט אוּנ הָט אוּים גְצוֹגוּן זוּלְבֶּרְנוּ כֵּלִים אוּנ גוּלְדוּנוּ כֵּלִים אוּנ שֵׁיינוּ קְלֵיידוּר אוּנ הָאט זַייא גְגֶעבּוּן צוּא רִבְקָה אוּנ הָט זוּא מְקַדֵּשׁ גְוֶוען דֶער מוּט אוּנ גוּטוּ פֵּירוֹת הָאט עֶר גְגֶעבּוּן צוּ אוּר בְּרוּדֶר אוּנ צוּ אוּר מוּטֶר אוּנ זַיי הָאבּוּן גְגֶעסוּן אוּנ גְטְרוּנְקוּן אוּנ הָאבּוּן זוּךְ גְלֵייגְט שְׁלָאפוּן צוּא מָארְגוּן פְרוּ זֶענוּן זַיי אוּף גְשְׁטַאנוּן אִיז דֶר מַלְאָךְ וִוידוּר גוּקוּמוּן צוּ אֱלִיעֶזֶר אוּנ הָאט אוּם גְוָואלְט בַּלֵייטוּן אַהֵיים הָאט אֱלִיעֶזֶר גְזָאגְט צוּ זַיי שׁוּקְט מוּךְ אַהֵיים צוּ מַיין הַאר הָט אוּר בְּרוּדוּר אוּנ מוּטוּר גְזָאגְט לָאז רִבְקָה זוּמֶן בַּיי אוּנְז אֵיין יָאר אוֹדֶר צֶעהֶן חֳדָשִׁים אוּנ דֶער נָאךְ וֶועט זוּ גֵיין אוֹבֶּר בְּתוּאֵל הָט גָאר נוּט גְזָאגְט וַוייל עֶר אִיז גְשְׁטָארְבּוּן וָוארוּם עֶר הָט גְגֶעסוּן סַם הַמָּוֶת דֶר חִזְקוּנִי פְרֶעגְט פְרוּר הָאבּוּן זַייא דָאךְ גְזָאגְט (הִנֵּה רִבְקָה לְפָנֶיךָ קַח וָלֵךְ) רִבְקָה אִיז פַר דוּר נֶעם זוּ אוּנ גֵיי אוּנ הַיינְט הָאבּוּן זַייא גְזָאגְט לָאז רִבְקָה זוּמוּן בַּייא אוּנְז אֵיין יָאר אוֹדֶער צֶעהֶן חֳדָשִׁים דֶער תִּירוּץ אִיז פְרוּר הָאבּוּן זַיי נוּט גְוִויסְט דָם אֱלִיעֶזֶר אִיז אֵיין שָׁלִיחַ צוּ מְקַדֵּשׁ זַיין רִבְקָה דְרוּם הָאבּוּן זַיי גְזָאגְט נֶעם רִבְקָה אוּנ גֵייא מוּט אוּר כְּדֵי יִצְחָק זָאל זוּ מְקַדֵּשׁ זַיין דֶען עֶם אִיז נוּט רֶעכְט צוּ זוּמוּן זוּ אָן קִדּוּשִׁין אוֹבֶּר דֶער נָאךְ אַז זַיי הָאבּוּן גְזֶעהֶן דָאם אֱלִיעֶזֶר אִיז גְוֶועזְן אֵיין שָׁלִיחַ פוּן יִצְחָק צוּ מְקַדֵּשׁ זַיין זוּ אוּנ עֶר הָאט זוּא שׁוּן מְקַדֵּשׁ גְוֶוען פוּן יִצְחָקְן וֶוענוּן הָאבּוּן זַיי גְזָאגְט אַז זוּא אִיז שׁוּן מְקוּדֶשׁ לָאז זוּא זוּצוּן בַּיי אוּנְז עֶטְלוּכוּ חֳדָשִׁים צוּא מַאכּוּן אוּר קְלֵיידֶער אוּנ תַּכְשִׁיטִין אוּנ דֶער תּוֹלְדוֹת יִצְחָק שְׁרַייבְּט לָבָן אִיז גְוֶוען אֵיין גְרוֹסוּר רַמַּאי עֶר הָט דְרוּם פְרוּר נוּט גְזָאגְט לָאז רִבְקָה זוּצוּן בַּיי

אינז צו מאכון אור קליידר אונ תכשיטין דען ער האט זוך גטראכט אליעזר וועט מסכים זיין דרוף ניארט מען זאל זו אום געבון דר נאך דרום הט ער פרור גזאגט (מה׳ יצא הדבר קח ולך) דו זאך איז ארום גגאנגון פון גאט נעם זו אונ גיי מוט אור כדי אליעזר זאל ענפורון עס איז גוט דען ער וועט גערון זיין דאס מען וויל זו אום געבון אונ ער וועט נוט פרעגון אוף נדוניא אין ווי לבן הט געהערט דאס אליעזר הט גאט גלובט פר דם שידוך הט ער דר נאך גזאגט לאז רבקה זוצון ביי אונז איין צייט מיר זלון אור מכון קליידר אונ תכשיטין דען ער הט גוויסט דם אליעזר וועט זו נוט לזון זומון פון תכשיטין אונ נדוניא וועגון אפילו איין טאג (ויאמרו נקרא לנערה ונשאלה את פיה) זיי האבון גזאגט מור וועלון רופון רבקה אונ מור וועלון זוא פרעגון אוב זו וויל גיין פון דאנון לערנון אינזרו חכמים אפ דם מען מוז איין יתומה פרעגון אוב זוא וויל דעם מאן האבון פר איין מאן (ותאמר אלך) הט רבקה גזאגט איך וועל גיין אפילו אור וועט מוך נוט הייסון גיין דער בחיי פרעגט אקשיא אונ דער סדרה ווארום רופט דער פסוק צוא אליעזר צו צייטון עבד אונ צו צייטון רופט ער אום איש דם איז טייטש אחשובר מאן דר תירוץ איז צום ערשטון איי אליעזר איז גקומון צום ברונון אונ הט נאך דם מלאך נוט גזעהן רופט אום דער פסוק עבד אובור דער נאך אז אליעזר איז גקומון צום ברונון אונ האט גזעהון דעם מלאך רופט אום דער פסוק איש כלומר ער איז אחשובר מאן ווייל דר מלאך הט זיך צו אום בווייזון אונ פון וועגון דם כבוד פון דעם מלאך וום ער הייסט איש האט מען אליעזר אוך כבוד אן גוטון אונ מען הט אום גרופון איש אונ ווי באלד רבקה איז ווארון געבון אונ דער האנד פון אליעזר איז דאס שליחות פון דעם מלאך אום גוועזן אזו רופט אום דער פסוק ווידור עבד אזו ווי א עס שטייט (ויוצא העבד כלי כסף ויקח העבד את רבקה ויספר העבד ליצחק אזו הייסט ער אלין עבד איז דאך קשה ווארום האט לבן מוט זיין מוטער גזאגט צו רבקה (התלכי עם האיש הזה) ווילסטו גיין מוט דעם מאן אזו רופט אום דער פסוק אן איש דער תירוץ איז זיי האבון זוך גשעמט פאר אליעזר צו רופון אום אונ די אוגון עבד אונ אוך פון רבקס כבוד וועגון האבון זייא אום גרופון איש כלומר ער איז אחשובר מאן אונ אז דם איז אוים גוועזן זאגט דער פסוק (ותלכנה אחרי האיש ויקח העבד את רבקה וילך) דאס איז גמיינט זייא זענון גגאנגון נאך דעם מלאך וום ער הייסט איש אונ דער קנעכט אליעזר הט גנומון רבקה אונ איז גגאנגון פרעגט דער רמב״ן ווארום האט אליעזר זוא גדארפט געמון זוא איז דאך אליין גגאנגון דער תירוץ איז דוא ווייבר זענון גגאנגון מוט רבקה צו בלייטון זוא האט אליעזר מורא גהאט זיי זאלון זו נוט אוועק נעמון דרום האט ער גנומון רבקה ביי דער האנד זוא זאל זיין גאהונט פון אום ער זאל זוא הוטון פר זיי (ויצחק בא מבוא באר לחי ראי) אונ יצחק איז גוקומון פון דעם גן עדן (ויצא יצחק לשוח בשדה) אונ יצחק איז ארום גגאנגון פאר נאכט אונ פעלד ארין צוא דאווינון תפלת מנחה אזו הט ער גזעהן קעמלון קומון אונ רבקה האט אוף גוהובון אורו אוגון אונ האט גזעהון ווי יצחק גייט פון ווייטון הון אונ הער ער טוט זיך שעמון דען ער האט גזעהן דם אליעזר גייט מוט זיין כלה הט רבקה זוך גטרכט אלו לופון אקעגון איין כלה צו זעהן זו אונ דר מאן לופט נוט דם מוז זיין דר חתן אזו איז זוא פר שעמט אונ דער שראקון גווארון פר אום (ותפול מעל הגמל) אונ הט זוך ארפ גגלוטשט פון דעם קעמול (ותאמר אל העבד מי האיש הלזה ההולך בשדה לקראתנו ויאמר העבד הוא אדוני) הט

רבקה גזאגט צו אליעזר ווער איז דר מאן וואס גייט אונ פעלד אקעגין אונז הט דער קנעכט גזאגט דם איז מיין האר יצחק הט רבקה באלד גנומן אשלייאור אונ הט זיך צוא גדעקט דער תולדות יצחק פרעגט אקשיא ווארום האט אליעזר אצונד גזאגט אוף יצחק הוא אדוני ער איז מיין האר אונ בוז אהער אונ דר גאנצר סדרה זאגט אליעזר דם יצחק איז דער זון פון זיין האר אברהם אובור צו יצחק הט ער נוט גורופן האר דער תירוץ איז אז יצחק האט נוט גהאט קיין ווייב האט ער נוט גהייסן האר אובר אז רבקה איז גוקומן צו יצחק האט ער באלד אן גוהובן צו הייסן האר (ויביאה יצחק האהלה שרה אמו) יצחק האט גבראכט רבקה אונ דעם גצעלט פון שרה זיין מוטור כלומר עס האט זיך אום גדאכט גלייך ווי זיין מוטר לעבט נאך דען כל זמן שרה הט גלעבט האבן אורו לעבט גברענט פון שבת צו שבת אונ דוא ברכה איז גוועז אונ דעם טייג וואס שרה הט גמאכט אונ אוולקון איז גשטאנון אוף אור גצעלט אונ וויא באלד שרה איז גשטארבון אזו זענון דו דריי זאכון בטל גווארון אונ ווי רבקה איז גקומן זענון דוא דריי זאכון ווידור גקומן דרום האט זיך יצחק גדאכט גלייך וויא זיין מוטר שרה לעבט נאך (וינחם יצחק אחרי אמו) יצחק הט זיך גטרייסט נאך זיין מוטר דען דער סדר איז כל זמן דעם מענטשנס מוטר לעבט איז ער גוויינטליך מוט זיין מוטר אובר ווען דו מוטער שטארבט אזו איז ער גוויינטליך מיט זיין ווייב (ויוסף אברהם ויקח אשה) דער בחיי אונ דר תולדות יצחק אונ דר חזקוני שרייבון פון דאנון לערנון מור אפ

ווען ביי איינום שטארבט דם ווייב אונ ער האט קונדר זאל ער קיין ווייב נוט נעמון ביז ער זאל זיינו קונדער פרור חתונה מאכון דען ווען ער ווערט פרוער אווייב נעמון אזו וועט ער מוט זיינו קונדר נוט קענון קיין גוטו שידוכים טואון דען דוא לייט וועלון זאגון דוא קונדר וואס ער הט מיט דעם אנדורן ווייב דוא וועלון אלץ ירשונון דרום האט אברהם זיין זון פרור אווייב גגעבון אונ דער נאך האט ער ווידער אווייב גנומון (ושמה קטורה) אונ אור נאמון איז גוועז קטורה דאס איז הגר אונ דרום רופט זו דער פסוק קטורה וייל זונט זו האט זיך אפ גשייד פון אברהם הט זו נוט גוואלט אנאנדורון מאן אונ הט גווארט אוף אברהם אונ זו הט גהאט פול קונדער מוט אברהם נור זיי זענון נוט גוועזן קיין ערלוכו לייט דר בחיי שרייבט עס איז גודרונגן פון דם פסוק דם קטורה איז גוועזן הגר דען דר פסוק זאגט (ויוסף אברהם ויקח אשה) אברהם הט גמערט אונ הט גונומון איין אשה איז קשה וואס דארף ער צו זאגון ער הט גמערט לאז ער זאגון ער הט גונומון איין אשה דרום מוז זיין גדרונגן דם קטורה איז גוועזן הגר אונ זו הט ער שון פרור גהאט פאר אווייב אונ אצונד האט ער גמערט אונ הט זו ווידר גנומון פאר אווייב אונ נאך איז גודרונגן דאס קטורה איז גוועזן הגר דען ווי שוקט זיך עס דם אברהם זאל גאר זיין גוטם אוועק געבון צו יצחק אונ זאל דו קונדער פון קטורה נוט געבון צו ירשונון אזו וויא אונ פסוק שטייט (ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק) אברהם האט אוועק גגעבון גאר זיין פאר מעגון צוא יצחק אונ

של"ה הקדוש

(ויוסף אברהם ויקח אשה) אונ אברהם האט נאך אמאל אווייב גנומן אונ מדר"ש זאגט ר' יודן דא לערונט אונז דוא תורה דרך ארץ ווען איינער האט דער וואקסנו קונדר אונ דארף אליין אוך אווייב נעמן זאל ער פרוער דוא קונדר פר נארגן אונ דער נאך זאל ער ארום זיך טראכטון ביי אברהם זעהן מור דער ציילט די תורה פרואור (ויביאה יצחק האהלה) אונ יצחק הט גבראכט רבקה אונ דעם גצעלט פון זיין מוטור שרה . אונ דער נאך שטייט (ויוסף אברהם ויקח אשה) :

אונ דוא גמרא זאגט אז מען טאר נוט אוועק געמון דוא ירושה פון איין זון צו געבון זוא צום אנדרון זון אפילו פון אשלעכטון זון צו אגוטון זון נייערט אלו דארפון גלייך ירשונגן נאר דער תירוץ איז דו קטורה איז גוועזן הגר דו דונסט פון שרה אונ דו קונדער פון איין דונסט זענון גלייך וויא דוא דונסט אליין אונ זיי טואון נוט ירשונון נאך איין פשט איז דרום הט הגר גהייסון קטורה ווייל אורו מעשים זענון גוועזן שיין אזו ווי קטורת אונ חאטשו רש״י שרייבט אובון דם הגר האט זוך ווידער אום גקערט צוא דונגן ע״ז אונ דא שרייבט ער ווי אורו מעשים זענון גוועזן שיין אזו ווי קטורת איז דר תירוץ זו האט ווידר תשובה גוטון אונ איז פרום גווארון האט מען זוא גורופון קטורה (ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק) אברהם האט גגעבון צוא יצחק אכתב דם ער זאל גאר זיין גוטס ירשונון אובר דם קען נוט זיין דם אברהם הט גגעבון גאר זיין גוטס אונ דר האנד פון יצחק ביי זיין לעבון דען ווי הט אברהם גוויסט דם ער וועט געך שטרבון טאמר וועט ער נאך לאנג לעבון אזו וועט ער מוזון האפון אויף יצחק ער זאל אום געבון עסון (ולבני הפילגשים אשר לאברהם נתן אברהם מתנות) אונ צו דו קונדר פון דו קייפס ווייבר הט אברהם גגעבון מתנות דו תורה האט גושריבון פלגשים אן איין יוד צו ווייזון דם ער הט נאר איין פילגש גוהאט דו קטורה אונ ווייל זו איז זייער פרום גוועזן דרום האט אברהם זוא גונומון רש״י איז קשה איבון רופט זו דער פסוק אשה אונ דא רופט ער זו פילגש דרום שרייבט רש״י איין אשה הט איין כתובה אונ אקייפס ווייב האט קיין כתובה נוט אובר הגר הט יוא גהאט איין כתובה חאטשו זו איז גוועזן איין קייפס ווייב דרום רופט זוא דער פסוק אן אשה כלומר זו איז ביי אברהם

גוועזן חשוב ווי איין רעכט ווייב אונ ער הט אור גגעבון איין כתובה נאר אקעגון דעם וואס אורו קונדער זאלון ירשונון הייסט זו איין פילגש דם אורו קונדער ירשונון נוט נאך איז רש״י קשה גוועזן אברהם האט דאך שוין לאנג גגעבון איין כתב צו יצחק דאס ער זאל אליין ירשונון נאך אז אליעזר איז גגנגון נאך רבקה אונ וואס האט ער דא נאך איין מאל גגעבון דרום שרייבט רש״י רבי נחמיה זגט ער הט אום גגעבון דו ברכות אונ זיין האנד ער זאל בענשון וועמון ער וועט וועלון אונ וועמון ער וועט בענשון דר זאל זיין גבענשט (זקן ושבע) אברהם איז גשטרבון אלט אונ זאט פרעגט דער בחיי ווארום שטייט נוט (ושבע ימים) דם ער איז גוועזן זאט מוט פול יארון אונ טעג איז דר תירוץ אברהם איז נוט נאך גגנגון נאך תאות העולם ער זאל בגערון פול געלד דען פול מענטשון שטארבון אונ האבון נוט האלב פון זייער גלוסטן אזו וויא אונ פסוק שטייט (אהב כסף לא ישבע כסף) דער וום המי לוב זולבר דער קען זוך נוט אן זעטון מוט זולבר אונ דו חכמים האבון אויך אזו גזאגט אונ דער גמרא אמענש שטארבט נוט דם ער זאל האבון האלב פון זיין גלוסטון דען ווען ער האט הונדרט גולדן גלוסט ער צו האבון צוויי הונדרט גולדן דרום זאגט דר פסוק ביי אברהם ער איז גוועזן זאט פון אלדונג דען ער הט זוך גלאזט בגנוגון מוט דעם וום ער הט גהאט (ויקברו אותו יצחק וגו׳) אונ יצחק אונ ישמעאל האבון אום בגראבון אונ דער פסוק לערונט אונז דם ישמעאל האט תשובה גוטון אונ האט מכבד גוועזן צוא יצחק ער זאל פרור גיין ווייל ער איז מיין צדיק גוועזן פון אום אובור ווען ישמעאל וואלט קיין תשובה נוט גוטון וואלט גאט אום נוט גלאזט ער זאל קומון צו בגראבון אברהם ווייל ער איז גוועזן איין רשע אזו שרייבט רש״י אונ

דער רמב"ן אונ דער בחיי (ויגוע וימת) אברהם איז פר גאנגן אונ איז גשטארבן דאס ווארט גוויעה איז טייטש גרונג פר גאנגן געך אן צער אונ דאס שטייט נאר ביי אצדיק אזו שרייבט רש"י איז קשה ביי דעם דור המבול שטייט דאך אויך גוויעה שרייבט דער תולדות יצחק איין תירוץ ביידי רשעים שטייט גוויעה צו ווייזן דם זייא זענן געך גשטארבן אונ האבן נוט גקענט קיין צוואה לאזן צו זייערו קונדר אזו ווי דאס דור המבול זייא זענן געך אום גוקומן אובר ביי איין צדיק שטייט גוויעה צוא גוטן דאס ער איז גשטארבן געך אן צער אובר ער האט פרוער צוואה גלאזט (ויהי אחרי מות אברהם ויברך אלהים את יצחק) אונ נאך דעם דאס אברהם איז גשטארבן הט גאט גבענשט צו יצחק:

צאינה הפטרת חיי וראינה

(והמלך דוד זקן בא בימים אונ דער מלך דוד איז אלט גווארין ער איז גקומן אונ דוא טעג דם ער איז אלט גווארן זובציג יאר דען צו דרייסיג יאר איז ער מלך גווארן איז קשה ווארום רופט אום דער פסוק זקן ער איז דאך ניט זייער אלט גוועזן דער תירוץ איז ער איז אזו שלאף גוועזן אזו וויא אזקן פון הונדרט יאר ווייל ער האט אלו זיינו טעג מלחמה גהאלטין מוט פיל פעלקר אזו האט מען אום צוא גדעקט מוט קליידר אונ עם איז אים נוט ווארום גוועזן דער מדרש שרייבט דר מענש וום איז מבזה דוא קליידר פון זיין חבר אזו טאן אום זיינו קליידר נוט ווארימון אזו ווי מיר גופונן ביי דוד המלך ווייל ער האט אפ גשניטן דם קלייד פון שאול המלך דרום האבין איהם זיינו קליידר נוט גווארימט אויך זאגון דיא חכמים דאס דוד המלך האט איין מאל גזעהן דעם מלאך המות האט ער זוך דער שראקין דער פון איז אים אזו אלו זיינו טעג קלט גוועזן אונ אוף דער עלטר איז אום נאך קעלטר גוועזן (ויאמרו לו עבדיו יבקשו לאדוני המלך נערה בתולה) האבן זיינו קנעכט גזאגט צו אום לאז מען זוכען צוא אונזר האר דעם מלך איונגי בתולה זוא זאל דוך ווארימון (ויבקשו נערה יפה בכל גבול ישראל) אונ מען האט גזוכט אשיינו בתולה אונ גאר דעם גבול פון ישראל אונ מען האט גופונן אבישג פון שונם אונ מען האט זוא גבראכט צום מלך אונ זוא הט אום בדינט אונ דר מלך הט זוא ניט בשלאפין זוא זאל אום נאר ווארימן אונ אדוניה בן חגית דער זון פון דוד האט זוך ברימט צוא זאגין איך וועל זיין מלך נאך מיין פאטרם טוט אונ דר פטר הט אום קיין מאל נוט גשטראפט אונ טרויאריג גמכט אונ דר אדוניה הט זוך גמכט איין רייט וואגין אונ רייטר אונ פופציג מאן זענין גלאפין פאר אום וואס זענון גוועזן אויס גשניטן דוא מולץ אונ דם פלייש וום אינטר דר טריט פון דו פום כדי זיי זאלין געך לופון אין זאל זוך ניט צוא שטעכון דוא פום אונ דערנר אונ שטיינר אונ דער אדוניה איז גוועזן אשיינר מאן אונ האט זוך אובר גנומון אונ ער איז גבורן גווארן נאך אבשלום דר זון פון דוד

נופת

והמלך דוד זקן בא בימים וגו' ותבא בת שבע אל המלך החדרה (מלכים א' א') בת שבע איז גומיינט דו שכינה ווייל זו איז אונ זוך כולל זובון מדרגות (תא חזי) קום אונ זעה הקב"ה הט בשאפון זיבון אייבערסטו טעג אוף זיי הט ער גופלאנצט אונ גיבוים וועלטון דען עם שטייט נוט (כי בששת ימים עשה ה') דאס ב"ה הט בשאפון דו וועלט אונ זעקם טעג נייערט (כי ששת ימים וגו') דם טייטש גאט ב"ה הט בשאפון דו זעקם טעג אונ אנפקעגון דוא דאזוגו זיבון ימים עליונים האט ער בשאפון זובון רעכטו

צופים

צדיקים אוטלוכון אונ אזו אדור וום פאסט פאר אום דאס יעדור צדיק באזונדער זאל באפעסטיגון אונ בעלייכטון איין אנדער טאג דיזו זענון דוא דרייא אבות. אויך יוסף משה ואהרן ודוד. דוד המלך גיים פאר אוים אז דער פסוק זאגט (ובית דוד כאלהים כמלאך ה' לפניהם) ווייל ער איז אנטקעגון דעם טאג שבת דו אלו זובון צדיקים זענון באהעפט אן דוא שכינה הקדושה אונ אוטלוכר פון זייא האט זוך אום בצייכנט אונ עבודת הבורא ית"ש מוט איין באזונדרו מדה פון דוא זובון מדות וועלכו עם זענון דער מאנט

דוד (ויהיו דבריו עם יואב בן צרויה) אונ די רייד פון אדוניה איז גוועזן מוט יואב בן צרויה ער הט אויך מסכים גוועזן ער זאל זיין איין מלך דען יואב הט גהרגית אבנר בן נר אונ עמשא אונ אבשלום אונ דוד איז דר פר ברוגז גוועזן אויף יואב נאר ווייל ער איז גוועזן זיין הויפט מאן דרום האט ער אום ניט גהרגית ביי זיין לעבין אונ הט גוולט צוואה לאזין צו זיין זון ווס ווערט מלך ווערן נאך זיין טוט דם ער זאל זיך נוקם זיין פון יואב דרום הט יואב גוורט חנפינון צו אדוניה צו העלפין אום ער זאל מלך ווערן כדי ווען דוד וועט אום אן זאגין ער זאל אום הארגינן ער זאל אום דאך נוט הרגינון אונ אביתר הכהן האט אויך מסכים גוועזן דם אדוניה זאל מלך ווערן ווייל ער הט אים אפ גיזעצט פון צו זיין איין כהן גדול אין הט גמאכט צדוק צו אכהן גדול אונ צדוק הכהן אונ בניהו אונ נתן הנביא אונ שמעי אין רעי אונ אלו גבורים ווס צוא דוד דו אלו זענון נוט גוועזן מוט אדוניה (ויזבח אדוניה צאן ובקר ומריא) אונ אדוניה האט גשאכטון שאף אונ רונדר גשטאפטי רינדר בייא דעם אבן הזוחלת דם איז גוועזן אשטיין ווס דוא בחורים פלעגין זיך פריבן וער עס וועט קעגין דעם שטיין רורן אונ דער שטיין איז גוועזן ביי דר קוואל ברונו עין רוגל ווייל דוא וייבר האבן דרטין גוואשין אונ דער אדוניה הט גרופון צו זיינו ברידער אונ צוא דוא לייט פון יהודה דוא קנעכט פון דעם מלך אונ צו נתן הנביא אונ צו בניהו אונ צו זיין ברידר שלמה האט ער נוט גרופן (ויאמר נתן אל בת שבע אם שלמה) האט נתן גזאגט צוא בת שבע דוא

מוטר פון שלמה דוא ווייסט נוט דם אדוניה וויל מלך ווערין אונ אונזר האר דוד ווייסט דער פון נוט (ועתה לכי איעצך נא עצה) אונ אצינד גיי אוך וועל דיר איין עצה געבון דו זאלסט מאכין אנטרינן דיין לייב אונ דאס לייב פון דיין זון שלמה דען נאך דם ט״ט פון דוד וועט דיין זון שלמה וועלן מלך ווערן אזו וויא גאט הט אום צו גזאגט ער זאל מלך זיין אין ווען אדוניה וועט היינט מלך ווערין אונ וועט ביי זיך הבן דוא גבורים אזו וועט שלמה מוזן מיט אום מלחמה הלטין פר דער מלוכה אין עס וועט דור אויך אחרפה זיין דאס דוא וועסט מוזן דינון צוא אדוניה דרום גיב אוך דיר איין עצה גיי בלד צום מלך אונ זאג אום די האסט מור גשוורין דם מיין זון שלמה זאל מלך זיין אונ ווארום איז אדוניה מלך גווארן איז קשה ווארום הט דוד גשוורין דם זיין זון שלמה זאל מלך זיין ווער האט אום זען דער צו גנייט ער זאל שווערין דר תירוץ איז ווייל דם ערשטו קינד ווס בת שבע הט גהאט פון דוד איז גשטרבין אזו האט דוא גאנצי וועלט גזאגט עס איז דרום גשטרבין פון וועגין דר עבירה וואס דוד האט אוריהו דר שלאגון אונ הט זיין ווייב צו זיך גנומן אזו האט בת שבע גזאגט צוא דוד ווען אפילו זייא וועלין לעבון בלייבין דו קונדר וואס אוך וועל מוט דור הבן וועלון זיי דוא לייט מבייש זיין אונ וועלון זיי נדריג האלטין דרום וויל אוך מוט דיר נוט וואנין אזו הט דוד אור גשוורין דם דר ערשטר זון וואס זוא וועט האבן מוט אום דר זאל זיין מלך נאך זיין טוט איז דער ערשטר זון גוועזן שלמה אונ דם אלין האט נתן גוויסט בנבואה

דרום

נופת

אונ פסוק לך ה׳ הגדלה והגבורה וגו׳ והממשלה אברהם אבינו ע״ה וואס ער איז גוועזן דער גרוסור מכניס אורה אוך האט ער דער ערשטור דער קלערט דם עס גפונט זיך אבורא יחיד ומיוחד ומנהיג אוף דער וועלט איז זיין מדה גדול״ה דם הייסט חס״ד יצחק הט אלעמון גלערנט יראת שמים אונ וויא וייט מען מוז פחד האבון פר דעם דין פון הקב״ה וויא עס איז גשרובון ופחד יצחק היה לי וישבע יעקב בפחד אביו יצחק דרום איז זיין מדה גוועזן גבור״ה הייני דין יעקב אבינו ע״ה ווייל זיין הנהגה איז גוועזן אום גמושט פון ביידערלייא מדות חס״ד ונבור״ה ווס דם איז דוא ווכערסטו אונ שענסטו מדה פאר אמענטשין

צופים

מען זאל זוך האלטון בייא דעם מוטול וועג על כן ווערט זיין מדה גרופון תפאר״ת שיינקייט אוך אמ״ת אז דער פסוק זאגט תתן אמת ליעקב חסד לאברהם יוסף הצדיק וואס ער הט אונ הונגער אלעמון גשפייזט ווערט זיין מדה גרופון כ״ל לשון שפייז אז עס שטייט גשרובון ויכלכל יוסף וגו׳ דאס טייטש יוסף האט גשפייזט ממלכ״ה איז מדת דוד דם איז נוט צו שרייבון בדרך פשוט לסוף שטייט אז בשעת אברהם אבינו ע״ה הט כורת ברית גוועזן מוט דעם אבימלך מלך פלשתים הט ער אוועק גשטעלט זיבון שעפשון ארמו דאס דוא ישראל וועלון קיין כח נוט האבון צו גוועלטונון אובור דוא פלשתים בוז דוא צייט אז עס וועט שון

דְרוּם הָט נָתָן גְזָאגְט צוּא בַּת שֶׁבַע גֵיי צוּ דָוִד אִין זָאלְסְט אוּם דֶער צֵיילוּן דוּא רֵייד אִין אוּךְ וֶועל אָן קוּמִין אוּנ וֶועל אוֹיךְ נוּטֶע רֵייד פַאר דִיר רֵיידִין (וַתָּבֹא בַת שֶׁבַע אֶל הַמֶּלֶךְ הַחַדְרָה) אוּנ בַּת שֶׁבַע אִיז גְקוּמֶן צוּם מֶלֶךְ אוּנ זַיין חֶדֶר אִין חָאטְשֶׁי קֵיינֶר הָאט נוּט רְשׁוּת גְהַאט צוּא גַיין אוּנ דֶם חֶדֶר ווִי דָוִד אִיז גְלֶעגִין נָאר וַוייל בַּת שֶׁבַע אִיז אֵיין מַלְכָּה גְוֶועְן אִיז זוּא אַרַיין גַנָאנְגִן אָן רְשׁוּת אוּנ זוּ הָט זוּךְ גְבִּיקְט פַר דֶם מֶלֶךְ הָט דֶר מֶלֶךְ צוּ אִיר גְזָאגְט וָוס בֶּגֶערְסְטוּ הָאט בַּת שֶׁבַע גְזָאגְט אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ דוּא הָאסְט מִיר גְשְׁוָוארוּן דָאס זַיין זוּן שְׁלֹמֹה זָאל אַמֶלֶךְ זַיין אוּנ זָאל זִיצוּן אוֹיף דֶער שְׁטַיל פוּן דֶער מְלוּכָה אַצִינְד אִיז אֲדוֹנִיָה מֶלֶךְ גְוֶוארוּן אוּנ דִיא אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ וַוייסְט דֶער פוּן נוּט אוּנ אֲדוֹנִיָה הָט גְשָׁכְטוּן פוּל שָׁאף אוּנ רִינְדֶר אוּנ הָאט גְרוּפֶן אַלוּ קוּנְדֶר פוּן דֶעם מֶלֶךְ אוּנ צוּ אֶבְיָתָר הַכֹּהֵן אוּנ יוֹאָב דֶם הוּפְט מַאן אוּנ דַיין זוּן שְׁלֹמֹה הָט עֶר נוּט גְרוּפֶן אַזוֹ מוּז זַיין דָם עֶר ווִיל מֶלֶךְ וֶוערוּן דְרוּם רוּפְט עֶר אַזֶעלְכִי לַייט וָוס זָאלוּן אִים הֶעלְפוּן צוּ דֶר מְלוּכָה אוּנ דִי אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ וַוייסְט דֶם כָּל יִשְׂרָאֵל וַורְטִין אוֹיף דַיינוּ רֵייד וֶועמוּן דוּ וֶועסְט הֵייסִין דֶער זָאל מֶלֶךְ זַיין (וְהָיָה וגו׳) אוּנ עֶס וֶועט זַיין וֶוען דוּא אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ וֶועסְט שְׁטַרְבִּין אַזוֹ ווִי דַיינוּ עֶלְטֶרִין (וְהָיִיתִי וגו׳) וֶועל אוּךְ אוּנ מַיין זוּן שְׁלֹמֹה זַיין גְמִינֶרְט פוּן דֶר מְלוּכָה אוּנ אַטֵייל חֲכָמִים זָאגִין חַטָּאִים אִיז טַייטְשׁ זוּנְדִיג דָאס לַייט וֶועלוּן זָאגוּן פוּן וֶועגִין דֶר עֲבֵירָה וָואס דָוִד הָאט צוּ גְנוּמֶן דֶם וַוייבּ פוּן אוּרִיָה דְרוּם אִיז שְׁלֹמֹה קֵיין מֶלֶךְ נוּט גְוָוארוּן אוּנ אַטֵייל חֲכָמִים זָאגוּן חַטָּאִים הָאט זוּא גְמֵיינְט אוֹיף דָוִד וֶוען דוּ וֶועסְט נוּט מַאכִין שְׁלֹמֹה פַר אֵיין מֶלֶךְ אַזוֹ וֶועסְטוּ זוּנְדִיגְן דֶען דוּ הָסְט גְשְׁוָוארְן דָאס שְׁלֹמֹה זָאל מֶלֶךְ זַיין אוּנ אַזוֹ ווִי זַיי הָבְּן מִיט אַנַנְדֶר גְרֶעט אִיז נָתָן הַנָּבִיא אוּךְ גְקוּמֶן צוּ גַיין הָט מֶען גְזָאגְט צוּם מֶלֶךְ דֶם נָתָן אִיז גְקוּמוּן אַזוֹ אִיז נָתָן גְקוּמוּן פַר דֶעם מֶלֶךְ אוּנ הָאט זוּךְ גְבִּיקְט בּוּז צוּ דֶער עֶרְד אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּם מֶלֶךְ אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ דוּא הָסְט גְזָגְט דֶם אֲדוֹנִיָה זָאל מֶלֶךְ וֶוערוּן נָאךְ דוּר אוּנ זָאל זִיצוּן אוֹיף דֶער שְׁטִיל דֶען אוּךְ הָאבּ גְהֶערְט דָם עֶר הָט גְשָׁכְטִין פִיל שָׁאף אוּנ רִינְדֶר אוּנ הָאט גְמַאכְט אַגְרוֹסוּ סְעוּדָה אוּנ הָאט גְרוּפֶן אַלוּ קוּנְדֶער פוּן דֶעם מֶלֶךְ אוּנ יוֹאָב דֶעם הוּפְט מַאן אוּנ אֶבְיָתָר הַכֹּהֵן אוּנ זַיי עֶסוּן אוּנ טְרִינְקוּן אוּנ זָאגוּן עֶר זָאל לֶעבּוּן דֶער מֶלֶךְ אֲדוֹנִיָה אוּנ מוּךְ אוּנ צָדוֹק הַכֹּהֵן אוּנ בְּנָיָהוּ אוּנ שְׁלֹמֹה הָט עֶר נוּט גְרוּפוּן אוֹף דֶר סְעוּדָה דְרוּם פְרֶעג אוּךְ דוּךְ אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ אִיבּ דַיין דֵעָה אִיז דֶער בַּיי דֶם אֲדוֹנִיָה זָאל מֶלֶךְ זַיין אִיז עֶס צוּ מִיר אֵיין תְּמִיָה וָוארוּם דוּ הָאסְט מִיךְ נוּט גְלָאזְט ווִיסוּן וֶוער עֶס זָאל נָאךְ דוּר מֶלֶךְ זַיין (וַיַּעַן וגו׳) הָט דֶר מֶלֶךְ גֶעעְנְפֶרְט אוּנ הָט גְזָאגְט רוּפְט מִיר בַּת שֶׁבַע דֶען ווִי נָתָן אִיז גְקוּמוּן אִיז בַּת שֶׁבַע אַוֶועק גְגַאנְגוּן כְּדֵי מֶען זָאל נוּט פַר שְׁטֵיין דָם זַיי הָאבְּן עֶפּוּס פְרוּר מִיט אַנַנְדֶר גְרֶעט דְרוּם הָט דֶר מֶלֶךְ גְהֵייסוּן

אריין

נופת

קומין דער זובעטור צדיק · דוד המלך ווס דענסטמאל וועלון זייא שון דורך דוא דאזוגו צדיקים אונ גאנצון מתוקן אונ נתעלה ווערון אונ אלו מדרגות פון דוא זובון גוטו מדות וויא עס שטייט גשריבון ויהי אחרי כן ויך דוד את הפלשתים ויכניעם דאס טייטש נאך דעם אז עס איז שון אלרונג גווארון אוף אשטאנד דא הט דוד גשלאגון דוא פלשתים אונ זייא אונטר טענוג גמאכט דאס איז דער ענין ווארום אברהם האט אנאמין גגעבון דעם ברונון באר שבע אונ יצחק הט אום גרופון שבעה מוט אה"א ווייל אה"א וויזט אומעדום אוף מדת הדין דוא מדה פון יצחק אבינו אונ אסימן דער צו איז דער פסוק הא דרכך בראש נתתי דם הייסט דער אות ה"א ווייזט אז דוא פורסט זוך אזו זאל מען דור בצאלון על פי דין אונ קיין שום רחמים ניט אוך קען מען פאר שטיין דעם סוד וואס דוא פלשתים האבון פאר שוט דוא ברונום

צופים

אונ יצחק הט זייא ווידער אוף גגראבון אונ ווארום וויא יעקב איז גקומון קיין חרן אונ הט דער זעהון אברינע אונ פעלד האט ער גזאגט צו לבן אעבדך שבע שנים וגו׳ אוך וועל דוך דינון זובון יאר פאר רחלן דוא כוונה איז דער פון אזו דוא אלו הייליגו אבות האבון זוך אומער אלס באמוהוט וויא אום צו גראבון דוא הומעלשו ברונום אונ עפענון דעם מקור החכמה העליונה כדי מפרסם צו זיין דוא גדלות הבורא ית"ש אונ לערנון דוא לייטון דוא וועג פון תשובה מוט דוא אלו בחינות פון דוא זובון מדרגות הקדושות · פאר קערט אבער דוא פלשתים כלומר דו רשעים אונ אפיקורסים פון יענור זייט האבון זוך אדרבה גשטארעוועט וויא דוא וועלט צו צוא שלוסון דוא אוגון אונ פאר שטאפון דוא מוחות מוט זייערו עבודות זרות · זעה אנטקעגון דוא זובון צדיקים ווס זענון מיוחד אונ באהעפט אונ דוא שכינה ווס זוא

ארײן רופן זיא איז בת שבע גקומן אונ הט זיך גשטעלט פר דם מלך הט דר מלך גזאגט (חי יי) דא שווער איך ביי גאט וואס ער הט מיך מציל גוועזן פון אלז צרות דס אזו ווי איך הב דיר פרויר גשווארן ביי גאט פון ישראל דאס שלמה זאל מלך זיין נאך מיר אזו וועל איך טון דם היינטיגן טאג. הט זיך בת שבע גביקט צווייא מאל צו דר ערד אונ הט גזאגט לאז דער קוניג דוד לעבין בוז אייביג. דער תנחומא שרייבט אויף דעם פסוק (והמלך דוד זקן בא בימים) וויא גפינן מיר דאס איינר זאל זוכה צו זיין אלט אונ גרא דם זאגט דר פסוק (בדרך צדקה תמצא) ווער עס גיט צדקה דער לעבט לאנג אזו גפינן מיר ביי אברהם דם עס שטייט ביי אים (ושמרו דרך יי לעשות צדקה ומשפט) דם ער הט גגעבן צדקה אונ האט גבאטן זיינע קינדר צו טון צדקה אונ משפט האט ער זוכה גוועזן דם ער הט לאנג גלעבט אזו ווי אונ פסוק שטייט (ואברהם זקן בא בימים) אונ ביי דוד שטייט אויך (ודוד עושה משפט וצדקה לכל עמו) דוד האט גטון צדקה, דרום האט ער זוכה גוועזן צוא זיין איין זקן אזו ווי אונ פסוק שטייט (והמלך דוד זקן בא בימים) דאס האט שלמה גזאגט אונ קהלת (שלח לחמך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנו) שיק דיין ברוט אויף דעם וואסער כלומר גיב דיין ברוט צוא עניים גלייך ווי איינר ווארפט איין זאך אויף דעם וואסור דאס ער איז זיך דער פון מייאש

אונ זאלסט געבן צדקה נוט פון שכר וועגן דען דוא וועסט דורך דם גפונן פול טעג. דען ווען אמענש גוט צדקה כדי ער זאל פול עשירות הבן איז גוט אום גאט פול עשירות אובר ווען אמענש גוט צדקה פון גטם וועגן דער לעבט לאנג דוא גמרא זאגט אונ מגילה ר׳ יעקב זאגט פון וועגן ר׳ יוחנן דוא אבישג איז מותר גוועזן צוא שלמה פר אווייב דען ווייל שלמה איז איין מלך גוועזן הט ער גמעגט נעמון אמלכה פון אנדרין מלך אונ אבישג איז נוט גיוועזן זיין פאטירם ווייב דען זיין פאטור איז ביא אור נוט גלעגן אונ אדוניה הט זוא נוט גטארט נעמון ווייל ער איז גוועזן איין הדיוט טאר ער קיין מלכה גוט נעמון דיא גמרא זאגט אונ סנהדרין (והנערה יפה עד מאוד) ר׳ חנינא בר פפא זאגט אבישג איז נוט האלב שיין גוועזן אזו וויא שרה שטייט ביא אור (עד מאוד) בוז זייער אובור עס שטייט נוט (מאוד) זייער שיין אזו וויא עס שטייט ביי שרה (יפה היא מאוד) זוא איז זייער שיין גוועזן דער ירושלמי זאגט אונ מסכת פאה ר׳ שמואל בר נחמני זאגט פון וועגן ר׳ יונתן חאטשו לשון הרע איז אגרוסו עבירה אובור אויף דו לייט וואס ווילון קריגון מעג מען אויף זייא ריידין אזו ווי מור גפונן דם נתן הנביא הט גזאגט צוא בת שבע גייא וועגון אדוניה דם ער זאל קיין מלך נוט זיין אונ האט אויף אים לשון הרע גרעט :

נופת צופים

זוערט גרופן מוטון נאמון בת, שבע האט הקב״ה אן גזאגט אונ דער תורה מען זאל מקריב זיין דורכון יאר זובון ערלייא מוספים היינו שבת ראש חודש פסח שבועות ראש השנה יום כפור סוכות כדי צו פאר מערון תענוג וקדושה וברכה פר דוא היילוגו קונדער דער קרבן מוסף שבת איז ארמז אויף יוספין פון ר״ח אויף דוד פון פסח קעגון אברהם שבועות קעגון יעקב ראש השנה קעגון יצחק יום כפור קעגון משה סוכות אנטקעגון אהרן . דער זוהר חדש ברענגט אויף אלעם ריכטונגו טעמים :

פרשת תולדות

(ואלה תולדות יצחק) אונ דם זעגון דוא קונדר פון יצחק, יעקב אונ עשו וואס ווייטור שטייט אונ דר פרשה (יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק) איז קשה

ספר הישר

אונ אז יצחק איז אלט גוועזן ניין אונ פופציג יאר אונ זיין ווייב רבקה נאך גוועזן איין אום פראכטרון אונ דוא טעג אונ רבקה האט גזאגט צו יצחק פאר וואר איך האב גהערט אז דיין מוטור שרה איז איך גוועזן איין אומטראכטרון האט דיין פאטור אברהם תפלה גטון צו גאט ב״ה זוא זאל קונדער האבון אצונד שטייא אויף אונ טוא תפלה אויף מור אונ גאט ב״ה וועט בוודאי צו הערון דיין תפלה אונ

קשה ווען עס שטייט יצחק איז געווען דער
זון פון אברהם ווייס איך דאך דם אברהם
הט גווינון יצחק נאך ווס שטייט אברהם
הוליד את יצחק דר תירוץ איז ווייל אונ
דר פרשה איז דר מאנט יעקב אונ עשו
ווס דורך זיי הבון לייט גזגט פון אבימלך
איז שרה טראגון גוורון דרום איז יצחק
גראטון האלב פון שרה ווס זו איז גוועזן
איין צדקות אונ האלב פון אבימלך וואס
ער איז גוועזן ארשע דרום הט ער גהאט
יעקב איין צדיק אונ עשו איין רשע
דרום הט גאט גמכט די צורה פון יצחק
איז גלייך גוועזן צו דר צורה פון אברהם
אזו האבון אלו עדות גזאגט דם אברהם
האט גווינון יצחק פרעגט דער תולדות
יצחק דר סדר איז ווען איין אשה ווערט
אונטריי פרכט זוא זוך פר איר מאן אונ
הט אום אליץ אונ זון נוא ווס הט גהלפון
ווס יצחק הט גהט אצורה ווי אברהם דוא
לייט וועלון דאך זאגון דאס פון אבימלך
איז שרה טראגון גווארון ענפורט דער
דבק טוב איין אונטרייע אשה די פרכט
זוך פאר איר מאן אונ האט אליץ אונ
זון אבויר שרה איז מוט נוט גונומון גווארון
צוא אבימלך אונ אברהם האט דער פון
גוויסט הט זוא זוך נוט גדארפט פארכטון
פר אום אונ אום אונ זון צוא האבון דרום
ווען יצחק הט גהט די צורה פון אברהם
האבון אלו גוויסט דם אברהם הט גווינון
יצחק דר חזקוני שרייבט דר פסוק איז
דא מייחס יצחק דם ער איז כשר גבורון
גווארון דם זגט דר פסוק אברהם הוליד
את יצחק כלומר דען גאט האט אוים
גרופון אברהם מוט אהא נוט אזו וויא
ישמעאל איז גבורון גווארון אונ אזו אוך
שרייבט דער תולדות יצחק בשיידלוך
(ויהי יצחק בן ארבעים שנה בקחתו את
רבקה) אונ יצחק איז אלט גוועזן פערצוג
יאר ווען ער הט גנומון רבקה פרעגט
רש"י ווארום איז יצחק אזו לאנג גזעסון
אן אווייב אויך איז קשה נאך וואס דער
ציילט עס דער פסוק דם ער איז אלט
גוועי פערצוג יאר דר תירוץ איז ער הט
גמוזט ווארטון ביז רבקה זאל ראוי זיין
צו

ספר הישר

יצחק הט צו גהערט דוא רייד פון רבקה אונ זענון
ביידו גנאנגן צום בארג מוריה דארט תפלה טון אונ
יצחק הט גבעטון צו גאט ב"ה פר זיין ווייב רבקה
אונ גאט ב"ה האט דער הערט דם גבעט פון יצחק
דער זון פון אברהם אונ רבקה זיין ווייב מעוברת
גווארון אונ וויא עס איז גקומון דער זיבוטר חודש
האבון דוא קונדער זוך גשטוסון אונ איר אונ עס הט
איר זייער וויא גטון . הט רבקה גזאגט צו די ווייבור
פון דעם לאנד אונ הט זיי גפרעגט אוב עס הט זוך
צוא זיי אוך אזו גטראפון האבון זייא איר געפורט ניין
אונ רבקה הט צו זייא גזאגט פר וואס הט זוך מור
אזו גטראפון מיין פון אלו ווייבור אונ רבקה איז
גנאנגון צום לאנד מוריה צו בעטון אונ צו פארשטון
אוף דער זאך אונ זוא הט גבעטון איר שווער אברהם
ער זאל אוך בעטון גאט ב"ה אוף דער זאך וואס הט
זוך איר גטראפון אונ מען האט איר געפורט צווייא
קונדר איז דא ביי איר אונ צווייא מלכים וועט פון
איר אוף שטיין אונ זוא הט גווינון איין צווילונג אזו
וויא גאט ב"ה האט איר צו גזאגט דער ערשטור איז
ארום גנאנגון גאנץ רוט אוף וויא איין הארונו קאטץ
האבון אום אלו גרופון עשו . אונ דער נאך איז ארום
גנאנגון דער אנדרור אונ הט אן גהאלטון אן דעם פוס
פון דעם ערשטון דרום האט מען אום אנאמון גגעבון
יעקב אונ בשעת דוא קונדר זענון גבורן גווארון איז
יצחק אלט גוועזן זעכצוג יאר אונ וויא דוא קונדער
זענון אלט גווארון פופצון יאר פלעגט עשו גיין אונ
פעלד צו האפין חיות אונ יעקב פלעגט לערנון אונ
ווידון דוא שאף אונ פלעגט פאלגון פאטור אונ
מוטור ווס זייא פלעגון זאגון אונ יצחק מיט זיין פאטור
אברהם זענון גזעסון אונ לאנד כנען אזו וויא גאט ב"ה
הט זייא גבאטון אונ אברהם הט גבענשט זיין זון יצחק
אונ אוך יצחקס קונדר אונ אברהם האט גלערונט מיט
יעקב דוא שטראף פון גאט ב"ה אונ אוך זיין וועג
אונ דער צייט איז אברהם גשטארבון אונ יעקב אונ
עשו זענון דעמולט אלט גוועזן פופצעהון יאר . אונ
אלו לעבטאג פון אברהם איז גוועזן הונדערט פונוף
אונ זיבצונ יאר אונ איז גשטארבון מיט איין גוטו
גרייזקייט :

(בעת) אונ דער צייט האט יצחק אוועק גשוקט
זיין זון יעקב צו שם ועבר אונ האט דארט גלערונט
גאטס שטראף אונ יעקב איז גזעסון ביי שם ועבר
צווייא אונ דרייסיג יאר אבור זיין ברודור עשו איז

צו נשואין הען זוא איז גוועז זיין זיווג (בת בתואל הארמי מפדן ארם אחות לבן הארמי) פרעגט רש"י ווס דארף דר פסוק צו זאגן זוא איז גוועז בתואלס טאכטור אונ דוא שוועסטור פון לבן מוז ווייסון דס פון לאנג דר תירוץ איז דר פסוק ווייזט אונז ווען שוין זייא זענון בידו רשעים גוועז האט זוך רבקה נוט אפ גלערונט פון זייערו בייזו מעשים אונ איז איין צדקות גוועז (לנוכח אשתו) יצחק הט תפלה גטאן אקעגון זיין ווייב כלומר ער האט זוך גשטעלט אונ איין ווינקול אונ רבקה אונ אנדרון ווינקול אונ הבון תפלה גטאן (ויעתר לו יי) גאט האט אום געפירט וייל ער איז גוועז איין צדיק בן צדיק אובור רבקה איז גוועז איין צדקות בת רשע (ויתרוצצו הבנים בקרבה) דו קונדר הבון זוך גשטוסון אונ אור בוך וועז זוא איז פור גגאנגון פר איין טור פון איין בית המדרש הט יעקב גוולט ארוס גיין אונ וועז זו איז פור גגאנגון פר אטור פון ע"ז האט עשו גוואלט ארוס גיין אויך האבון זיי זוך גקריגט אובור דוא בידו וועלטון הט רבקה גזאגט וועז דער צער פון דעם טראגון איז יוא אזו גרוס ווארום האב אוך גבעטון אויף קונדר (ותלך לדרוש את יי) איז רבקה גגנגון אונ בית המדרש פון שם ועבר צוא פרעגון זייא אונ דער זאג פון גאט ווארום דו קונדר שטוסון זיך אונ בוך דען עס שטייט (שני גוים)

דאס איז טייטש צווי הארון פון יעקב ועט ארוס קומון רבי דר וועט זיין איין נשיא אונ אהאר אובור יודון אונ פון עשו וועט ארוס קומון אנטונינוס דר וועט זיין איין מלך אונ רבי מוט אנטונינוס האבון צווישון זוך כורת ברית גוועזן אונ האבון גיט גלעבט מוט אנאנדר רש"י שרייבט עס איז נוט אפ גגנגון פון דעם טוש פון רבי אונ אנטונינוס נוט אום זומור אונ אום ווינטר גוטו שפייז וואס מאכון פר דייען דם עסון דם איז רעטאך אונ חריין כלומר רבי איז נוט נאך גגאנגון נאך תענוגים נאר ער איז זייער רייך גוועזן אונ הט גהאט פול קנעכט אונ הוז גזונד אונ האט זייא פול עסון גגעבון בוז זייא האבון נוט גוואלט עסון אונ מען הט זיי גמוזט געבון חריין אונ רעטוך צו מאכון זיי איין לוסט צום עסון אונ צו פר דייען דאס עסון אבור רבי אליין אז ער איז גשטרבון הט ער אוף גהובון זיינו צעהון פינגר אקעגון דם הומול אונ האט גזאגט רבונו של עולם דו ווייסט דם אוך האב פון דער וועלט קיין הנאה נוט גהאט אפילו מוט דעם קליינום פונגר (וימלאו ימיה ללדת והנה תומים בבטנה) אונ עס האבון זוך דר פולט אורו טעג צו גווינון איז גוועזן איין צווילונג אונ אור בוך דר תולדות יצחק שרייבט ווארום הט יצחק נוט באלד תפלה גטון אוף רבקה ווארום האט ער גווארט צעהון יאר דר תירוץ

אין

ספר הישר

גוועזן אונ דער היים אונ פלעגט גיין אלו טאג אונ פעלד ארייז צו האפון חיות אונ עופות אונ איז גוועזן איין גרוסור גבור אונ פעלד איין מאל איז גגאנגן עשו צום לאנד שעיר חאפון חיות אונ עופות. איז ער גוועזן אונ שעיר פור הרשים אונ עשו הט דער זעהון אונ לאנד שעיר איין טאכטור פון איין כנעני אונ זוא האט גהייסון יהודית דוא טאכטור פון בארי זיער זון פון עפרון פון דער משפחה פון חת דער זון פון כנען הט עשו זוא גנומון פר אווייב אונ בשעת עשו האט גנומון דאס ווייב איז ער אלט גוועזן פערצוג יאר אונ עשו הט גבראכט דם ווייב קיין חברון וויא זיין פאטור איז גזעסון אונ הט זוך דארט בזעצט. אונ אז

יצחק איז אלט גווארון הונדערט אונ צוואנצוג יאר איז יעקב דעמולט אלט גוועזן זעכצוג יאר. אונ וויא שם איז גשטארבון האט זוך יעקב אום גקערט צום פאטור קיין חברון. אונ דעמולט זענון גקומון מענשון פון הרן אונ האבון איין בשורה גזאגט צוא רבקת אז אור ברודרס ווייב ווס הייסט עדינה האט גהאט צווייא טעכטור אונ לבן הט זייא נעמון גגעבון דוא ערשטו הט ער גרופון לאה אונ דו צווייטו רחל. אונ וויא יצחק איז אלט גווארון זענון אום דוא אוגון שוועור גווארון פון דער עלטור אונ עס איז אום גווארון טונקול פר דו אוגון אונ קען מיין נוט זעהון;

אוז ער הט באלד תפלה גטון נאר גאט האט אום נוט גוואלט צו הערין כדי דר רשע זאל נוט באלד גיבורין ווערין אוך דער וועלט איבער משה רבינו אוז גוועז איין צדיק אוז ער נאר גוועז אונ דער מוטערם לייב נאר זעקס חדשים מוט עטליכו טעג אונ דרום שטייט דא (והנה תומים) אן איין אלף וייל איינר אוז גוועז איין רשע אובר ביא תמר שטייט (תאומים) מוט איין אלף וייל בײדו קונדער זענין גוועז צדיקים פרץ אונ זרח אטייל חכמים פרעגין ווארום האט רבקה ביי יצחק אליין נוט גפרעגט ווארום דוא קונדור שטוסין זוך אונ אור בוך ער אוז דאך אויך איין נביא גוועז דר תירוץ אוז זו הט מורא גהאט יצחק זאל נוט זאגין ווען דו האסט מיין צער פון אלו ווייבר מוזטו מיין עבירות האבין פון אלו ווייבר וועט ער אור גט געבין (ויצא הראשון אדמוני) דר ערשטור אוז ארום גגאנגין רוט אונ אוז גוועז פול מוט האר דרום האט מען אום גורופין עשו וייל ער אוז גוועז פארטוג מוט האר ווי איין קונד וואס עס אוז שון לאנג גיבורין אונ דר נאך אוז ארום גגאנגין זיין ברודר אונ זיין האנד הט גהאלטין דו טרוט פון עשו דרום האט ער גהאלטין ביא דר טרוט פון עשו כדי ער זאל צום ערשטין גבורין ווערין וויא ער אוז צום ערשטין בשפין גווארין אונ דר מוטערם לייב אזו וועט

ער זיין איין רעכטער בכור (ויצחק בן ששים שנה בלדת אותם) יצחק אוז אלט גוועזן זעכציג יאר ווען ער הט זייא גווינין פרעגט רש"י ווארום האט יצחק גווארט צוואנציג יאר מוט תפלה טאן דר סדר אוז דאך ווען דאס וייב האט צעהן יאר קיין קונד נוט טוט מען שון תפלה דער תירוץ אוז יצחק הט פרור גווארט צעהן יאר ביז רבקה אוז אלט גווארין דרייצין יאר זוא זאל ראוי זיין קונדר צו האבין אונ פון דרייצין יאר האט ער גווארט צעהן יאר אזו וויא דער סדר אוז אונ דער נאך האט ער תפלה גוטאון (ויגדלו הנערים ויהי עשו איש יודע ציד) אונ דו קונדער זענין גרום גווארין דען כל זמן זיי זענין קליין גוועזן האבין לייט נוט דער קענט זייערו מעשים אויב זייא זענין גוט אודר שלעכט אבר ווען זייא זענין גרויס גווארין אוז עשו גגאנגין אונ הוז פון ע"ז אונ יעקב אוז גגאנגין אונ בית המדרש (יודע ציד) עשו אוז גוועזן איין רמאי אונ פלעגט לייט נארין מוט זיין מול ער פלעגט זיין פאטר פרעגין ווי אזו גוט מען מעשר פון זאלץ אונ פון שטרוי הט יצחק גמיינט דס ער אוז זייער פרום אונ גוט מעשר אפילו פון זאלץ אונ שטרו (ויעקב איש תם יושב אוהלים) אונ יעקב אוז גוועזן איין פרומר מאן אן רמאות ער אוז גזעסין אונ בית המדרש אונ האט גלערנט תורה אונ יצחק הט ליב גהט עשו

של"ה

(ויעקב איש תם) אונ יעקב וואר איין ערליכור מאן דוא תורה אוז אונז מרמז וויא פול אמענש דארף זוך דר וויטרין פון פאלשקייט דען פון מעלות אין מדות טובות וום יעקב הט גהאט הט דו תורה מער נוט גרעכנט נר איש תם איין איינפאכור ערליכר מאן אונ יושב אוהלים . דאס ער אוז גזעסין אונ גצעלטין פון דער תורה אונ הט גלערנט :
(ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו וגו') אונ יצחק הט ליב גהאט דעם עשו וייל ער הט גגעסין פון זיין ווילדפרעט אונ רבקה ליבט יעקב אונזרו חכמים זאגין (כל אהבה שהיא תלויה בדבר בטל דבר בטלה אהבה ושאינה תלויה בדבר אינה בטלה לעולם) דם

הקדוש

הייסט יעדור ליבשאפט וום העננט אפ פון אגוויסו זאך הערט אוף זא באלד דו זאך הערט אוף אבר די ליבשאפט וועלכו העננט נוט אפ פון קיין זאך הערט קיין מאל נוט אוף ארמז דר צוא קאנין מור גפונין אין דעם פסוק ביי יצחק וום האט ליב גוהאט דעם עשו וייל ער פלעגט אום ברענגין ווילדפרעט דאס הייסט זיין ליבשאפט הט אפ גהאנגין פון עניני עולם הזה שטייט ויאהב אונ ער האט ליב גוהאט . וייל ווען עשו האט קיין ווילדפרעט גוברענגט האט דוא ליבשאפט אוף גוהערט אבער ביי רבקה וועלכו האט ליב גהאט דם יעקב פור זיינו מעשים טובים שטייט ורבקה אוהבת אונ רבקה ליבט אלו מאל אונ אומר

עשו ווארום ער האט גחאפט חיות אונ האט אום געבון עסון אונ רבקה האט ליב גוהאט יעקב (ויזד יעקב נזיד) אונ יעקב האט גקאכט לינזון אונ עשו איז גוקומון פון דעם פעלד אונ איז גוועזן מיד האט עשו גזאגט צו יעקב גיב מיר עסון פון דיא רוטי לינזון דען איך בין זייער מיד דרום האט מען אום גורופון אדום דאס איז טייטש רוט אונ דרום האט יעקב גקאכט לינזון ווייל זיין פאטר יצחק איז גוועזן איין אבל אויף זיין פאטר אברהם דאס ער איז דעם טאג גשטארבון כדי ער זאל נוט זעהן וויא עשו גייט ארום צוא שלעכטון דרום איז ער גשטארבון פונוף יאר פר זיין צייט אונ דרום קאכט איין אבל לינזון צו ווייזון אזו ווי לינזון איז קיילוכדיג אזו דער טוט קוקולט זיך פון איין מענשון צום אנדרון (ויאמר יעקב) האט יעקב גזאגט פרקויף מיר דיין בכורה אזו וויא דער טאג איז לוטר ווייל דוא עבודה פון קרבנות וועט זיין דורך בכורים דרום האט יעקב גזאגט עס איז נוט רעכט דער רשע זאל דוא עבודה טון האט עשו גזאגט ווייל דורך דער עבודה קען מען גטייט ווערון דרום וויל איך דוא בכורה נוט דר בחיי שרייבט פר צייטון איז דער מנהג גוועזן דאס נאך דעם פאטערס טוט פלעגון דוא קונדער דעם בכור כבוד אן טון אונ פלעגון אום זעצון אויף דעם פאטערס אורט דאס האט עשו גזאגט ווארום טוג מיר דער כבוד איך זאל ווארטון נאך מיין פאטערס טוט ווער ווייסט ווער עס וועט פריער שטארבון בפרט איך גייא אלע טאג

צווישען חיות רעות טאמער וועלון זייא מיך פריער טייטון (ויהי רעב בארץ וירא אליו יי ויאמר אל תרד מצרימה) אונ עס איז גוועזן אהונגער אונ לאנד האט גאט זיך בווייזון צו יצחק אונ האט צוא אום גזאגט נודור נוט קיין מצרים דוא בוסט נוט אזו ווי דיין פאטור וואס האט גנודערט קיין מצרים אובור הונגור דען דו בוסט גוועזן אקרבן אויף דעם מזבח דרום איז חוץ לארץ נוט ווערט דו זאלסט דארט זיין (גור בארץ הזאת) וואן אונ דעם דזוגון לנד דען צו דיינו קונדר וועל איך געבון דאס לאנד אונ אויך וועל בענשון דיינו קונדר זייא זאלון אזו פול זיין ווי דוא שטערון אונ הימול (עקב אשר שמע אברהם בקולי) ווייל אברהם האט צוא געהערט אונ מיין קול אונ איז פרום גוועזן פון דאנון לערנון אונזרו חכמים אפ דעם אברהם האט דער קענט גאט ווי ער איז אלט גוועזן דריי יאר דען אברהם האט גילעבט הונדערט אונ פונוף אונ זיבציג יאר אונ יעקב האט אונ דר צאל הונדרט אונ צוויי אונ זובציג יאר האט אברהם דר קענט גאט זונט ער איז אלט גוועזן דרייא יאר בוז אונ טוט אונ אברהם האט גהלטון דיא גאנצו תורה איי זוא איז געגעבון גווארון פרעגט דער בחיי ווען דוא אבות האבון יוא גהאלטון דוא גאנצו תורה ווארום האט יעקב גנומון צוויי שוועסטור אונ ווארום האט עמרם גנומון זיין מומע דו תורה האט דאך דאס פר בטון דר רמב"ן אונ דער תולדות יצחק שרייבון איין תירוץ דער עיקר מצוה צוא טאן איז דווקא אונ

ארץ

ישל"ה

ווייל אזו אליבשאפט הערט קיין מאל נוט אויף אונ דער פון קאנון מיר אומר ארום נעמון דם דר מענש דארף דו עניני עולם הזה נוט שטארק ליבון ווארום זיי דוערון נוט לאנג אונ דוא ליבשאפט צוא זיי קאן נים לאנג דוערון אבר כנגד זה דארף מען ליב האבון די תורה ומצות מוט דער גרעסטור ליב שאפט ווייל זייא זענון אייביג אונ אור זכר הערט נוט אויף אונ דר פסוק זאגט (מה אהבתי תורתך כל היום היא

הקדוש

שיחתי) ווי ליב איז דיין לעהרו דען אננצון טאג איז זו מיין רייד (גור בארץ הזאת ואהיה עמך) וואון אין דעם לאנד אונ אויך וועל מוט דיר זיין דו תורה דער ציילט אונז ווען אויך גאט האט יצחקין מבטיח גוועזן דאס ער וועט מוט אום זיין אונ ער וועט אום בענטשון אונ וועט צוא זיינו קונדער געבון דוא אלו לענדור פון דעסט וועגון אז דו הורטון פון גרר הבון פערשטאפט אלו זיינו ברונום האט ער זיך נוט נשטעלט

ארץ ישראל דרום האט יעקב גנומען צוויי שוועסטער אונ חוץ לארץ אונ עמרם הט זיין מומע אויך גנומען אונ מצרים אונ וואס יוסף הט שבת גהאלטען אונ מצרים דס איז ווייל שבת איז די גרעסטע מצוה זו איז גיוואגען אקעגען אלע מצות פון דר תורה אונ רבי איסריל זאגט איין אנדרען תירוץ יעקב האט דרום גנומען צווייא שוועסטער ווארום ער האט זוך גטראכט דער טעם איז וואס מען טאר קיין צווייא שוועסטער ניט נעמען ווארום ווען איינער הט צוויי ווייבער איז צווישען זיי גרוס קנאה אונ שנאה דרום הט דוא תורה פר באטען מען זאל ניט נעמען קיין צוויי שוועסטער כדי עס זאל ניט זיין קיין קנאה אונ שנאה צווישען דוא שוועסטער אונ אויך וויים דאס צווישען דיא שוועסטער וועט ניט זיין קיין קנאה אונ שנאה אונ עמרם האט דרום גנומען זיין מומע ווארום ער האט זוך גטראכט דער טעם איז וום מען טאר ניט נעמען אמומע טמור וועט ער זיא שלגען אונ אמומע טאר מען ניט שלאגען אובער אויך וויים אויך וועל מיין ווייב ניט שלאגען (וישב יצחק בגרר) יצחק איז גזעסען אונ גרר האבען די שטאט לייט גפרעגט אויף רבקה ווער זיא איז הט ער גזאגט זי איז מיין שוועסטער דען זיא איז זייער שיין גוועען האט ער מורא גהאט מען זאל אום ניט הארגענען אונ רבקה וועט מען נעמען (ויהי כי ארכו לו שם הימים) אונ אז ער איז דרטען גזעסען פיל טעג האט אבימלך גקוקט דורך דעם פענצטער אונ האט גזעהן ווי יצחק שפילט זוך מיט רבקה (ויאמר אבימלך מה זאת עשית לנו) הט אבימלך גזאגט וום האסטו אונז גטאן וום

דיא האסט גזאגט זיא איז דיין שוועסטער טאמער וואלט איינער בייא איר גלעגן וואלסטו אונז גבראכט צו איין עבירה אונ אבימלך האט גבאטען דער וואס וועט אן רירען אונ יצחק אונ זיין ווייב דער וועט ווערען גטייט דער תולדות יצחק פרעגט ווארום האט אבימלך גזאגט (מה זאת עשית לנו) וואס האסטו אונז גטאן אונ פרעה הט גזאגט (מה זאת עשית לי) וום האסטו מיר גטאן דר תירוץ איז פרעה הט גזאגט דס צערען אויך ניט וום דוא האלסט מיין פאלק פר רשעים ווען אפילו דוא זאלסט זיי זאגען זיא איז דיין ווייב וואלטען זיי דאך גגלויבט צו איר איבער מיר ווען דיא זאלסט זאגען זיא איז דיין ווייב וואלט אויך זיא ניט אן גרירט אונ דוא האסט גזאגט זיא איז דיין שוועסטער הב איך זיא גוואלט נעמען אונ אבימלך הט גזאגט צוא יצחק אויך מיט מיין פאלק זענען צדיקים ווען דוא זאלסט אונז אזו זאגען זיא איז דיין ווייב וואלטען מיר זיא נישט אן גרירט אונ דרום האט פרעה גזאגט צוא אברהם גיי פון דאנען אוועק דען עס וועט ניט העלפען אפילו ווען איך וועל אויס רופען מען זאל דיין ווייב ניט אן רירען איבער אבימלך האט אויס גירופען ווער עס וועט אן רירען אונ דעם מאן מיט זיין ווייב דער וועט ווערען גטייט אזו האבען זוך אלו גפארכטען אונ האבען אונ איר ניט אן גרירט דר רמב"ן פרעגט הט דען אבימלך ניט גזעהען דס יצחק הט ביי זוך צוויי קינדר יעקב אונ עשו וויא האט ער ניט גוויסט דס רבקה איז זיין ווייב דער תירוץ איז ער הט גמיינט דוא זענען פון אנדר ווייב (ויזרע יצחק בארץ ההוא

של"ה הקדוש

קריגען מיט זיי. אונ הט זיי אפ גטרעטען אונ בשעת אבימלך אונ פיכול זענען גקומען צוא אים מיט אים פריינדשאפט מאכען האט ער זייא אויף גנומען אונ האט אלץ מוחל גוועזען אונ הט מיט זיי כורת ברית גוועזען אונ ער הט נאך פר זייא אגרויסען מאל צייט גמאכט.

אין דאס אלעם וום ער הט גמאכט אום צו ווייזען זוי טייער עס זענען די מדות דס מען זאל זוכען אום פרידען מיט אלום צו לעבען אונ בעליידוגונגען צו טראגען אונ יעדען צו פערצייאען:

ההיא וימצא בשנה ההיא מאה שערים) און יצחק הט גזייאט און דעם לאנד און הט גפונון און דם יאר הונדרט מאס און גאט האט אים גבענשט פרעגט רש"י נאך וואס האט ער גציילט אמער דוא ברכה רואט נוט אויף אזאך וואס מען ציילט אודר מען מעסט דער תירוץ איז מען האט גדרפט מעשר געבון האט מען גמוזט ציילון מען זאל וויסון ווי פול מעשר צו געבון און פון וועגון דעם זכות פון מעשר איז די ברכה גוועןן אפילו נאך דעם ציילון דם פון איין מאס איז גוואקסון הונדרט מאס און יצחק איז זייער רייך גוורון ביז מען הט גזאגט דם מיסט פון זיין מויל איזלון מאכט מער געלד פון דעם גאלד און זילבור פון אבימלך פרעגט מען אקשיא וואָרום הט מען גזאגט דם מיסט פון דוא מויל איזלון און נוט פון אנדורו בהמות דר תירוץ איז מען הט אחידוש גזגט דען און מויל איזלון זעהט מען קיין ברכה נוט אובור און די מול איזלון פון יצחק איז אויך דוא ברכה גוועןן (וכל הבארות אשר חפרו בימי אברהם אביו סתמום פלשתים וימלאום עפר) און אלו ברונון וואס אברהם הט גגראבון הבון די פלשתים זיי פר שטפט אין דער פולט מיט ערד דען זייא האבון גזאגט ווען אחיל וועט קומון דוא שטאט בלעגורון זאלון זיי קיין וואסור נוט הבון וועלון זיי מוזון אוועק גיין און יצחק הט דוא ברונון ווידור אויף גגראבון און דוא קנעכט פון יצחק האבון גוגבון אברונו אזו האבון דוא פאסטוכור פון אבימלך גקריגט אויף דער ברונו הט ער אים גרופן עשק דם איז טייטש קריג און זיי האבון גגראבון איין אנדרו ברונו האבון דוא פסטוכור ווידר גקריגט אויף אור הט יצחק אים גורופון שטנה דם איז טייטש פיינד שאפט צום דריטון מאל הט ער גגראבון אברונו האבון זייא שון נוט גקריגט האט ער אים גורופון רחובות כלומר גאט הט

אונז ברייט און שלום גמאכט (ויעל משם באר שבע וירא אליו ה׳) און ער איז פון דארטון אויף גגאנגון קיין באר שבע הט זיך גאט צו אים בוויזון און הט אים גזגט פארכט דוך נוט דען אוך בין מיט דיר און אוך וועל דוך בענטשון און וועל מערון דיינו קינדר פון וועגון מיין קנעכט אברהם האט יצחק גבואט אמזבח און האט אויף גשטעלט זיין גצעלט און האט גגראבון אברונו און אבימלך מיט זיינו הארון זענון גקומון צוא יצחק הט יצחק צוא זיי גזאגט וואס זענט אור גקומון צוא מיר אור האט מוך דאך פיינד און האט מוך אוועק גשוקט פון איך ענפערט אבימלך ווייל מיר האבון גזעהון דם גאט האט פול ניסים גטון מיט דיין פאטור און מיט דיר דרום זענון מיר גקומון צוא דיר כורת ברית זיין מיט דיר האט יצחק מיט זייא כורת ברית גוועןן (ויהי עשו בן ארבעים שנה ויקח אשה) און אז עשו איז אלט גוואָרון פערציג יאר האט ער גנומון אווייב (את יהודית בת בארי החתי) ער הט גנומון ווייבער פון די עובדי ע"ז און האט זייא גוגעבון יודישע נעמון צוא ווייזון ער האט פרומו ווייבר אובר זייא זענון גוועןן רשעים אזו וויא ער און זייא זענון נוט וואל גופעלון צו יצחק און צוא רבקה (ויהי כי זקן יצחק ותכהין עיניו מראות) און אז יצחק איז אלט גוואָרון זענון זיינו אוגון טונקול גוואָרון פון צוא זעהון (ויאמר הנה נא זקנתי לא ידעתי וגו׳) יצחק הט גזאגט צו עשו נון אוך בין אלט אוך ווייס נוט ווען אוך וועל שטרבון דר חזקוני שרייבט יצחק הט גזאגט צו עשו ווען אוך וועל שטרבון אזו וועסטו נוט האבון קיין געלד און קיין שררה און קיין כבוד ווייל דו האסט פר קופט די בכורה דרום וועל אוך דיר געבון ביי מיין לעבון ווערט יעקב נוט קענון פון דיר אוועק נעמון און רש"י שרייבט דרום האט ער גזאגט (לא ידעתי וגו׳) דען

ווען איין מענש קומט צוא דו יארון פון זיין פאטור אודר פון זיין מוטור זאל ער זארגון ער זאל נוט שטארבון אזו וויא זיין פאטר אודר ווי זיין מוטער. (ועתה שא נא כליך תליך וקשתך וגו׳) אונ אצונד שארף נאר אום דיין מעסור אונ גייא אונ פעלד אונ חאפ מור איין גוויעג דרום הט יצחק גזגט שארף אן דיין מעסר כדי עס זאל נוט זיין קיין פגימה אונ אום פרעגט דער חזקוני אונ דר אמרי נועם וויא האט יצחק גגעסון פון דער שחיטה פון עשו ער האט דאך גודונט ע״ז אונ ווען אפילו יצחק האט נוט גוויסט דאס ער דונט ע״ז האט גאט גודארפט אום הוטון דען אפ לו דו בהמות פון צדיקים הוט גאט זייא זאלון נוט עסון וואס זייא דארפון נוט צו עסון מכל שכן דם צדיק יצחק האט גאט פשיטא גדארפט צוא הוטון דער תירוץ אוז פון דעם מאל אן וואס עשו האט גודונט ע״ז האט גאט גוהוט יצחק אונ אוך אצונדרט ווס ער האט גוואלט עסון פון זיין שחיטה האט גאט אום גוהוט אונ האט צוא גושוקט יעקב זאל ברענגון צווייא צוקולוך אונ דער פון האט יצחק גגעסון דער בעל הטורים שרייבט דרום שטייט (וצודה לי ציד) מוט איין אוברוגו (ה״א) דס ווייזט יצחק הט אום אן גזאגט ער זאל זוך אפ הוטון פון פונוף זכון ווס מכון פסול דו שחיטה שהייה דרסה חלדה הגרמה

ע קור (ואוכלה בעבור וגו׳) יצחק האט גזגט צו עשו ברענג מור עפוס עסון וועל אוך דוך בנשון דר חזקוני שרייבט יצחק הט צו אום גזאגט דו הסט פר קופט דו בכורה פון עסון וועגון דרום וועל אוך דיך בענשון אונ וועל דור ווידור געבון דיין ברכה דורך עסון אונ דער בחיי שרייבט יצחק האט גזאגט ברענג מור עפוס עסון כדי אוך זאל פריילוך זיין אונ דורך שמחה וועל אוך דוך קענון בענשון דען אונזרו חכמים זאגון דוא נבואה רואוט נוט אויף איין מענשון ווען ער אוז טרוירוג נייערט ווען ער אוז פריילוך פרעגט דער בחיי וואס האט ער גדארפט עסון ער זאל פריילוך זיין האט ער גזאלט נעמון כלי זמר צוא פריילוך מאכון זוך אזו וויא אונזערו נביאים פלעגון צו טון ווען זייא זענון טרוירוג גוועזן דער תירוץ אוז יצחק האט גוואלט פריילוך זיין דער מוט וואס ער האט גוואלט עשו בענשון דען דיא ברכות פון עשו אוז גוועזן מטל השמים ומשמני הארץ ורוב דגן ותירוש דאס אוז טייטש פון דער טויא פון דעם הימול אונ פון דעם פעטנקייט פון דער ערד אונ פול קארון אונ ווין (וילך עשו השדה וגו׳) אונ עשו אוז גגאנגון אונ פעלד צו חאפון איין חאפונג צו ברענגון כלומר ער האט זוך גטראכט ווען ער וועט גופונון איין חיה אונ פעלד אוז גוט

אוהל

ורבקה אמרה אל יעקב בנה הנה שמעתי את אביך מדבר אל עשו אחיך לאמר הביאה לי ציד ועשה לי מטעמים וגו׳ בעבור תברכך נפשי) רבקה הט גזאגט צוא איר זון יעקב אוך האב גוהערט וויא דיין פאטור האט גזאגט צו דיין ברודור עשו ברענג מיר פון דעם וואס דוא וועסט האבון אונ פעלד אונ מאך מור אזוסו שפייז פון וועגון עס זאל דוך בענשון מיין לייב לאמור פר שטיין הט דען יצחק נוט גקענט בענשון צו עשו אן זוסו שפייז נאר איך וועל געבון צו פר שטיין מוט אמשל ווען איינור דארף טואון איין זאך נאר ער הט פון דער זאך קיין הנאה נוט אוז

יעקב

דר שטייגור, ער זאל טרונקון איין גלעזול ווין כדי ער זאל זוך מאכון הארץ צו טון דו זאך דם געמלוכו איז גוועזן מוט יצחק ער האט גוואלט בענשון עשו ווייל ער אוז דער עלצטור זון נאר דם הארץ הט אום נוט פאר טראגון ער זאל אום בענשון ווייל ער אוז נוט ראוי הט ער זוך גזוכט איין עצה אונ האט זוך גהייסון ברענגון זוסו שפייז כדי ער זאל זוך מתעורר זיין אום צו בענשון דם האט רבקה גזאגט צו יעקב איך האב גוהערט דיין פאטור יצחק הט גזאגט צווא דיין ברודר עשו גיי מאך מור זוסו שפייז כדי אוך זאל דוך בענשון האב אוך פאר שטאנון אז דיין

אונ ווען נוט זאל ער ברענגן פון וואנון ער ווערט גופונן אפילו פון גזל (ורבקה אמרה אל יעקב) אונ רבקה האט גזאגט צוא יעקב דיין פאטר הט גהייסן עשו זאל אום ברענגן עסון ווערט ער אום בענשן דרום גייא צוא דוא שאף אונ נעם מיר צווייא גוטי ציקולוך אונ איך וועל מאכן גוטי עסון צו דיין פאטור אזו ווי ער האט ליב כדי ער זאל דוך בענשן אונ דרום הט רבקה גזאגט (וקח לי) נעם מיר כלומר דוא צווייא צוקולוך זענון מיין דען דיין פאטור יצחק האט מיר איין גשריבן אונ מיין כתובה ער זאל מיר אלו טאג געבן צוויי צוקולוך (ויאמר יעקב אל רבקה אמו וגו׳) האט יעקב גזאגט צו זיין מוטור רבקה מיין ברודר עשו איז מוט האר אונ איך בין גלאט אן האר טאמור ווערט מוך מיין פאטור אן טאפון אונ ווערט מוך דער קענון ווערט ער מוך שעלטון (ותאמר לו אמו עלי קללתך בני) האט דוא מוטור צוא אום גזאגט אויף מור זאל זיין דיין קללה דער חזקוני שרייבט זאלסט דוך נוט פרכטון דען גאט הט גזאגט (ורב יעבוד צעיר) דער עלצטור ווערט דונון דעם יונגסטון נאך איין פשט זאגט דער חזקוני רבקה הט גזאגט יצחק ווערט מוך שעלטון נוט דוך דען ער ווערט טרכטון איך הב דיר דיא עצה געגעבון וויל איך הב געהערט ווי ער וויל עשו בענטשון נאך איין פשט זאגט דער חזקוני איך וועל דוך געבור שעלטון ווען דוא ווערסט מוך נוט פאלגון אובור יצחק ווערט דוך נוט שעלטון ווייל דוא טוסט אום גוטס אונ ברענגסט אום עסון אונ דער אמרי נועם זאגט נאך איין פשט אויף (עלי קללתך בני) רבקה הט גזאגט דיין קללה ווער אויף דער פולין ווען דיין פאטור ווערט דוך נוט לאזון ירשונון וועל איך דור געבון מיין כתובה וועפטי הבון גונוג אונ רבקה האט גנומון דוא קליידור פון עשו ווס ער פלעגט אן

טאן ווען ער איז גגאנגון נאך דעם גוויעג אונ הט אן גקלייד צו יעקב אונ הט גנומון די פעל פון דוא צוקאליך אונ הט אום אן גקלייד אויף זיינו הענד אונ אויף זיין האלז כדי יצחק זאל מיינון דם איז עשו אונ די קליידור הט עשו געגעבון רבקה צו בהלטון ווען ער הט שוין פול ווייבור גהאט דאך הט ער זיי דוא קליידר נוט געוועלט גטרואון ווייל ער הט גוויסט דם זיי זענון רשעים אונ יעקב איז גוקומון מוט דם עסון צו זיין פאטור. דר אבן שואב שרייבט יעקב הט נוט געוואלט גנבונון די דיעה פון זיין פאטר אונ הט נוט געוואלט ליגון זגון אונ ער האט גוויינט אונ האט נוט געוואלט טראגון דאס עסון ביז רבקה הט גשטוסון דאס עסון אונ ער הט נוט געוואלט גיין ביז רבקה האט גזאגט מלאכים וועלון מוט דור גיין צו דיין פאטר אונ ווייא ער איז גוקומון איין דר טור איז ער חלשות גבליבון האט גאט גושוקט מיכאל אונ גבריאל אונ זיי האבון אום גופורט ביי די צוויי הענד צו זיין פאטור אונ רבקה הט נוט געגעבון קיין ווין צוא יעקב דען זיא האט נוט געוואלט דאס ער זאל זיין רוט ביי דער ברכה פון יצחק ווייל עשו הייסט רוט האט מיכאל אום גבראכט ווין פון דעם גן עדן אונ ווייא יעקב איז ארוס גגאנגון פאר דער טור איז עשו אן גוקומון האט מיכאל אום פאר בארגון עשו זאל אום נוט זעהן אונ דער בחיי אונ דר חזקוני שרייבון גאט האט דרום גופורט דם עשו הט פר קופט די בכורה צו יעקב כדי יעקב זאל קענון מקבל זיין דוא ברכות פון זיין פאטער ווען זיין פאטר האט אום גפרעגט ווער בוסטו הט ער געענפרט (אנכי עשו וגו׳) כלומר איך בון אויף דעם אורט פון דיין בכור עשו דען ער האט מור פאר קופט די בכורה אונ דאס וואס יעקב האט גזאגט (עשיתי כאשר וגו׳) איך האב גוטאין אזו וויא די האסט גרעט צו מור פרעגט דר בחיי

יצחק הט דאך אום נוט גהייסן ברענגן עסן דר תירוץ איז (אלי) אז טייטש פון מיינט וועגן כלומר דס וואס דו האסט גהייסן ברענגן עסן הט רבקה גהערט אונ האט מיר גהייסן ברענגן (ועשיתי כאשר דברת אלי) אוך האב פיל מאל גטון אזו ווי דוא האסט גרעט צוא מיר אונ יצחק האט גפרעגט צו יעקב ווארום ביסטו אזו גיך גוקומן פון דעם פעלד (ויאמר כי הקרה יי אלהיך לפני) האט יעקב גזאגט ווארום גאט האט גמאכט טרעפן פאר מיר אזו האט יצחק זיך גטראכט דאס מוז זיין יעקב דען עשו דער מאנט נוט גאטס נאמן איז קשה יצחק האט דאך גהאלטן עשו פר איין צדיק אונ ווארום איז אום איין חידוש גוועזן וואס ער דער מאנט גאט דען איין צדיק דר מאנט דאך אופט גאטס נאמן נאר דר תירוץ איז יצחק האט גטראכט עשו גייט אופט אוף דעם פעלד חיות האפן אזו גייט ער אוף אום ריינו ערטר דרום האט ער זיך גוויינט ער זאל נוט דר מאנן דעם נאמן פון גאט אפילו אונ דער היים אונ דא האט ער דער מאנט גאטס נאמן אזו הט יצחק זיך גטראכט דאס מוז זיין יעקב דען ער גייט נוט אונ אומ ריינו ערטר אזו איז ער גוויינט צו דר מאנן גאטס נאמן (וימשהו ויאמר הקול קול יעקב והידים ידי עשו) האט אום יצחק אן גטאפט אונ האט גזאגט דאס קול איז פון יעקב דען ער רעט גאר נודרוג אונ עשו פלעגט ריידן הויך אונ דוא הענד זענן הענד פון עשו דער חזקוני שרייבט יצחק האט גזאגט אונ דעם קול דער קען אוך נוט אויב דאס איז עשו ווארום איין מענש רעט צו צייטן דון אונ צו צייטן רעט ער גראב אובור אונ דוא הענד דער קען אוך רעכט דס ער איז עשו ווארום זיי זענן מוט האר דרום הט ער אום גבענשט (ויבא לו יין וישת) אונ ער הט אום גבראכט ויין

וויל דס מאכט דעם מענש מבולבל אזו וועט ער אום נוט דר קענן (וירח את ריח בגדיו) אונ יצחק האט גשמעקט דעם גוטן ריח פון זיינו קליידר פרעגט רש״י דוא פעל פון צוגן האבן דאך נוט קיין שיינום ריח וואס האט גוהאט צו שמעקן דער תירוץ איז יעקב האט אן גוטן דוא קליידער פון עשו וואס זיי זענן גוועזן פון אדם הראשון ווים ער איז גוועזן מוט זיי אונ גן עדן דרום האבן זיי גהאט אשיינום ריח פון דעם גן עדן אונ אוף דו קליידר איז גוועזן אוים גמאלט כל מיני חיות אונ אוך ווען עשו איז גגאנגן אונ פעלד מוט דו קליידער זענן אלו חיות גוקומן צוא לופן צוא דוא קליידר האט ער גקענט האפן וואס פר איין חיה ער הט גוולט (וישתחוו לך בני אמך) זיי זלן זיך בוקן צוא דיר דו קונדר פון דיין מוטר פרעגט דער דבק טוב זיי האבן דאך נאר איין פאטר גהאט ווארום האט ער נוט גזאגט דו קונדר פון דיין פאטר זאגט דער חזקוני איין תירוץ יצחק הט זיך גוטרכט רבקה איז נאך יונג אונ וועט נאך איין מאן נעמן אונ וועט נאך קונדר האבן דרום הט ער גזאגט דוא קונדר פון דיין מוטר אפילו דו וואס זוא וועט האבן פון איין אנדורן מאן (אורריך ארור ומברכיך ברוך) דיינו שעלטר זאלן זיין גשלטן אונ דיינו בעשער זאלן זיין גבענטשט פרעגט רש״י ווארום שטייט ביא בלעם פרור דיינו בענשר זאלן זיין גבענטשט אונ דער נאך דיינו שעלטור זאלן זיין גשאלטן דער תירוץ איז דו צדיקים גייט עס אוף דר וועלט שלעכט צום ערשטן אונ דער נאך גייט עס זיי גוט דרום זאגט יצחק פרור אורריך ארור דער ווס וועט דיך שעלטן זאל זיין גשאלטן אונ דר נאך (ומברכיך ברוך) ווער עס וועט דוך בענטשן וועט זיין גבענטשט אובור דו רשעים גייט פרוער וואול אונ דער נאך שלעכט דרום זאגט בלעם פרור מברכיך

ברוך דיינו בענטשר זאלן זיין געבענשט אונ דער נאך וואורריך ארור דיינו שעלטער ווערט גאט שעלטן דער חזקוני שרייבט ווען שון יצחק האט גוהאלטן עשו פר איין צדיק הט ער גוויסט דם ער איז איין קרוגר אונ פיל לייט האבן אים פיינט אונ וועלן אים שעלטן דרום הט ער אים פרור גזאגט אורריך ארור ווייל ער האט גהאט מער שעלטור וויא בענשור אונ ווי עשו איז גוקומן הט ער גזאגט (יקום אבי) שטיי איף מיין פטור דער חזקוני שרייבט יצחק איז אנשלפון גווארן נאך דעם עסן פון יעקב דרום הט עשו גזאגט שטיי אויף מיין פטור אונ עס פון מיין עסן הט אים יצחק גפרעגט ווער בוסטו (ויאמר אני בנך בכרך עשו) האט ער גזאגט איך בין דיין עלצטור זון עשו (ויחרד יצחק חרדה גדולה עד מאוד) איז יצחק זייער דער שראקן גווארן דר מדרש שרייבט יצחק איז זייער דער שראקן גווארן ווען ער איז ווארן גיבונדן אויף דעם מזבח אונ אצינדרט איז ער נאך מער דר שרקן גווארן דרום שטייט (עד מאוד) דם איז טייטש ער איז זייער דר שראקן גווארן (ואוכל מכל בטרם תבא ואברכהו) אונ איך האב גוגעסן פון אלערליי גושמאק אונ הב אים גבענשט (גם ברוך יהיה) ער זאל שון זיין גבענשט אונ דרום הט יצחק גזאגט ער זאל בלייבן גבענשט כדי דוא לייט זאלן נוט דארפן זאגן ווען יעקב זאל קיין רמאות נוט גוועין טאן וואלט ער נוט גבענשט גווארן דרום נאך דעם אז יצחק איז גוואר גווארן פון דעם רמאות הט ער דאך גזאגט גם ברוך יהיה ער זאל בלייבן גבענשט דר חזקוני שרייבט יצחק הט גזאגט ווען איך הב מיך טועה גוועזן צווישן יעקב אונ עשו איז קיין חידוש נוט ווארום איך בין בלונד אובור גאט ווייסט אליין וואל ווארום הט ער אוועק גנומן דו ברכה פון דם בכור אונ הט געגבן דם יונגסטן גם ברוך יהיה מן הסתם מוז ער זיין געבענשט דען איך הב געבענשט אויף דר דעה פון גאט אונ יעקב הט דאך ביי דור עשו דו בכורה אוועק גקופט דרום איז רעכט ער זאל זיין געבענשט נאך איין פשט זאגט דר חזקוני יצחק האט גזאגט ער מוז זיין געבענשט ווארום איך האב אים געבענשט דם זיינע בענשער זאלן זיין געבענטשט אונ זיינע שעלטער זאלן זיין גשאלטן אונ היינט אז איך וועל אים שעלטן וועל איך מיך שעלטן אונ אוב דוא וועסט זאגן איך זאל אים נוט שעלטן אונ נוט בענטשן גם ברוך יהיה ער זאל זיין געבענטשט ווארום אז איך בענש אים בענש איך מיך (ויצעק צעקה גדולה ומרה) אונ עשו הט גשריגן איין גרוס גשריי אונ איין בוטרס אונ זאגט צום פאטער בענש מיך אויך מיין פאטער הט יצחק גזגט עס איז גוקומן דיין ברודער מוט קלוג שאפט אונ האט אוועק גנומן דיין ברכה הט עשו גזגט דרום האט מען אים גורופן יעקב דם איז טייטש נארן ווייל ער האט ביי מיר אום גנארט מיין בכורה אונ היינט מיין ברכה אונ עשו הט גזאגט פר וואר דו האסט מיר גוויס אפ גשייד איין ברכה הט יצחק אים גענפרט איך האב גמאכט יעקב פר איין האר איבור דיר אונ אלו זיינע ברודר האב איך אים געגבן פר קנעכט אונ קארן אונ וויין האב איך אים געגבן אונ וואס זאל איך דיר היינט טואן הט עשו גזאגט האסטו דען נאר איין ברכה אונ האט איך גוהובן זיין קול אונ האט גווייגט הט אים יצחק געבענשט (משמני הארץ יהיה מושבך)

פון

אוהל

פאטור האט נוט קיין הארץ אום צו בענשין ווארום ווען נוט נאך וואס הט ער זיך גהייסן ברענגן זופו

יעקב

שפייז דרום הער מיך צו נעם אצונקעלו אונ מאך דייך פאטר זופו שפייז וועט ער דיך בענשון:

פון דער פעטוקייט פון דער ערד זאל זיין דיין זוצון דער תולדות יצחק פרעגט ווארום האט יצחק גזאגט אוך האב שון גבענשט דיין ברודור קען אוך דוך נוט בענשון אוז דען נוט דא אוף דר וועלט מיין קיין ברכה מור זעהן דאך דאס יצחק אליין האט נאך דעם גופונון אום איין ברכה דער תירוץ אוז יצחק האט גזאגט אזו איין ברכה וויא יעקב וועל איך דור נוט קענון געבון דאס האט עשו גזאגט (ברכני גם אני אבי) בענש מיך איך וויא יעקב ווארום ער האט נוט גוויסט מוט וואס פר אברכה ער האט גבענשט יעקב האט יצחק אום

אוהל

(ויתן לך אלהים מטל השמים ומשמני הארץ ורוב דגן ותירוש) יצחק האט גובענשט צו יעקב גאט זאל דיר געבון פון דער טויא פון דעם הומול אונ דוא פעטוקייט פון דער ערד אונ פול קארון אונ אלטון וויין . לאמור פר שטיין נאך וום הט גאט אפ גקלובון צוא יעקב אז מוט דער ברכה זאל אום דער פאטור בענשון דער מדרש זאגט מטל השמים מיינט מען דוא שטאט ציון מוט ירושלים אונ משמני הארץ מיינט מען דו קרבנות אונ רוב דגן מיינט מען די ביכורים ותירוש מיינט מען דוא נסכים אמשל איין גרוסור עושר האט גהאט פול גשעפטון אז ער גוקומון אויף דער עלטור האט ער זוך ברעכונט עס אונז דאס בעסטו אוך זאל איבור געבון דאס עשירות מוט אלו גשעפטון איינום פון מיינו קונדר אונ ער זאל שפייזון דם גאנצו הוז גזונד מיינס האט ער גרופון אלו זיינו קונדר אונ הט צו זייא גזאגט וועלכור פון אייך וויל ער זאל בלייבון אוף מיין אורט וועל אוך אום אובער געבון אונ גאנצון מיין עשירות אונ זאל שפייזון אונ גאנצון מיין הוז גזונד האבון קיינור נוט גוואלט אן נעמון דאס דאוונו אוטלוכר האט גזאגט וויא אזו קאן אוך אוף מיר נעמון איין שווערו משא אוך זאל טראגון דעם עול פון דעם גאנצון הוז גזונד אוף מור בעסור וועל אוך זיין פון דוא גשפייזטו נוט אוך זאל הארווין אונ זאל יענום שפייזון עס אוז אובור גווען צווישון זייא איין קלוגור הט ער דעם פאטור גענפורט אוך נעם אוף מור אוך זאל שפייזון דיין גאנץ הוז גזונד נאר דוא זאלסט מקיים זיין דיינו רייד אונ זאלסט מור אובור געבון דאס גאנצו עשירות מוט אלו גשעפטון אוז אזו גבלובן אז זייא זענון ארום גגאנגן פרעגט אום איינור פון זיינו פריינד נאך וואס האסטו אוף דור גנומון אזו איין עול דוא זאלסט אוף דור טראגון דוא משא פון גאר דעם בני בית ענפורט אום דער קלוגור פר

גענפערט אוך האב אום גמכט פר אהאר אובור דור קענסטו מוט אום נוט גלייך זיין הט עשו גזאגט וועז אונ דר ברכה קען אוך נוט גלייך זיין דוא האסט דאך אום נאך גבענשט מוט קארון אונ ויין דוא ברכה גוב מור אוך דרום האט אום יצחק גבענשט (ומשמני הארץ יהיה מושבך) פון דעם פעטוקייט פון דר ערד זאל זיין דיין זוצון כלומר זאלסט האבון קארון אונ ויין האט עשו גזאגט וואס העלפט מור עס וואס אוך וועל האבון קארון אונ ויין גוב מור עפוס איין גוועלטוקייט צו צייטון האט יצחק אום געגפורט (ועל חרבך תחיה) דוא וועסט

האבין

יעקב

שטייא גאר וואס פאר איין גרוסו טובה עס וועט מור ארום קומון איין מאל דער פאטור וועט מור אובור געבון אלו היינור מוט דוא גוועלפור מוט דו פעלדור מוט דוא גערטנער וואס דער פון מאכט מען אלו יאר גאלד אונ דם צוייטו אוך וועל בקי ווערון אונ אלו גשעפטון אונ אין אלו ארבוט פון דוא פעלדור אונ פון דוא גערטנור אונ אוך וועל ווימון פון שטוב זאכון אונ פון דוא אלו זאכון וועל איך לערנון חכמה דער נמשל אוז דוא ברכות מוט אלו טובות קומון אוף דער וועלט נאר דורך דער תורה אונ כדי מען זאל ווא קענון מקיים זיין האט אונז גאט גבראכט קיין ירושלים אונ הט אונז גבויט דאס ביהמ"ק מוט דעם שלחן מוט דער מנורה, אונ דוא קטורת מוט דעם לחם הפנים אונ צו דעם האט ער אום דער ווילט דוא הייליגו כהנים זייא זאלון ברנגון אונ ביהמ"ק מוט דוא אלו אין פר פולט גווארון דוא דונסט פון גאט אונ פון דו אלו זאכון וום עס שטייט פרור דורך דער תורה אונ ירושלים אונ דורך דוא אנדרו זאכון האבון מור צוא אונז משפיע גוועז אלו טובות פון גאט אונ אוז פון אונז צו טיילט גווארון אוף דער גאנצר וועלט דרום הט גאט גפורט אז יעקב זאל גבענשט ווערון מוט דוא ברכות מטל השמים ער זאל האבון דוא ברכות פון דער וועלט אונ פון אום זאלון דוא ברכות צו טיילט ווערון אוף דער וועלט אזו וויא דער קלוגור האט אוף זוך גנומון ער זאל שפייזון דאס גאנצו הוז גזונד היינט אוז שון רעכט וואס דער מדרש זאגט מטל השמים מיינט מען ציון מוט ירושלים אונ משמני הארץ מיינט מען דוא קרבנות ווארום דורך דער תורה אונ דורך דער עבודה וואס מען האט נטון אונ ביהמ"ק מוט דוא קרבנות אונ מוט נסכים אונ מוט דו ביכורים האבון מור משפיע גוועז שפע אוף דער וועלט אונ פון דער תורה גייאון ארום אלו חכמות :

דבון איין געוועלטיגקייט מיט דיין שווערד (והיה כאשר תריד ופרקת עולו מעל צוארך) ווען יעקב וועט ניט וועלין די תורה האלטין וועסטו איבר אים געוועלטיגין דער אמרי נועם שרייבט אברהם האט געהאט איין שווערד וואס איז געשטאנין אויף איר דער שם המפורש אונ האט זיא געגעבין צו יעקב אונ אז עשו האט געוואלט מלחמה האלטין מיט נמרוד האט ער צו יעקב פאר קויפט דיא בכורה פאר דער שווערד אונ דם ברויט אונ לינזין האבין זיא געגעסין אזו וויא דער סדר איז ווען איינר קויפט סחורה טרינקט מען וויין קויף אונ וויא עשו האט גזאגט יעקב האט אוועק גינומין די בכורה האט אים יצחק געענפערט (ועל חרבך תחיה) דוא וועסט לעבין דורך דיין שווערד וואס דוא האסט גנומין פר דר בכורה (וישטום עשו את יעקב) אונ עשו האט פיינד געהאט יעקב איבר דר ברכה וואס דר פאטר האט אים געבענשט דר חזקוני שרייבט וייל עשו האט געהאט די ברכה ועל חרבך תחיה דרום האט ער פיינד געהאט יעקב דען ער דא זיך פר לאזט דם מיט דר שווערד וועט ער אים קענין הרגינין אונ עשו האט גזאגט (יקרבו ימי אבל אבי) עס וועלין געענהנין דיא טעג וואס מיין פאטער וועט שטארבין וועל איך הרגינין מיין ברודר יעקב דען פר זיין לעבין וויל איך אים קיין צער ניט אן טון אזו שרייבט רש"י אונ דר חזקוני שרייבט אזו האט עשו גזאגט (יקרבו ימי אבל אבי) עס וועט געענהנין דיא טעג וואס מיין פאטער וועט שטארבין אונ וועט שון מער קיין קינדער ניט האבין וועט קיינר ניט זיין אן צו נעמין זיך פר יעקב אזו וועל איך אים הרגינין (ויגד לרבקה) איז ווארין גזאגט צו רבקה דורך רוח הקודש דם עשו וויל הרגינין יעקב אזו האט זי גורופין צו יעקב אונ האט אים געהייסין אוועק גיין צוא לבן צוא בהאלטין זיך דארט פאר עשו אונ איך וועל נאך דיר שיקין אונ וועל דיך פון דארטין אפ נעמין (למה אשכל גם שניכם יום אחד) ווארום זאל איך ווערין גמונערט פון אייך ביידי אונ איין טאג דען עשו האט גזאגט ווען יצחק וועט שטארבין דעם טאג וועל איך הארגינין יעקב דרום האט רבקה גזאגט ווארום זאל איך ווערין גימונערט פון דיר אונ פון יצחק אונ איין טאג אזו שרייבט דער חזקוני אונ רש"י שרייבט אזו האט רבקה גזאגט ווען ער וועט אויף שטיין אויף דיר צו דער שלאגין דיך אונ די וועסט אים הארגינין וועלין זיינע קינדער אויף שטיין אונ וועלין דיך הארגינין אזו וועל איך ווערין גימונערט פון אייך ביידי אונ איין טאג אונ אין אמת זענין זיא ביידי געשטארבין אונ איין טאג (אם לוקח יעקב אשה מבנות חת) רבקה האט גזאגט צו יצחק ווען יעקב וועט נעמין אווייב פון חת טעכטור נאך וואס טויג מיר דאס לעבין דער חזקוני שרייבט רבקה האט גזאגט צו יצחק די מוזט יעקב פר ביטין ער זאל ניט נעמין אווייב פון די טעכטר פון חת ווארום ער וועט וועלין נעמין אווייב ביי איין גרויסין שררה פון די בני חת ער זאל אים העלפין אקעגין עשו האט יצחק גלאזט רופין צוא יעקב אונ האט גזאגט צוא אים גיי צו לבן אונ נעם דיר אווייב פון זיינע טעכטור (ואל שדי יברך אותך) אונ גאט זאל דיך בענשין (וישלח יצחק את יעקב וילך פדנה ארם אל לבן בן בתואל הארמי אחי רבקה אם יעקב ועשו) אונ יצחק האט אוועק גשיקט יעקב קיין פדן ארם צו לבן דר זון פון בתואל דער ברודר פון רבקה וואס זי איז גוועזן דיא מוטור פון יעקב אונ עשו פרעגט דער חזקוני ווארום זאגט אונז דער פסוק זוא איז גוועזן דוא מוטור פון יעקב אונ עשו מיר ווייסין דאך לאנג

וואל

וואל דער תירוץ איז דער פסוק ווייזט אינז וויא קומט עס יצחק אונ רבקה זענען גוועזן ביידע צדיקים אונ האבן גהאט אזון איין רשע דרום זאגט דער פסוק (לבן אחי רבקה) לבן איז גוועזן דער ברודר דרום איז זוא גוועזן די מוטר פון יעקב אונ עשו נאך אתירוץ איז רבקה האט דרום אוועק גשוקט יעקב ער זאל ניט דער שלאגון עשו ווען עשו וועט אום וועלון דער שלאגון דרום זאגט אונז דער פסוק רבקה איז גוועזן דוא מוטור פון יעקב אונ עשו אזו האט זוא זוך גוואלט דער בארומון אובור זיא ביידע איבר יעקב אונ עשו דער תולדות יצחק אונ דער בחיי שרייבון ווי הט זוך רבקה ניט גפארכטון אזו נאהונט צוא שוקון יעקב קיין פדן ארם טאמור וועט אום עשו נאך יאגון דרום זאגט דער פסוק (אם יעקב ועשו) שטייט פרור יעקב דען זו האט גוויסט דס מען ווייסט אונ פדן ארם דאס זוא האט יעקב מער לוב וויא עשו אזו וועט מען אום גוויס מציל זיין פון עשו אונ אטייל חכמים זאגון אלו צווילונג וועהרן גובורון אונ צווי הייטלון אונ יעקב אונ עשו זענון גובורון אונ איין הייטל דרום זאגט דער פסוק (אם יעקב ועשו) דוא מוטור פון יעקב אונ עשו כלומר זיי זענון אונ איין הייטול גובורון

גווארון (וישמע יעקב אל אביו ואל אמו) אונ יעקב האט צו גהערט צו זיין פאטור אונ מוטור אונ איז גגאנגון קיין פדן ארם פרעגט דער בחיי ווען יצחק האט יעקב גהייסון אוועק ציין ווארום איז יעקב גשטראפט גווארון דער פאר דען מור גופונון דאס יוסף איז פאר לורון גווארון פון יעקב צווי אונ צוואנציג יאר אונ הט אום נוט מכבד גוועזן ווייל יעקב הט זוך גזומט אונ הויז פון לבן צווי אונ צוואנציג יאר אונ הט זיין פאטר אונ מוטר נוט מכבד גוועזן דר תירוץ איז יצחק הט יעקב גהייסון ער זאל נעמון לאה דוא עלצטו טאכטור פון לבן אונ זאל זוך דארטון נוט זומון איז אום בעסור גפעלון רחל אונ הט זוך אובור אור גוזומט דרום איז ער גשטראפט גווארון אונ דר אמרי נועם זאגט אתירוץ יעקב איז גוועזן בהאלטון אונ בית המדרש פון שם ועבר פערצהן יאר אז איז ווארון אפ גטאן פון אום דער צארון פון זיין ברידר עשו הט רבקה נאך אום גושוקט דבורה אונ זוא האט אום גופונון אונ הויז לבן דאס ערשטו יאר אונ ער האט זוך גזומט צווי אונ צוואנציג יאר דרום איז ער גשטראפט גווארון דאס יוסף האט אום אויך נוט מכבד גוועזן צווייא אונ צוואנציג יאר דען גאט שטראפט מדה כנגד מדה :

צאינה הפטרת תולדות וראינה

משא דבר יי אל ישראל ביד מלאכי) דאס איז דיא נבואה פון גאטס רייד וואס איז ווארון איבר געגעפרט צו מלאכי ער זאל דם זאגון צו ישראל אונ דם נביאות איז שון לאנג גוועזן אונ דוא הענד פון מלאכי פון דאנון לערנון די חכמים

אפ דאס אלו נשמות פון דוא נביאים זענון גשטאנין אויף דם בארג סיני אונ דרטון איז צו זיי ווארון איבר געגעפרט זייער נביאות וואס זיי זאלון זאגון אונ זייערי צייטון (אהבתי אתכם אמר יי) גאט זאגט אויך הב אייך לוב אונ אוב

אור

נופת

אהבתי אתכם אמר ה' (מלאכי א') גאט ב"ה זאגט צו דוא ישראל איך האב אייך לוב זכאין אינז ישראל דוא ישראל האבין אזכות דם ווען זייא זענון באהעפט צו הקב"ה לובט ער זייא אונ דוא שכינה

צופים

ריהוט צווישון זייא . אונ דער הויפט פון אלץ רונג איז דוא מחשבה קדושה וטהורה וואס מען טראכט בשעת מעשה דאס איז גורם עס זאל רוהון אויף די זאך קדושה אונ ווען מען טראכט פאר קערט איז

איר וועט זאגין מוט ווס הסטו אונז ליב זאג איך אייך פר וואר עשו איז איין ברידר צוא יעקב אזו האב אוך ליב יעקב צו געבון אום דאס גוטי לאנד ארץ ישראל (ואשים את הריו שממה) אונ אוך וועל טאן דוא בערג פון עשו וויסט זיי וועלין נוט גלייך זיין צו דוא בערג פון ישראל אונ זיין נחלה דם לנד שעיר וועט זיין חרוב אונ עס וועט זיין איין וואנונג צוא שלנגין (כי תאמר אדום רוששנו) ווען אדום וועט זאגין תאטשו מיר זענון פון פריר ארום געוען אבר מיר זענון רייך גווארון פון דם רובונג פון ירושלים דרום וועלין מיר זוך אום קערון אונ וועלין בואון דו וויסטו שטעט אזו הט גזאגט גאט דר האר זיי וועלין בואון אונ אוך וועל צו פורן זייער בואונג אונ וועט זיי רופון איין בייזור גבול (ועיניכם תראנה) אונ אייערו אוגון וועלין דם זעהון אונ איר וועט זאגון גאט איז ווארון גגרוסט אובר דם גבול פון ישראל אונ הט גוויזון דם ער איז אונזר גאט זאגט גאט (בן יכבד אב) איין זון האלט ערליך זיין פאטור אונ איין קנעכט הלט ערליך זיין האר דרום אוב אוך גאט בין אייער פאטור ווי איז מיין כבוד ווס איר טוט מיר אן אונ אוב אוך בין איין האר ווי איז דו מורא פר מיר אזו זאגט גאט צו אייך כהנים ווס איר זענט מבזה מיין נאמון אונ אוב איר וועט זאגון מוט ווס זענון מיר מבזה דיין נאמון דם איז איין בזיון וואס איר זענט מקריב אויף מיין מזבח אום ריין ברוט אונ ווען איר וועט זאגון מוט ווס האבן מיר פר אום רייניקט דם ברוט פון דיין מזבח זאג אוך אייך דער מוט ווס איר זאגט גאטס טיש איז מבוזה דען דוא כהנים האבן מבזה

גווען צו צו טיילון זוך איינר מוט דם אנדרין מיט די קרבנות דען זייא האבן גזאגט ווייל מיר טארון נוט צו טיילין איין מנחה אקעגין איין מנחה אונ איין בהמה אקעגין איין בהמה דם איין כהן זאל נעמין איין מנחה אונ דער אנדרר דו אנדרי מנחה נאר מען מוז אוטליכו מנחה צו אלו כהנים צו טיילון אונ דאס איז אגריסו טרחא צוא צו טיילון אוטליכו מנחה דם עס זאל אוטליכון אן קומן ווייא איין זית גרוס (וכי תגישון עור לזבוח) אונ אז איר מכט גנעמין איין בלינדו שאף צוא קולון עס פאר מיר פר איין קרבן איז דם דען נוט קיין בייזו זאך אונ ווען איר זענט מקריב איין הונקעדיגן אודור איין קראנקין איז דען דאס נוט קיין בייזו זאך מאך אום נאר גנענון צו דיין האר פר איין מתנה אוב ער וועט דוך בווילגון אודר אוב ער וועט פר טראגון דיין פנים דם ער זאל דוך דר פר נוט שטרפין אונ ווי זאלט איר אזו אקרבן ברענגין פאר מיר אזו זאגט גאט דער האר (ועתה חלו נא פני אל ויחננו) אונ אצינד איר כהנים ווי זאל אויף גיינאוף אייער דעה איר זאלט זיין שלוחים פון ישראל צוא בעטין גאט פר זיי ער זאל זיי לייט זעליגון פון אייך איז דאך דם בייז גווארון נוא וועט דען גאט פון אייך צו הערון דו תפלה אזו זגט דער האר אובר אלו חיילות (מי גם בכם ויסגור דלתים) ווער איז דר גוטר מענש צווישין אייך דאס ער זאל פר שליסון דו טורון פון מיין בהמ״ק אונ איר זאלט נוט אן צינדון קיין פייאור אויף מיין מזבח אומזוסט צו ברענגין אזעלכי קרבנות ווס אוך בגער זייא נוט אזו זאגט גאט דער האר אובר אלו חיילות אונ

קיין

נופת

מען זוך מתדבק צום רוח הטומאה אונ אוף דו זאך האט שליטה דוא סטרא אחרא . קום אונ זעה בשעת מען האט גארבוט אונ דער מדבר צום משכן פלעגון דוא בעלי מלאכות זאגון בייא יעדור זאך דאס איז היילוג צום משכן דאס צום פרוכת דם פארון ארון הקודש דאמוט איז דוא ארבייט גהיילגט גווארון אונ יעדור זאך איז ארוף גגאנגן אוף זיין ארט בקדושה . אז עס איז דארטון גשריבון אשר נשא לבו וגו׳ דוא מחשבה פון הארץ האט זייא גהייבון למעלה למעלה צום מקור הקדושה ווייל דער עיקר באשטייט אונ איין מחשבה טובה . מיר גפונון דוא בנעגים פון ארץ ישראל האבון גדונט צו אלו אום ווירדוקייטון

צופים

אונ וואס זייא האבון גטאן האבון זייא נאר גטראכט אונ גזאגט מוטון מול אז דאס איז פון זייערט וועגון דרום האט אוף אלו גרועט דער רוח הטומאה אונ ווייל גאט לובט זיין פאלק אונ האט גגלוסט צו רואון בייא זייא דרום הט ער גמאכט עס זאל זוך באווייזון נגעים אונ דוא הייזור פון ארץ ישראל בשעת יודון זענון אריין גקומון דארטון אונ׳ ווייל מען האט גמוזט צו ברעכון דעם בנין אונ צו רעכט מאכון פון דאס נייאו נאר מוט אנדערו מאטריאל זויא דער דין איז דא האט שון דער יוד בודאי גטראכט לשם קדושה אונ דאן האט דוא שכינה שון אריין גטרעטון אוף יענג שטעלו ווארום ווען דם וואלט נאר גוועזון אובור

קיין מנחה וויל איך נוט בווילינון פון אייער האנד (כי ממזרח שמש עד מבואו) דען פון מזרח זייט וועלט וואס דוא זון גייט דרטון אויף אונ ביז מערב זייט וועלט ווס דוא זון פר גייט דרטין איז מיין נאמון גגרוסט צווישין פעלקר אין אונ אלו ערטור טוט מען מקטיר זיין קטורת אונ מקריב זיין קרבנות פון מיין נמון וועגון אונ זיי ברענגון איין ריינו מנחה דען מיין נאמון איז גרוס אזו זאגט דר האר אובר אלו חיילות (ואתם מחללים אותו) אונ איר טוט פר שוועכון מיין נאמון דר מוט ווס איר זגט דער טיש פון גאט איז פר אום ריינוגט אונ די רייד ווס איר רעט תמיד אוף דעם מזבח איז דאס איר זאגט עס איז מבוזה זיין עסון שפייז (ואמרתם הנה מתלאה) אונ איר טוט זגון דס מיר זענון ארום אונ מיר פר מאגון נוט צו ברענגון איין פעטו בהמה פר אקרבן אונ איר ברענגט איין מאגורו בהמה אונ איר מאכט מיך דר מוט טרורוג אזו זאגט גאט דר האר אובר אלו חיילות אונ איר ברענגט פר אקרבן איין גגזולתו בהמה אהינקדוגי אונ איין שלאפו בהמה זאל איך דען דס בווילוגון פון אייער האנד אזו זאגט גאט (וארור נוכל ויש בעדרו זכר) פר פלוכט זאל זיין דער פאלשור מענש ווס זגט ער הט נוט קיין בעסרו בהמה אין אונ אמת הט ער אונ זיין טשערדו איין גיטון ווידר ווס ער איז ראוי צו איין קרבן אונ ער שעכט איין בעל מום צו גאט אונ ער וולט דס נוט גדרפט צו טואון דען איך בון אגרוסר מלך אזו זגט גאט דר האר איבור אלו חיילות אין מיין נמון איז פרכטוג. צווישון די פעלקור (ועתה אליכם המצוה הזאת הכהנים) אונ אצונד גיבוט איך צו אייך דו דאזוגו מצוה איר כהנים דס איר זאלט נוט מקריב זיין קיין בעל מום אוף מיין מזבח (אם לא תשמעו) אוב איר וועט ניט צו הערון אונ וועט ניט טיאין אוף אייער הארץ צו געבון כבוד צו מיין היילוגון נאמון זאגט גאט דר האר דס איך וועל שיקין אונ אייך דס פר פליכונג אונ איך וועל פר פלוכין אייער תבואה ווס הט גזאלט גבענשט ווערון אין איך הב זיי שון לאנג פר פלוכט אונ אצונד וועל איך זוא נאך מער פר פלוכין ווייל איר טוט נוט אוף אייער הארץ צו טיאינמור כבוד (הנני גוער לכם את הזרע) נון איך וועל אן שרייען אונ פר דרבון צו אייך דו זאמון ווס איר וועט זייאין אונ איך וועל פאר שפרייטון מיסט אוף אייער פנים דס מוסט פונדו בהמות ווס איר זענט מקריב אום יום טוב כלומר איר וועט פר דוא קרבנות נוט נעמון קיין שכר נייארט עס וועט אייך זיינצו איין רעה אונ צו איין חרפה אונ דס מוסט פון די קרבנות וועט אייך טראגון צו זוך דס איר וועט זיין מבוזה אזו ווי דאס מוסט ווען איר וועט נוט טיאין קיין כבוד צו מיין נאמון דס איר זאלט נוט מקריב זיין איין בעל מום אוף מיין מזבח אונ איר זאלט וויסון דס איך גאט האב צוא אייך כהנים גשוקט דו דאזוגו מצוה פון קרבנות דס מיין ברית זאל זיין מוט שבט לוי (בריתי היתה אתו החיים והשלום) מיין ברית איז שון לאנג גוועז מוט אהרן הכהן אונ דר נאך מוט פנחס ווס זיי קומון ארוס פון שבט לוי דס ער זאל לעבון אונ זאל הבון שלום אזו ווי עם שטייט (הנני נותן לו את בריתי שלום) אונ איך האב אום גגעבון מיין מורא אונ ער הט זוך פר מור גפארכטון אונ פר מיין נאמון ווערט ער צו בראכון (תורת אמת היתה בפיהו) דו תורת אמת איז גוועז אונ זיין מול אונ קיין אום רעכט איז ניט ווארון גפונון אונ זיינו לעפצון מוט שלום אין מוט רעכט פארטוקייט איז ער גגאנגון מוט מיר אונ פול לייט הט ער אום גקערט פון

זינר

נופת

דעם טעם אליין ווס דוא רבן האבון גזאגט כדי דו ישראל זאלון נאר גפונון דוא פאר בארגונו אוצרות פון דוא שבעה אומות ווארום האט מען גמוזט אפ בזאון מוט אנדרו שטיינור אונ אנדערו ערד אונ נוט מיט דוא זעלבוגו אז עס שטייט דארטון ולקחו אבנים אחרות וגו' ועפר אחר יקח דארובר ווען מען הייבט אן אבנין מוז מען זאגון בפירוש אז מען טוט דס נאר כדי דער פון זאל עטוואס ארוס קומון איין ענין צו עבודת השם ית"ב אבר ווען נוט רוהון דארטון דוא

צופים

היצונים אונ אין דעם הויז טרעפט לסוף כמה סבות רחמנא לצלן אוף דעם איז גזאגט הוי בונה ביתו בלא צדק ווייא צו דעם וואס בויעט זיין הויז נוט מוט גרעכטוקייט אונ אן קדושה . אבער אוף דעם וואס ער דער מאנט תיכף דעם נאמון פון השי"ת זאגט דער פסוק וידעת כי שלום אהלך ופקדת נוך ולא תחטא דאס הייסט ווען דוא וועסט דער מאנון דעם נאמון פון השי"ת בייא דיין וואוינונג דאן וועסטו זיין נזכר פון אסבה אונ אין דיין גצעלט וועט תמיד

זינד בייא דם עגל דען קיין מאן פון שבט לוי האט גדונט דם עגל (כי שפתי כהן ישמרו דעת) דען דיא לעפצון פון דיא כהנים מיזון היטון דם שכל פון דר תורה וייל מען טוט פרעגון פון זיי תורה דען עס איז צו זייא ווארון אובער גענפרט דם זיי זאלון לערנון דיא דינים פון דר תורה צו ישראל אונ דר כהן איז דער שליח פון גאט אזו וויא איין מלאך דען ער גייט אריין אונ קדשי קדשים צוא דינין פאר גאט וואס קיינר טאר נוט אהון אריין גיין :

נופת צופים

זיין שלום . מיר געפינון יעקב אבינו ע"ה וואס ער האט גטאן האט ער אוף אלעם דער מאנט דעם היילוגון נאמון פון הקב"ה דען אז ער הט גבראכט דיא זופע שפייז פר יצחק האט ער תיכף גזאגט כי הקרה הי' אלהיך לפני גאט ב"ה האט מיר צו גשיקט דער פאר האט אים הקב"ה גלובט אונ האט באקומון דיא ברכות פון זיין פאטור יצחק אונ השי"ת איז גוועזן מיט אים אונ מיט אלו זיינו קונדר אבור זיין ברודור עשו ער האט נוט דער מאנט זיין היילוגון נאמון דרום זאגט השי"ת אהבתי אתכם וגו' ואוהב את יעקב ואת עשו שנאתי דעם עשו האב אוך פיינט :

פרשת ויצא

(ויצא יעקב מבאר שבע) אונ יעקב איז ארוס גגאנגון פון באר שבע אונ איז גגאנגון קיין חרן פרעגט רש"י וואס דארף נאך שטיין דם ער איז ארוס גגאנגון פון באר שבע מיר ווייסון דאך וואל דם ער איז גוועזן אונ באר שבע דר תירוץ איז דר פסוק ווייזט אונז ווען איין צדיק איז אונ שטאט אזו איז ער דאס שיינקייט אונ דם לעכטיקייט פון דר שטאט אונ ווען ער גייט אוועק פון דר שטאט אזו גייט אוועק מוט אים דם שיינקייט אונ דם לובטיקייט אונ דר חזקוני שרייבט דרום שטייט דם ער איז ארוס גגאנגון פון באר שבע דען דארט פלעגט מען בשווערון ווען מען האט בדארפט אונ דרום הט דוא שטאט גהייסון באר שבע וייל אלו לייט האבון דרטון גשווארון (וילך חרנה) אונ ער איז אונ איין טאג גגאנגון פון באר

ספר הישר

(ויצא) אונ יעקב איז ארוס גגאנגון פון באר שבע אונ איז גגאנגן קיין חרן אונ איז גקומון בוז אונ בארג מוריה אונ האט גנעכטוגט נעבון דער שטאט לוז אונ גאט האט זוך באוויזון צו אים אונ דער נאכט אונ האט צו אים גזאגט איך בון דיין גאט אונ איך דער גאט פון אברהם אונ דער גאט פון דיין פאטור יצחק דאס לאנד וואס דוא לונסט דרוף וועל איך עס געבון דור אונ דיינו קונדער . אונ איך בון מיט דור אונ זאלסט גאר קיין מורא נוט האבון אונ איך וועל דוך הוטון וויא אהון דוא וועסט גיין אונ וועל מערון דיינו קונדער וויא דוא שטערון אונ הומול אונ וועל מאכון פאלון דיינו פיינד פאר דור אונ וועל דוך ווידור קערון צו דעם דאזוגון לאנד מוט פרוד אונ מוט פול קינדר אונ פול עשירות . אונ יעקב האט זוך אוף גכאפט אונ הט זוך זייער גפרייט אוף דעם חלום . אונ יעקב הט גרופון דאס דאזוגו ארט בית אל . אונ איז פון דארט אוועק גגאנגן צום לאנד קדם אונ איז גקומון קיין חרן . אונ האט זוך בזעצט בייא דער ברונו וויא דוא פאסטוכור טרונקון אן דוא שאף אונ יעקב הט דארט דער זעהון אז מענשון גיין פון חרן צו פאסון דוא שאף . אונ יעקב הט זייא גפרעגט פון וואנון זענט איר אפשר קענט איר לבן דער זון פון נחור האבון זייא גענפורט מיר קענון אים אונ באלד וועט קומון זיין טאכטור רחל מוט דוא שאף אונ וויא יעקב האט דער זעהון רחל דוא טאכטור פון לבן איז יעקב גלאפון צו איר אונ הט זוא גקושט אונ הט אויף גהובון זיין קול אונ האט גוויינט אונ יעקב זאגט צי רחל דאס ער איז דער זון פון רבקה אונ רבקה איז איר פאטורס שוועסטור איז רחל גלאפון צום פאטור אונ הט אים גזאגט אז יעקב דער זון פון רבקה איז גקומון אונ וויא לבן האט דער הערט אז יעקב דער זון פון רבקה קומט אן איז לבן גלאפון צו אים אונ הט אים גהאלזט אונ גקושט אונ גנומט אים צו זוך אונ שטוב אריין אונ האט אים גגעבון צו עסון אונ יעקב דער ציילט צו לבן וויא עשו הט זוך אים גטראפון אונ וואס זיין ברודור עשו האט אים גנומן אונ אוך וואס אליפז דער זון פון עשו האט אים גנומן אוף דעם וועג אונ יעקב איז גזעסון ביי לבן איין חודש אונ האט ביי אים גפאסוט דוא שאף . נאך דעם הט לבן גזאגט צו יעקב זאג מיר וואס זאל דיין שכר זיין פאר וואס דוא דונסט מיך אונ לבן הט גהאט צווייא טעכטור איינו האט גהייסון לאה אונ דוא אנדרו האט גהייסון רחל אונ דוא אויגון פון לאה זענון גוועזן טונקול אונ רחל איז

באר שבע קיין חרן דוא חכמים זאגון עם איז גוועזן זובצון טאג גאנג און יעקב איז דם גגאנגון און צוועלוף שעה דרום שטיט (וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם) ער הט בגעגונט און דעם אורט דען דאם אורט איז אום אקעגון גוקומון אויף זאגון דוא חכמים ויפגע איז טייטש תפלה און במקום איז טייטש גאט כלומר ער האט תפלה גטאן צו גאט אונזרו חכמים זאגון יעקב איז גקומון קיין חרן הט ער חרטה גהט ווס ער איז אובור גגאנגון דעם הר המוריה און האט דארטון נוט מתפלל גוועזן און הט זוך אן גהובון אום קערון צוא רוק אזו הט גאט אום גברכט דעם הר המוריה אקעגון כדי ער זאל זוך נוט דארפון פול אום קערון (וַיָּלֶן שָׁם כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ) און ער הט דארטון גנעכטוגט ווארום דוא זון איז אונטער גגאנגון פרעגט רש״י ווארום שטייט פרוער וילן שם און דער נאך כי בא השמש עם דארף פרוער שטיין כי בא השמש דוא זון איז אונטער גגאנגון און ער האט דארטון גנעכטוגט דער תירוץ איז עם איז אונטער גגאנגון די זון נוט און דער צייט כדי ער זאל דארטון בלייבון נעכטוגון דם איז דר פשט ער איז גבליבון נעכטוגון ווייל די זון איז אונטור גגאנגון פאר דר צייט אבר נוט וואלט ער נאך ווייטור גגאנגון כדי ער זאל זוך דר ווייטורון פון עשו פון דאנון לערנון מור אפ דם איין מענש זאל נוט גיין ביי נאכט אזו וויא אונזרו חכמים זאגון לעולם יכנס אדם בכי טוב ויצא בכי טוב איבוג זאל איין מענש און שטאט ארין גיין ווען דוא זון שטייט נאך און זאל ארוס גיין ווען די זון איז שון אויף גגאנגון (וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם) און ער הט גנומון די שטיינור פון דעם אורט און הט זוך ארום גלייגט פרעגט רש״י דא שטייט ער הט גנומון פול שטיינר און ווייטר שטייט (וַיִּקַּח אֶת הָאֶבֶן) ער האט גנומון דעם שטיין איז משמע איין שטיין דער תירוץ איז יעקב האט גנומון פול שטיינער און האט זוך ארום גלייגט וויא איין מאוויר כדי דוא חיות רעות זאלון אום נוט טואון ביא נאכט

ספר הישר

גווען זייער שיין און יעקב האט לוב גהאט רחל . און יעקב ענפורט צו לבן איך וועל דונון ביא דור פאר דיין טאכטור וואם הייסט רחל . און לבן איז דרוף בשטאנון און יעקב האט אום אן גהובון צו דונון :

און וויא עם איז שון דם זובטע יאר פון זיין דונסט ביי לבן האט יעקב גזאגט צו אום גוב מור מיין ווייב וואם איך האב פר אור גדונט און לבן הט אזו גטון און הט איין גזאמולט דוא שטאט לייט און האט גמאכט איין מאל צייט וויא עם איז נאכט גווארון איז יעקב מוט דוא חתונה לייט גגאנגן צו לבן און שטוב ארין איז לבן גגאנגון און הט פאר לאשון אלו לעכט וואס זענון גווען און שטוב און יעקב זאגט צו לבן נאך וואם פאר לעשטו דוא לעכט האט לבן גזאגט אזו איז ביא אונז דער מנהג און לבן האט גנומון זיין טאכטור לאה און האט זוא גבראכט צוא יעקב . און יעקב הט גאר נוט גוויסט אוב עם איז לאה . און לבן הט געבון זיין דונסט מויד זלפה צו זיין טאכטור לאה פר איין דונסט מויד אלו חתונה לייט זענון גקומון און דער דאזוגור נאכט און דעם הויז וויא יעקב איז גווען און האבון גגעסון און גטרונקון און האבון זוך גפרייט און גטאנצט און גזונגון און האבון גזאגט הילא אז יעקב זאל הערון . און יעקב הט אבור נוט פאר שטאנון וואס זייא שרייאון ער הט גמיינט עם איז אזו איין מנהג און דוא חתונה לייט האבון אזו גזאגט איין נאכצו נאכט פר יעקב און וויא עם איז טאג גווארון הט ער זוך גקערט צום ווייב האט ער דער זעהן אז דם איז לאה . הט יעקב גזאגט אצונד פר שטייא איך ווס זייא האבון גזאגט הילא דען הילא איז טייטש לאה און יעקב הט צו גרופון לבן און האט צו אום גזאגט וואס האסטו מור גטון פר וואר איך האב דוך גדונט פאר רחל . און נאך וואם האסטו מוך אפ גנארט אוף דער ארט און דוא האסט מור גגעבון לאה און לבן הט גענפרט צו יעקב מען טוט נוט אזו ביא אונז מען זאל חתונה מאכון פרור דוא יונגסטו פר דוא עלצטו און אצונד אוב דוא ווילסט נעמון אור שוועסטור רחל זאלסטו מוך דונון נאך זובון יאר און יעקב האט אזו גטון און הט גנומון אויך רחל פר אווייב און יעקב הט לובור גהאט רחל איידור לאה און לבן הט געבון צו זיין טאכטור רחל ארונסט מוד און זוא האט גהייסון בלהה (בעת) און דער צייט הט רבקה דוא מוטור פון יעקב גשוקט צו יעקב פון דעם לאנד כנען אור זייגערון דבורה וואם זוא איז דוא טאכטר פון עוץ און אויך צווייא מענשון פון יצחקס קנעכט און זייא זענון גקומון קיין חרן און האבון גזאגט צו יעקב דיין מוטור יהט אונז גשוקט צו דור צוא זאגון דוא זאלסט דוך אום קערון צו דיין פאטורס הויז און לאנד כנען און יעקב הט צו גהערט דוא רייד און אויך און דער צייט האט זוך אום גלאזט דוא אנדרו זובון יאר וואס ער האט

נאכט ווען ער וועט שלאפין אזו האבון זיך די שטיינר אן גיהויבון צו קריגון דר שטיין האט גזגט אויף מיר זאל דר צדיק לייגון זיין קאפ אונ דער שטיין האט גזאגט אויף מיר זאל דער צדיק לייגון זיין קאפ אזו האט גאט גמאכט שלום צווישון די שטיינר אונ האט גמאכט פון אלו שטיינער איין שטיין (וישכב במקום ההוא) אונ ער האט זיך גלייגט אונ דעם דאזוגון אורט רש"י שרייבט דרום שטייט במקום ההוא צו ווייזון אונז דאס נאר אונ דם אורט איז ער גלעגון אונ גשלאפון אובר אלו פערצין יאר וואס ער איז גוועון אונ בית המדרש פון שם ועבר איז ער ביי נאכט נוט גלעגון אונ גשלאפון ווייערט ער האט טאג אונ נאכט גלערונט תורה (ויחלום והנה סולם מוצב ארצה) אונ עס האט זיך אום גחלומת דאס איין לייטר שטייט אויף דער ערד אונ דער שפוץ גרייכט ביז אונ הימל:

דם איז ווי די מלאכים גייאן ארויף אונ אראפ:

(והנה מלאכי אלהים עולים ויורדים בו) אונ דיא מלאכים פון גאט גיין ארויף אויף דער לייטור צום הימל אונ גיין ווידער אראפ פרעגט רש"י דיא מלאכים זענון דאך אויף דעם הימל אזו דארף פריער שטיין זייא גיין אראפ אונ דר נאך דארף שטיין זייא גיין ארויף דער תירוץ איז יעקב איז דיא נאכט גוועון אויף דער גרענוין פון ארץ ישראל אונ די מלאכים וואס האבון אים בגלייט אונ ארץ ישראל דיא דארפון נוט גיין קיין חוצה לארץ זענון זייא ארויף גגאנגון אויף דעם הימל אונ דער נאך זענון אראפ גגנגון אנדרי מלאכים צו בגלייטון אים אונ חוצה לארץ אונ דער חזקוני אונ דער בחיי שרייבון דיא צורה פון יעקב איז אים גקרוצט אונ דעם כסא הכבוד אזו זענון דיא מלאכים וואס האבון בגלייט יעקב פריער ארויף גגנגון צו זעהן די צורה פון יעקב וואס אונ דעם כסא הכבוד אונ דער נאך זענון זייא ווידר אראפ גגאנגון צו זעהון אוב דיא צורה פון יעקב איז גלייך צוא דער צורה וואס אונ דעם כסא הכבוד אונ גאט האט זיך בוויזון צוא יעקב (ויאמר אני יי אלהי אברהם אביך וגו') אונ האט צוא אים גזאגט איך בין דער גאט פון דיין פאטור אברהם אונ דר גאט פון יצחק פרעגט דער בעל הטורים וואס שטייט דא דיין פאטר אברהם אונ ביי יצחק שטייט נוט דיין פאטר זאגט דער בעל הטורים דרויף קיין תירוץ אובר רבי איסריל זאגט דרויף יוא איין תירוץ יעקב האט זיך גפארכטון דאס די ברכות פון יצחק ווען אים נוט מקוים ווערון ווייל ער האט זייא גנומון מוט חכמה אונ יצחק האט אונ זון גהאט צו בענשון עשו אזו האט גאט גזאגט צוא יעקב אברהם איז דיין רעכטור פאטור דען ער האט נוט גוואלט בענטשון יצחק ווייל ער הט גוויסט דאס ער וועט בענשון עשו דרום הט אברהם גזאגט גאט זאל יצחק בענשן

איבר

ספר הישר

גדונט פר זיין ווייב רחל אונ וויא עס איז גקומון דער סוף פון דיא פערצין יאר הט יעקב גזאגט צו לבן גוב מיר מיינו ווייבור אונ שוק מוך אוועק דען מיין מוטור הט גשוקט צו מיר פון כנען אוך זאל מוך אום קערון אהיים:

אובר יצחק האט זון גוהט צו בענשון עשו און נוט יעקב דרום זאגט דר פסוק צו יעקב אברהם איז דיין פאטור אובור יצחק איז נוט גלייך דור וויא איין פאטור רש"י פרעגט ווארום זאגט גאט אלהי יצחק אמער גאט דאכט דאך נוט זיין נאמון אוף איין צדיק ביי זיין לעבון דען טאמער וועט ער נאך שלעכט ווערון דער תירוץ איז יצחק איז בלונד גוועון און איז גזעסון אלין און הוז אזו איז ער גוועון גלייך וויא איין מת און דער יצר הרע האט זוך פון אום אפ גטון דרום האט גאט גדאכט זיין נאמון אוף אום אפילו בייא זיין לעבון (הארץ אשר אתה שוכב עליה לך אתננה ולזרעך) דו ערד וואס דו ליגסט אוף אור וועל אוך געבון צו דור און צו דיינו קונדר פרעגט רש"י וואס פאר איין מתנה איז דו פור איילון ערד וואס איין מענש ליגט דרוף דער תירוץ איז גאט האט צו אנגדר גוויקולט גאנץ ארץ ישראל אונטר יעקב און הט אום גוויזון דער מוט דאס דם גאנצו כנד וועט זיין גרונג צו זיינו קונדר איינצו געמון אזו ווי דאס שטוקול ערד וואס ער ליגט דרוף (והיה זרעך כעפר הארץ) דיינו קונדר וועלון זיין אזו וויא דו שטוב פון דר ערד פרעגט דר בחיי ווארום זאגט ער נוט אזו ווי דוא שטערון פון דעם הומול דער תירוץ איז דאס ווייזט ווען דוא ישראל זענון פרום דער הייבט זייא גאט אובר ווען זייא זענון ח"ו שלעכט מאכט ער זיי נודרוג אזו ווי דו שטוב דם מען

טרעט דרוף און גאט האט צוא אום גזאגט אוך וועל דור טון (את אשר דברתי לך) וואס אוך האב צו דור גרעט פרעגט רש"י מור גופונון דאך נוט דאס גאט האט פרוור גרעט מוט יעקב וואס ער זאגט וואס אוך האב צוא דור גרעט דר תירוץ איז לך איז טייטש פון דיינוט וועגון דען אזו אוך הב גרעט מוט אברהם האב אוך גזאגט (כי ביצחק יקרא לך זרע) אטייל פון יצחק וועלון הייסון דיינו קונדר און וועלון האבון דוא ברכה וום אוך האב גבענשט דיינו קונדר און נוט אלו קונדר פון יצחק וועלון האבון דוא ברכה כלומר יעקב וועט זיין גבענשט (וייקץ יעקב משנתו) יעקב האט זוך אויף גוואכט פון זיין שלאף און האט גזאגט פר ווארר גאט איז און דעם אורט און אוך האב נוט גוויסט דען אוך זאל גוועז וויסן וואלט אוך נוט גוועז גשלאפון און אזו איין הייליג אורט און ער האט זוך גפרכטון און האט גזאגט דם איז דער טוער פון דעם הומול וום דו תפלות גיין דא ארוף און יעקב איז אוף גשטאנון און דער פרו און האט גונומון דעם שטיין וום ער הט גלייגט צו קאפון און הט אום גמאכט פר איין מצבה און האט אוף אור גגאסון בומול און יעקב האט איין נדר גוטואון ווען גאט וועט זיין מוט מור און וועט מוך הוטון און דעם וועג וואס אוך גייא אזו וויא ער האט מור צו גזאגט אזו וועט גאט זיין מיין גאט פרעגט מען איין קשיא וויא שוק זוך דאס יעקב זאל זאגון ווען גאט

אוהל יעקב

(ויאמר מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלהים) יעקב הט גוגעכטוגט אוף דעם אורט ווי דם ביהמ"ק וועט שטיין האט ער זוך אוף גחאפט פון דעם שלאף און הט גזאגט ווס פר איין פארכטונג אורט דם איז עם איז נוט אנדרש נאר דם איז דם הוז פון גאט מור דארפון פאר שטיין ווערלוג יעקב האט גזאגט איז משמע גלייך ווי ער הט מוט איינום איין וויכוח און ער פרעגט אום און יעקב ענפורט (אין זה) עם איז נוט דאס דאזוגו ווס דו זאגסט (כי אם בית

של"ה דקדוש

(וייראו ויאמר מה נורא המקום הזה) און ער הט זוך דער שראקון און זאגט וויא פורכטרלוך איז דם אורט מור זעהן דער פון דם און דוא הייליגו ערטור דארף מען שטיין מוט פורכט און שרעק צוטערון און הייליקייט און דוא פארכט פר גאט דארף צוא זיין ביי אונז דאמולס. און אונזר רייד און אונזרו גדאנקון און בייא אלץ ווס מור טואון דארובור דער ווס רעט שיחות חולין און ביה"כ אדור ביהמ"ד אפילו נוט און דער צייט פון דאווינען אדור פון

גאט וועט זיין אונ זיין הולף וועט ער אום האלטן פאר איין גאט אובור וועט ח"ו נוט וועט ער אום נוט האלטן פאר איין גאט דער תירוץ אוז יעקב האט זוך גפארכטן טאמור וועט ער ח"ו עבירות טון וועט גאט אום נוט האלטן דאס וואס ער האט אום צוא גזאגט דרום הט ער גזאגט וועט גאט וועט מור האלטן וואס ער האט מור צוא גזאגט וועל אוך אום דונן אוף דעם אורט אונ ווען נוט וועל אוך אום אוך דונן נאר נוט אויף דעם אורט (ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש) אונ גאט וועט מור געבון ברוט צו עסון אונ איין קלייד אן צוא קליידן פרעגט רש"י ווי האט אום גאט צוא גזאגט דם ער וועט אום געבון ברוט דר תירוץ אוז גאט האט גזאגט אוך וועל דוך נוט פר לאזון דאס הייסט אוך וועל דור געבון ברוט דען ווער עם האט קיין ברוט נוט דער הייסט פר לאזט אונ רבי איסריל פרעגט ווי הט גאט צוא גזאגט צו יעקב ער זאל אום געבון קליידור ענפרט דער שפתי חכמים דרוף א תירוץ ווען גאט הט

אום צו גזאגט ער זאל האבון ברוט צוא עסון אזו אוז שון דר פון גדרונגן געווען דם ער וועט אום געבון קליידור אן צוא קליידן ווארום ווען נוט אזו וועט ער דאך מוזון זיין גומונגרט פון ברוט צו קופון זוך דר פר קליידור (אם יהיה אלהים עמדי) אוב גאט וועט זיין מוט מור וועל אוך אום געבון מעשר פון אלומן וואס ער וועט מור געבון אונ יעקב הט אזו מקיים געווען דען אפילו פון זיינו קונדור האט ער געגעבון מעשר דם אוז שבט לוי (וירא והנה באר בשדה) אונ יעקב הט גזעהון א ברונו אוז אונ פעלד אונ דריי טשעדרום פון שאף זענון ביי דר ברונו אונ אגרוסור שטיין אוז אויף דער ברונו אונ אלו פאסטוכור טון זוך איין זאמלון אונ וועלגורון אראפ דם שטיין פון דער ברונו אונ טרונקון אן דוא שאף (ויאמר להם הידעתם את לבן בן נחור) הט יעקב גזאגט צו דו פסטוכור קענט אור לבן דעם זון פון נחור פרעגט דר בחיי אונ דר חזקוני ווארום רופט אום דער פסוק לבן דר זון פון נחור ער אוז דאך געוועז דער זון פון בתואל דר תירוץ

אוז

של"ה הק-ויש

לערנון מום ער אפ גאטס פארבט פון זוך אונ אוז מוסיף אוף דעם איסור צו ריידון אוברונו רייר נאך איין איסור פון מבזה מקדש:

(ונתן לי לחם לאכול) פון יעקבס תפלה זעהון מור דאס דער מענש דארף זוך נוט יאגון נאך רייכקייט אונ דארף זוך צו פרודון שטעלון מוט ווייניג מום דעם וואס אוז נייטוג יעקב אבינו הט אוך מער נוט פר לאנגט נאר ברוט צו עסון. אונ איין קלייר צו טראגון:

(ויאמר להם יעקב אחי מאין אתם) אונ יעקב הט גזאגט צו זייא מיינו ברודור פון וואנון זענט אור יעקב אבינו האט דאך דוא הורטון נוט גקענט אונ הט זייא גרופון ברודר דער פון זעהון מור דם אונזרך רייד מוט אלו מענשון דארף צו זיין מוט לובלובקייט אונ פריינד שאפט אונ מוט כבוד:

(לא עת האסף המקנה) עס אוז נאך נוט צייט דוא שאף איין צוא זאמלון דער פון זעהון מור אז יעדור מענש אוז מחויב דעם אנדרון מענשון אפילו דעם וואס ער קאן נוט איין עצה טובה צו געבון אונ אוף דעם רעכטון וועג ארוף צו ברענגון מוט פריינדלובקייט אונ לובלובקייט:

אוה"ר יעקב

אלהים) נאר דאס אוז דאס הוו פון גאט זאגט דער דיבור מגיד מור נופעלט יעקב פר ענפורט וום פול מחקרים פרעגון פר וום אוז דאס ביהמ"ק פארכטוגור פון אלו ערטר פון דער וועלט נאטס כבוד אוז פול נאר דו וועלט פר ענפורט יעקב דם אוז דם הוו פון נאט אליין למשל איינור אוז גקומון אונ אמלכות שטאט אין אוז גנאנגון אונ נאסון ער זאל אן קוקון דו שיינו מוארון האט ער דער זעהן איין שיינום פאלוץ אונ אפעסטון פרעגט ער צוא וועמון קער דער פאלוץ ענפורט מען אום דם אוז דר פאלוץ פון דעם מלך אוז ער צוא גנאנגון צום הויף אונ זעהט אמאך איינצוגו חדרים אוז דא אונ פאלוץ פרעגט ער ווער זענון דוא חדרים ענפורט מען אום דם חדר קער צום דאקטור פון דעם מלך אונ דם חדר קער צו דעם מונוסטער אונ דם חדר קער צום שר בוז ער אוז גקומון צום חדר פון דעם מלך הט ער זוך פר וואונדרט אונ זאגט אור הט זוך מור פרור גזאגט אז גאר דער פאלוץ קער צום מלך אונ אצונד זאגט אור מור אז נאר דם חדר קער צום מלך האבון זייא אום געענפורט עס אוז מאקו אמת אז גאר דער פאלוץ קער צום מלך נאר דער מלך הט אס געגעבון זיינו מענשון אוטלוכון

אוז בתואל אוז גווען איין שלעכטור מענש דרום האט זיך לבן נאך אום נוט גורופן נאר נאך נחור דען איין איינוקול אוז גליך ווי אקונד אוך ווייל נחור איז גווען אברהמס ברודור דרום האבן אלו זיך מיחס גווען נאך אברהמס משפחה (והנה רחל בתו באה עם הצאן) אונ אין דעם וויא זייא האבן גרעט איז רחל אן גוקומן מוט דוא שאף (ויאמר הן עוד היום גדול) האט יעקב גזאגט צוא דוא פאסטוכור עס איז נאך דער טאג גרויס עס איז נאך נוט צייט אן צו טרונקן דוא שאף זענט איר גודונגן איף דם טאג איז נוט אוים דר טאג איז דם אנדרש אייערו שאף איז איך נוט צייט איין צוא זאמלן זיי דרום טרונקט אן דוא שאף אונ גייט פאסן אונ יעקב הט דרום אזו גזאגט כדי דוא פאסטוכור זאלן אוועק גיין ער זאל קענן רעדן מוט רחל האבן דוא פסטוכור אום גענפערט מור קענן דוא שאף נוט אן טרונקן ביז עס וועט זיך איין זאמלן אלו פאסטוכור וועלן מור אראפ וועלגורן דעם שטיין פון דר ברונו אונ וועלן אן טרונקן דו שאף אונ דם איז רחל גוקומן גאנץ נאונט צום ברונן מוט דו שאף דער הזקוני שרייבט דרום איז לאה נוט גגאנגן מוט דו שאף ווייל זוא האט גהאט שלעכטו אוגן אזו הט איר גשאט דער ווינד פון דעם פעלד אוך ווייל לאה איז עלטר גווען הט רחל איר כבוד אן גוטואן צו לאזן זו זוצן אונ דר היים אזו שרייבט דער רמב"ן איך דרום

האט זוא יעקב גוקושט ווייל זוא איז נאך קליין גווען אונ דרום איך האט לבן קיין מורא נוט גהאט צו לאזן זו אונ פעלד ווייל זוא איז נאך קליין גווען פאר איין מאן (ויהי כאשר ראה יעקב את רחל בת לבן אחי אמו ואת צאן לבן אחי אמו וגו׳) אונ וויא יעקב האט דער זעהן רחל דו טאכטר פון לבן זיין מוטערס ברודר אונ דיא שאף פון לבן זיין מוטערס ברודר הט ער גגעהנט אונ האט אראפ גונומן דעם שטיין פון דר ברונו צו ווייזן זיין שטארקייט פאר רחל דען ער האט דם שטיין נוט גוועלגורט אזו ווי דו פסטוכר פלעגן צו טון דאס זיי פלעגן זיך מוזן איין זאמלן אראפ צוא וועלגורן דעם שטיין פון דער ברונו אונ דרום שטייט ביא דו פסטוכור וגללו דם איז טייטש זייא פלעגן וועלגורן ווארום זייא האבן אום נוט גוקענט טראגן ווייל ער איז זייער שווער גווען אובר ביי יעקב שטייט ויגל דם איז טייטש ער הט אנטפלעקט אונ אוף גדעקט דעם שטיין פון דער ברונו אזו וויא מען דעקט אויף א דעקול פון א גלאז דר בחיי שרייבט דרום שטייט אונ דעם פסוק דריי מאל לבן אחי אמו צוא ווייזן אונז דאס יעקב וואלט לבן הרשע קיין טובה נוט גוטון צוא אן טרונקן זיינו שאף נאר ווייל ער איז גווען זיין מוטערס ברודור (וישק יעקב לרחל וגו׳) אונ יעקב האט גוקושט צו רחל אונ הט אוף גוהובן זיין קול אונ הט גווינט ווייל ער הט גזעהן בנבואה דם זו וועט

אוהל

באזונדר איין חדר פון יעדן שר וועגן נאר דם חדר וואס מור האבן דור גווייזן איז אפ גזונדרט נאר צו דעם מלך אליין קיינור טאר אונ דעם נוט ארין גיין סיידן דער מלך שאפט אז מען זאל ארייז קומן דארף זיך דער מענש אן טון אונ שיינו מלבושים לכבוד דעם מלך אונ ארין קומן דאס איז דער ענין אמת מאקו דער כבוד פון גאט איז פול נאר דוא וועלט פון דעסט וועגן הט ער דו ערד געבן צו דו

יעקב

מענשן זייא זאלן אוף איר וואנן אונ צווישן זייא איז גאט אוך דא נאר דאס ביהמ"ק איז אפ גזונדרט פון גאטס וועגן ער זאל מאכן רואן זיין נאמן דורט אזו וויא אונ פסוק שטייט אז קיינור הט נוט גטארט ארין גיין אונ קדשי קדשים נאר דער כהן גדול אום יום כפור דם זאגט דער פסוק (וייקץ יעקב משנתו) יעקב הט זיך אוף גכאפט פון דעם שלאף (ויאמר מה נורא המקום הזה) וואס פר א פארכטונג אורט דם איז

מוט אום נוט בגראבון ווערון אונ דער
הייל אוך וייל ער הט נוט גהאט אור
אמתנה צו געבון ער הט גזאגט אליעזר
דער קנעכט פון אברהם הט שיינו מתנות
געבון צוא רבקה אונ אוך האב גאר
נוט צוא געבון איז קשה וויא שוק זוך
דאס רבקה זאל יעקב אוועק שוקון
גאר מוט נושט דער תירוץ איז רבקה
האט אום פול מתנות מוט גוגעבון גאר
אליפז דער זון פון עשו האט אום נאך
גיאגט צוא הרגונון אום דורך דעם
גבאט פון זיין פאטור אונ ער האט
אום גחאפט אוף דעם וועג האט יעקב
צוא אום גזאגט נעם צו וואס אוך האב
וועל אוך זיין גרעכונט וויא טוט וועסטו
קענון זאגון פר דיין פאטור דוא האסט
מוך גהרגות (ויגד יעקב לרחל כי אחי
אביה הוא) יעקב האט גזאגט צו רחל
דאס ער איז אור פאטרס ברודער דרום
האב אוך דוך גוקושט וייל דוא בוסט
מיין קרובה אונ רש״י שרייבט יעקב הט
אזו גזאגט אוב דיין פאטור איז ארמאי
בין אוך זיין ברודער אוך קאן אוך גיין מוט
רמאות אונ אוב ער איז פרום בין אוך דר
זון פון רבקה וום זו איז פרום (ותרץ ותגד
לאביה) איז רחל גנגון אונ הט גזאגט צו
איר פאטר דרום האט רחל גזאגט צו
אור פאטר אונ רבקה הט גזאגט צו אור
מוטור אז אליעזר איז גוקומון צו געמון
זו צו יצחק וייל ביי רחל איז גוועון דוא
מוטור גשטרבון אונ דער חזקוני שרייבט
וייל יעקב האט גזאגט ער איז אור
פאטערט ברודר דרום הט רחל גזאגט צו
אור פאטר דיין קרוב איז גוקומון אובר
רבקה האט גזאגט צוא דער מוטער וייל
אליעזר האט נוט גוזאגט פון וואס פאר
איין משפחה ער איז וואר'ון גושוקט
דרום האט זוא גזאגט דער מוטור אויך
וייל אליעזר האט אור שיין צורונג
גגעבון דרום האט זו דאס גזאגט צו דר
מוטור (וירץ לבן לקראתו) לבן איז
גלופון אקעגון אום דען ער האט זוך
גטראכט אליעזר דר קנעכט פון אברהם
האט צעהן קעמלון מוט זוך גוהאט
מכל שכן יעקב וואס ער איז אליין פון
דוא עלטורון קער ער בוודאי פול געלד
האבון אונ וויא ער האט קיין קעמלון נוט
גזעהן הט ער גטראכט ער מוז ביי זוך
פול געלד האבון דרום האט ער אום
גהלזט צו זעהן אוב ער הט ביי זוך געלד
אונ ווי ער הט נוט גזעהון ביי אום קיין
געלד הט ער אום גוקושט צו זעהון אוב
ער האט נוט איין אבן טוב אונ מויל
(ויספר ללבן) יעקב הט דר ציילט צוא
לבן דם ער איז אנטלופון פר עשו דרום
הט ער גאר נוט גבראכט אונ דר חזקוני
שרייבט ער האט אום דר ציילט וויא ער
הט דוא ברכה כדי לבן זאל אום געבון
זיין טאכטור (ויאמר לו לבן אך עצמי
ובשרי אתה) הט לבן צוא אום גזאגט
אוך וואלט דוך נוט גדרפט ארוין נעמון
אונ הויז וייל דוא האסט קיין געלד נוט
גאר דו בוסט מייןביין אונ פלייש כלומר
דו בוסט מיין קרוב דרום זוין ביי מור
איין חודש אונ דער חודש איז אויך נוט
גוועון אומזוסט נייערט ער הט אום גודוט
דיא שאף (וישב עמו חודש ימים) איז
יעקב מוט אום גזעסון איין חודש דען
לבן הט אום נוט גוואלט דונגון בוז ער
וועט וויסון וום ער איז דער אמרי נועם
פרעגט ווי קומט עס דם יעקב איז ארוין
גגאנגון אונ הויז פון לבן וואס איז גוועון

אוהל

אזו וויא איינור פר ווינהרט זוך פר וואס איז דם אורט
פארבטונור פון אלו ערטר גאט איז זוך פול אוף גאר
דער וועלט אונ ער ענפורט נוך אליין (אין זה כי אם
בית אלהים) עס איז גוט אנדערש אז עס איז דם הויז

פון גאט דאס ביהמ״ק וועט דא שטיין וואס עס וועט
זיין פון נאטס וועגון אפ גזונדרט ער זאל דורט מאכון
רואון זיין שכינה :

מוט עבודה זרה אונ דוא קעמלוך פון
אברהם האבון נוט גוואלט אריין גיין אונ
בתואלם הויז בוז מען האט דוא עבודה
זרה אוים גרומט פון דארטון דער תירוץ
אוז יעקב האט גוואלט וויסון אוב רחל
אונ לאה דוגון קיין ע"ז נוט אונ דאס אוז
ער אונ איין חודש גוואר גווארון אונ דער
נאך האט ער זוך אפ גשייד פון דעם הויז
דרום שטייט (וישב עמו חודש ימים) ער
אוז מוט אום גזעסון אונ הויז נאר איין
חודש (הכי אחי אתה ועבדתני חנם)
לבן הט גזאגט צוא יעקב וייל דו בוסט
מיין ברידר זאלסטו מוך דונון אומזוסט דר
תולדות יצחק שרייבט לבן אוז איין רמאי
גוועון אונ האט זוך גטראכט ווען יעקב
וועט מוך דונון אום זוסט וועט ער נוט
דארפון צאלון פאר קיין שאדון דרום וועל
בעסור צאלון ער זאל קיין שומר חנם נוט
דייסון אונ ווען עם וועט זיין אשאדון וועט
ער מוזון צאלון דרום האט לבן גזאגט צו
יעקב זאג מור וואס זאל זיין דיין גצאלץ
(ועיני לאה רכות) אונ דוא אוגון פון לאה
זענון גוועזן ווייך וייל זוא הט זיער גוויינט
דען דו לייט הבון גזגט לאה אוז דו עלצטו
טכטור פון לבן וועט זוא נעמון עשו דעם
עלצטון זון רבקם אונ רחל אוז דו יונגסטו
טאכטר וועט זו נעמון יעקב דם יונגסטון
זון פון רבקה דרום האט לאה זיער גוויינט
בוז זוא הט בקומון שלעכטו אוגון פון פול
וויינון אזו שרייבט רש"י דער דבק טוב
שרייבט רש"י אוז קשה ווי שוקט זוך דאס
דוא תורה זאל שרייבון דוא שאנד פון איין
מענשון דם לאה הט גהאט איין חסרון
דרום שרייבט רש"י דר פסוק זאגט אונז
דאס לאה אוז גוועזן אגרוסו צדקות זוא
האט אירו אוגון אום גוויינט זו זאל נוט
פאלון אונ דעם גורל פון עשו הרשע אונ
רבי איסריל שרייבט דוא גמרא זאגט
אכלה וואס האט שיינו אוגון דארף מען
שון איר גאנצון גוף נוט זעהון אוב זוא
האט אין מום אבר ווען זוא האט בייזו
אוגון דארף מען איר גאנצון גוף זעהון
טאמור האט זוא נאך איין מום דרום
האט זוך יעקב גטראכט דאס גבאט פון
מיין פאטור אונ מוטור וואס זיי האבון
מיר גבאטון אוך זאל נעמון אווייב פון
דיא טעכטור פון לבן דאס מוז אוך
האלטון אונ ווען עס זאל מיין נוט זיין
גאר דוא איינו טאכטור וואלט אוך זוא
גמוזט נעמון אבר היינט אז עס אוז דא
רחל וואס זוא אוז אן אמום נאך ווס זאל
איך נעמון לאה מוט אמום דרום האט
יעקב גזאגט צוא לבן (אעבדך שבע
שנים ברחל בתך הקטנה) אוך וועל דוך
דינון זובון יאר פר דיין טאכטר רחל
דיא קליינו רש"י שרייבט דרום הט יעקב
גמוזט אזו ארום ריידון מוט לבן ווען שון
מיר וויסון וואל דאס רחל אוז זיין יונגסטו
טאכטער נאר יעקב האט גוויסט דאס
לבן אוז איין רמאי דרום הט זוך יעקב
גטראכט ווען אוך וועל אום זאגון אוך
וועל דוך דונון פר רחל וועט ער נעמון
איין פרעמדו מוד וואס הייסט רחל אונ
וועט זוא מור געבון דרום הט ער גמוזט
זאגון דיין טאכטור אוך האט ער מורא
גהאט ער וועט לאה איין נאמון געבון
רחל אונ וועט זוא אום געבון דרום הט
ער גזאגט דוא קליינו אבר דאס אלץ
האט אום נוט גהאלפון ער האט אום
דאך לאה גגעבון דער חזקוני שרייבט
יעקב האט גזאגט אוך וויל דרום נעמון
רחל וייל זו אוז דו קלענסטו ווארום ווען
איך וועל נעמון לאה וועט עשו זגון אוך
האב ביי אום אוועק גנומון דו בכורה אונ
דו ברכה אונ היינט נעם אוך זיין וייב אוך
אוועק דען ער אוז עלטר גהער זוא צוא
אום אוך שרייבט דער חזקוני דרום הט
יעקב גזאגט ער וועט אום דונון זובן יאר
פר רחל וייל ער הט מורא גהט דם פר
ווייניגור וועט ער אום נוט געבון אזו איין
שיינו אשה אונ דר בחיי שרייבט יעקב
הט דרום גזאגט זובון יאר וייל רחל אוז

דענסט מאל נאר אלט גוועזן פונף יאר
דט יעקב גוואלט ווארטן ביז צוועלף יאר
זו זאל ראוי זיין קינדר צו האבן דען ער
דט נוט גוואלט ביי אור לוגן ווען זי קען
קיין קינדר נוט האבן (ויאמר לבן וגו׳)
האט לבן גזאגט עס איז מיר בעסור צו
געבן זי צו דיר ווי צו געבן זי צו איין
אנדורין (ויהיו בעיניו כימים אחדים וגו׳)
אונ דיא זיבן יאר זענין גוועזן ביי יעקב
אזו וויא איינציגי טעג ווייל ער האט זי
זייער ליב גהאט (הבה את אשתי כי
מלאו ימי ואבואה אליה) יעקב האט
גזאגט גיב מיר מיין ווייב דען עס איז אום
גגאנגין דיא צייט אונ לאם איך צו איר
קימון פרעגט רש״י ווארום האט יעקב
אזו עפינטליך גזאגט לאם איך צו איר
קימון אמער אפילו דער גרינגסטער
מענש וועט עס איך נוט זאגין דר תירוץ
איז ער הט גזאגט איך בין שון אלט פיר
אונ אכציג יאר אונ דארף צוועליף קינדר
האבין איז שון צייט אווייב צו נעמין איך
זאל קענין קינדר האבין דרום האט ער
גזאגט ואבואה ווייל זיין כוונה איז גוועזן
קינדור צוא האבין אונ דר רמב״ן פרעגט
וואס האט יעקב גזאגט די טעג וואס מיין
מיטר האט מיר גזאגט זענין שוין אום
גגאנגין דרום גיב מיר רחל האטשו דיא
זיבין יאר זענין נאך נוט אום גגאנגין
וואס האט דאם צוא לבן ווים די מוטערם
טעג זענין שון אום גגאנגין ווען זיינו
זיבין יאר זענין נאך נוט אוים גגאנגין
דרום זאגט דער רמב״ן כי מלאו ימי איז
דער פשט אז דאם זיבטי יאר איז גוקומין
האט יעקב גזאגט צוא לבן דוא מעגסט
מיר געבין רחל דען אנאנג׳ן יאר וועל
איך דאך גווים ביא איר זיין אונ וועל
ניט אנטלופין דרום זאגט ער ואבואה
אליה איך וועל קומין צו איר כלומר איך
וועל זו פאר אווייב נעמין אזו וועל איך
גווים נוט אנטלופין (ויאסוף לבן את כל
אנשי המקום ויעש משתה) אונ לבן הט
איין גזאמולט אלו שטאט לייט אונ הט
גמאכט אסעודה אונ הט צו זיי גזאגט
איר זאלט נוט אום זאגין צוא יעקב דאם
איך וועל אום די נאכט געבין לאה הבין
זייא אום צו גזאגט האט לבן גזאגט צו
זיי גוט מיר משכנות דם איר זאלט מיר
ווארט האלטין האבין זייא אום געגבין
זייערי קליידר הט לבן פאר זעצט דיא
קליידר פר ווין אונ האט זיי מכבד גוועזן
פון דעם זייערוגין אונ זייא זענין זייער
פריילוך גווארין אונ האבין דיא גאנצי
נאכט גזונגין (הילולא) אונ האבין דער
מוט גגעבין פאר שטיין צו יעקב אז דם
איז לאה דען הילולא איז צוויי ווערטר
(היא לאה) זו איז לאה אונ יעקב האט
דאם נוט פאר שטאנין (ויהי בערב ויקח
את לאה בתו ויבא אותה אליו) אונ עם
איז גוועזן איף דער נאכט הט לבן גנומן
זיין טאכטער לאה אונ האט זוא תיכף
גבראכט צוא יעקב אונ האט גנומין
זיין דינסט זלפה אונ הט זו געגבין צו
לאה פאר אדינסט מוד כדי יעקב זאל
זעהין דאם זלפה איז אונ גצעלט ווים זו
איז דיא יונגסטי דינסט מייד וועט ער
מיינין דאם איז גווים רחל ווייל מען הט
איר געגבין דיא יונגסטי דינסט מוד
ווארום בלהה דיא עלטורי דינסט גוהער
צוא לאה (ויהי בבוקר והנה היא לאה)
אונ אז עם. איז גוקומין אונ דער פרוא
האט יעקב דער קענט אז דם איז לאה
אבר אגאנצו נאכט האט ער גרעט מוט
איר אונ האט נוט דער קענט אוב זו איז
לאה דען יעקב האט איבער געגעפערט
סימנים צו רחל ער זאל דורך דעם וויסן
אז זו איז רחל אונ ווי רחל האט געזעהן
דאם מען פורט לאה צו אום הט זו זוך
גטראכט אצונד וועט מיין שוועסטר פאר
שעמט ווערין ווייל זו וועט די סימנים נוט
וויסן הט זו איר אום גזאגט אלו סימנים
זו זאל קענין צו יעקב ענפורין דרום הט
יעקב ערשט אונ דר פרו דער קענט אז
דם איז לאה אבר די גאנצו נאכט האט
ער גמיינט אז דם איז רחל ווייל זו הט

אור גְזָאגְט דו סִימָנִים דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דָאס גָאט צָאהְלְט אַלְין מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה דֶען יַעֲקֹב הָט גְשִׁיקְט צוּ רָחֵל מַתָּנוֹת אַזוֹ וִוי דֶער סֵדֶר אִיז אַחָתָן שִׁיקְט פַאר דֶער חוּפָּה מַתָּנ'ת צוּ דֶר כַּלָה הָאט זַיי לָבָן צוּ גוּנוּמוּן אוּנ הָט זַיי גְגֶעבּוּן צוּ לֵאָה אוּנ רָחֵל הָט נוּט א'ס גְזָאגְט דְרוּם אִיז פוּן אוּר אַרוֹיס גוּקוּמוּן בִּנְיָמִין וָוס הָט אוֹךְ נוּט אוּם גְזָאגְט דָם דוּ בְּרוּדֶר הָבּוּן פַר קוֹפְט יוֹסֵף אוּנ פוּן בִּנְיָמִין אִיז אַרוֹם גוּקוּמוּן שָׁאוּל וָוס הָט נוּט אוּם גְזָאגְט דֶם שְׁמוּאֵל הָט אוּם גְזַאלְבְּט פַאר אַמֶלֶךְ אוּנ פוּן שָׁאוּל אִיז אַרוֹם גוּקוּמוּן אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה וָואס זוּ הָאט נוּט אוּים גְזָאגְט פוּן וָוס פַר אַמִשְׁפָּחָה זוּ אִיז אוּנ דוּרְךְ דֶם אִיז אַרוֹם גוּקוּמוּן דוּ גְאוּלָה פוּן פּוּרִים (וַיֹאמֶר אֶל לָבָן) הָט יַעֲקֹב גְזָאגְט צוּ לָבָן וָוס הָאסְטוּ מוּר גוּטְוָואוּן אוֹךְ הָאבּ דוּךְ גוּדוּנְט פַאר רָחֵל אוּנ דוּ הָאסְט מוּר גְגֶעבּוּן לֵאָה זָגְט לָבָן עֶס וֶוערְט נוּט גוּפוּרְט אוּנ אוּנְזֶר שְׁטָאט צוּא אוּים גֶעבּוּן דוּ יוּנְגְסְטוּ פַאר דֶער עֶלְצְטֶע אוּיבּ דוּ ווּלְסְט רָחֵל אוֹךְ לָאז אוּם גֵיין דוּא חֲתוּנָה וָואךְ וֶועל אוֹךְ דִיר גֶעבּוּן רָחֵל אוּיךְ כְּדֵי עֶס זָאל זוּךְ נוּט אַרַיין מוּשׁוּן אֵיין שִׂמְחָה אוּנ דֶער אַנְדֶער שִׂמְחָה (וַיָבֹא גַם אֶל רָחֵל וַיֶאֱהַב גַם אֶת רָחֵל מִלֵאָה) אִיז עֶר גוּקוּמוּן צוּא רָחֵל אוֹךְ אוּנ יַעֲקֹב הָאט רָחֵל מֶער לוּבּ גְהַאט פוּן לֵאָה דֶער רמב"ן שְׁרַייבְּט דֶר סֵדֶר אִיז דֶם וַוייבּ וָואס מֶען גֶעמְט צוּם

עֶרְשְׁטוּן זוּ הָט מֶען לוּבּוּר פוּן דוּא אַנְדֶרוּ וַוייבּוּר אוּנ יַעֲקֹב הָט דָאךְ פְּרוּר גוּנוּמוּן לֵאָה וָורוּם הָט עֶר רָחֵל לוּבּוּר גְהַאט דֶר תִּירוּץ אִיז וַוייל לֵאָה הָאט גְפֶעלְשְׁט אוּנ אִיר שְׁוֶועסְטוּר רָחֵל אוּנ הָט אוּם גְנַארְט דֶען וֶוען שׁוֹן זוּ הָאט גְמוּזְט פָּאלְגוּן אוּר פָּאטֶר צוּא גֵיין צוּא יַעֲקֹב הָאט זוּא אוּם גְדַארְפְט זָאגוּן דָאס זוּ אִיז לֵאָה אוּנ זוּא הָאט גְטָאן רְמָא'ת אוּנ הָט זוּךְ גְמַאכְט גְלַייךְ ווִיא זוּא אִיז רָחֵל דְרוּם הָט יַעֲקֹב זוּא פַייְנְד גְהַאט אוּנ הָט אוּר גְוָואלְט גֶט גֶעבּוּן נָאר גָאט הָאט גְוִויסְט דָאס אוּר כַּוָונָה אִיז גְוֶוען צוּא גוּטוּן זוּא זָאל זוּךְ בַּהֶעפְטוּן צוּם צַדִיק דְרוּם הָאט גָאט זוּךְ אוּבּוּר אוּר דֶער בַּארוּמְט אוּנ הָאט אוּר בַּאלְד גְגֶעבּוּן קוּנְדֶר דְרוּם זָאגְט דֶר פָּסוּק (וַיַרְא יְיָ כִּי וגו׳) גָאט הָאט גְזֶעהוּן דָאס לֵאָה הָאט עֶר פַייְנְד הָאט עֶר אוּר גְגֶעבּוּן קִינְדֶר כְּדֵי עֶר זָאל לֵאָה לוּבּ הָאבּוּן דֶער בְּחַיֵי אוּנ דֶער רמב"ן שְׁרַייבּוּן דָם יַעֲקֹב הָאט לֵאָה נוּט פַייְנְד גוּהַאט נָאר אֶקְעגוּן דֶעם לוּבְּשַׁאפְט פוּן רָחֵל הָאט זוּךְ דָאס אָן גְזֶעהוּן ווִיא פַייְנְד שַׁאפְט (וַיַעֲבוֹד עִמוֹ עוֹד וגו׳) אוּנ עֶר הָאט אוּם גוּדוּנְט נָאךְ אַנְדֶרוּ זוּבּוּן יָאר דֶר פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז דָאס צִדְקוֹת פוּן יַעֲקֹב הָאטְשׁוּ עֶר הָט דִיא עֶרְשְׁטוּ זוּבּוּן יָאר גוּדוּנְט פַאר רָחֵל אוּנ לָבָן הָאט אוּם גְנַארְט אוּנ הָאט אוּם גְגֶעבּוּן לֵאָה הָאט עֶר דָאךְ דוּא אִינְטֶרְשְׁטוּ זוּבּוּן יָאר אוּיךְ גְדוּנְט בֶּאֱמוּנָה

אזו

אוהל יעקב

(וַיַרְא ה׳ כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה וַיִפְתַּח אֶת רַחְמָהּ וְרָחֵל עֲקָרָה) גָאט הָט גְזֶעהְן אַז יַעֲקֹב הָט פַייְנְד לֵאָה הָאט גָאט אוֹף גְעפוּנְט אוּר טְרַאכְט ווא זָאל הָאבּוּן קוּנְדֶר אוּנ רָחֵל אִיז גְוֶוען אֵיין עֲקָרָה ווא הָאט נוּט גְהַאט קֵיין קוּנְדֶר . עֶס אִיז אַמָשָׁל עֶס אִיז גְוֶוען אַקְלֵיין שְׁטֶעטוּל הָט מֶען דוֹרְט גְמַאכְט דְרַייא פַּרְנָסִים דוּרְךְ דֶעם בֶּפֶעל פוּן דֶעם מֶלֶךְ אוּנ דוֹרְט אִיז גְוֶוען אֵיינוּר וָואס עֶר הָט גְוָואלְט זַיין אֵיינוּר פוּן דוּ דְרַיי פַּרְנָסִים אוּנ דֶער שַׂר הָט אוּם אוּבּוּר נוּט גְוָואלְט הָאט עֶר זוּךְ מְיַישֵׁב גְוֶוען אוּנ אִיז גְפָארוּן צוּם מֶלֶךְ מוּט אֵיין מַתָּנָה אוּנ זָאל אוּם בֶּעטוּן אַז עֶר זָאל אוּם מַאכוּן פַר אֵיינוּם פוּן דוּא דְרַיי פַּרְנָסִים הָט דֶער מֶלֶךְ מְקַבֵּל גְוֶוען דוּא מַתָּנָה אוּנ הָט אוּם מוּט גְגֶעבּוּן אַפַּאפּוּר צוּם שַׂר פוּן דֶעם שְׁטֶעטוּל עֶר זָאל אוּם מַאכוּן אֵיינוּם פוּן דוּא דְרַייא פַּרְנָסִים דֶער וַוייל אֵיידוּר עֶר אִיז אָן גְקוּמוּן מוּט דֶעם פַּאפּוּר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הָט זוּךְ דוֹרְט גְטְרָאפוּן אֵיין בִּלְבּוּל הָט דֶער שַׂר דוּא דְרַייא פַּרְנָסִים אֵיין גְשְׁלָאסוּן אוּנ קֵייטוּן אוּנ דֶער תְּפִיסָה ווִיא עֶר אִיז אָן גְקוּמוּן מוּט דֶעם פַּאפּוּר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הָט דֶער שַׂר אוּבּוּר גְלֵיינְט אוּנ זָאגְט אוֹךְ וֶועל אַזוּ טוּאוּן דוּא וֶועסְט זַיין אֵיינוּר פוּן דוּא דְרַייא הָט עֶר אֵיינוּם אַרוֹם גְלָאזְט פוּן דֶער תְּפִיסָה אוֹף יֶענוּמְס אוֹרְט דֶער נִמְשָׁל אִיז דוּא אִמָהוֹת אִיגְזְרוּ הָאבּוּן אַלוּ בַּדַארְפְט זַיין עֲקָרוֹת מֵחֲמַת אַטַעַם וָוס עֶס אִיז דָא אַבַּהַלְטוּנוּר שַׂרָה

אזו ווי די ערשטו (ותהר ותלד בן) אונ זי איז וואורין טראגין אונ הט גווינן איין זון דער בחיי שרייבט דרום שטייט ותהר ותלד צו ווייזין דס באלד נאך דם טראגין הט זיא גווינן אונ אוטליכין זון הט זיא גהט צו זיבין חדשים דען אלו שבטים חוץ בנימין זענין גבארין גוואורין אונ די זיבין יאר (הפעם ילוה אישי אלי) אז לאה הט גהט דם דריטין זון הט זיא גזאגט דם מאל וועט זיך מיין מאן צו מיר בהעפטין דען זי הט גזעהן בנבואה דס יעקב וועט האבין צוועליף קינדר אונ ער הט פיר ווייבר קומט אן איך אוטליכר אשה דריי קינדר דרום הט לאה גזאגט איך האב שון מיין חלק קינדר גווינן אזו וועט זיך שון מיין מאן צו מיר בהעפטין דרום הט זי אים גירופין לוי דס איז טייטש בהעפטין אזו שרייבט רש״י אונ דר חזקוני אונ דער תולדות יצחק זאגט ווען איין אשה הט צווייא קינדר געמט זי זיי אויף בײדי הענט אבר ווען זי הט דם דריטו קינד אזו מוז עם דר מאן הלטין דם הט לאה גזאגט ווען זיא הט גהאט דעם דריטין זון הײנט וועט זיך מוזין מיין מאן צו מיר בהעפטין צו האלטין דם דריטו קינד רש״י שרייבט ווען שון עס שטייט ביי לוי על כן קרא שמו לוי נוט וויא ביא אלו שבטים פון דעסט וועגין האט ער נוט פול קינדר גהאט ווייל ער האט נוט גארבוט אונ מצרים דען יעקב הט נוט גהייסין לוי זאל טראגין זיין ארון האבין די מצרים גמיינט זיי זענין הײליג דרום האבין זייא מוט זייא נוט גארבוט אונ דרום זענין זיי נוט גווען אונ דער ברכה (וכאשר יענו אותו וגו׳) דס איז טייטש מער ווס דוא מצרים האבין זיי גפיינוגט האבין זיי אלץ מער קינדר גהאט אובור שבט לוי האבין נוט גארבוט דרום האבין זיי נוט פול קינדר גהאט (קרא שמו לוי) ער האט גורופין זיין נאמין לוי אונ ביי אלו קינדר שטייט (ותקרא) זיא הט גורופין זיין נאמין דם איז ווייל גאט האט גושוקט גבריאל צוא ברענגין אום פר זיך אונ הט אים איין נאמין געבין לוי ווייל הקב״ה הט אים בהעפט מוט די כ״ד מתנות כהונה מען זאל אים געבין קרבנות אונ נאך אנדרו מתנות כהונה אונ אז לאה הט גהאט דעם פערדין זון האט זיא גזאגט (הפעם אודה וגו׳) היינט וועל איך לובין גאט ווייל איך האב מער קינדר פון מיין חלק דרום הט זיא אים גורופין יהודה דס איז טייטש לובין (ותרא רחל כי לא ילדה ליעקב וגו׳) ווי רחל הט גזעהן דס זי הט ניט גווינן קיין קינדר צו יעקב הט זיא זיך מקנא גווען אונ איר שוועסטור דר תולדות יצחק שרייבט דרום האט זיך רחל נוט מקנא גווען ביי די ערשטו קינדר ווייל זיא האט זיך גטרכט לאה הט נאר דריי קינדר גווינן וועט איך מיין חלק אויך זיין דריי קינדר דען אלו פיר ווייבור ווערין האבין צו דריי קינדר אובור ווען זיא האט גזעהן דאס לאה הט שון פיר קינדר האט זיא שון מקנא גווען דען זיא הט דם גרעסטין חלק אונ רש״י שרייבט זיא הט נוט מקנא גווען ווס לאה האט פיל קינדר גווינן דען דם גושוקט זיך נוט

אוהל יעקב

אז גווען תחלת איין עקרה רבקה איז אויך גווען תחלת איין עקרה נאר יעקב הט אובור גהאט צווייא ווייבור רחל מוט לאה הט בדארפט זיין לאה דוא עקרה ווארום זיא האט מוט אום פרור התונה גהאט אונ זיא זאל זיין ביי אום דער עיקר נאר ווייל ער הט לאה פיינד גהאט אונ רחל הט ער ליב גהאט איז רחל ביי אום גווען דער עיקר האט גאט פר בוטן אונ הט גמאכט רחל פר איין עקרה אויף דעם אורט פון לאה דאס זאגט דער פסוק (וירא ה׳ כי שנואה לאה) גאט האט גזעהן אז יעקב האט פיינד לאה אונ רחל איז בײא אום דער עיקר (ויפתח את רחמה) האט ער אויף געפונט איר טראכט אז לאה זאל האבין קינדר (ורחל עקרה) אונ רחל איז גווען איין עקרה אויף דעם אורט פון לאה :

ביי אזו איין צדקות זוא זאל דרויף מקנא
זיין נאר זוא האט מקנא גוועזן אונ אורו
מעשים טובים זוא האט זוך גטראכט
לאה מוז זייער פרום זיין אונ דרויף
מעג מען מקנא זיין (ותאמר אל יעקב
הבה לי בנים וגו') רחל הט גזאגט צוא
יעקב גיב מיר קינדר אונ ווען ניט בין
איך גלייך ווי טוט זוא האט גזאגט דיין
פאטיר יצחק הט תפלה גטאן אויף רבקה
זוא זאל הבין קינדר טוא אויף מיר אויך
תפלה פון דאנון לערנון מיר אפ ווען
איינור הט קיין קינדר ניט איז ער גלייך
ווי טוט (ויחר אף יעקב ברחל וגו') איז
יעקב ברוגז גווארין אויף רחל אונ הט
גזאגט בין איך דען אויף דעם אורט פון
גאט וואס ער הט פון דיר פר מיטין קינדר
צו האבין אונ דס וואס מיין פאטיר הט
תפלה גטאן אויף רבקה ווייל ער הט פון
קיין אנדר ווייב קיין קינדר גוט גהאט
אבור איך האב קינדר פון לאה אונ
דער רמב"ן פרעגט דרויף ווי שוקט זיך
דאס יעקב זאל אזו ענפרין ער האט
קינדר פון לאה דרום וויל איך קיין
תפלה ניט טון אויף רחל דיא צדיקים
טאן תפלה אפילו אויף פרעמדו ווייבור
זייא זאלין קינדר האבין אזו וויא אליהו
אונ אלישע האבין תפלה גטאן אויף
פרעמדו ווייבור זייא זאלין קינדר האבין
מכל שכן יעקב זאל ניט וועלין תפלה
טאן אויף זיין ליב ווייב אונ ווידור איז
קשה וואס איז יעקב ברוגז גוועזן אויף
אונ נאך איין פשט אוז ער הט גשטעלט נאך זייער טראגון נאך דען צוגון טראגון פונוף חדשים אונ קעמלון זעקס חדשים אונ בהמ״ת טהורות ניין חדשים אונ פערד אונ איזלון צוועלוף חדשים נאך איין פשט אוז פרור הט יעקב נוט גוולט דר מאנון צו עשו צוגון אויף דעם אן הייב כדי ער זאל נוט דער וועקון ביי עשו קיין שנאה וייל ער האט דוא ברכה צו גנומן דורך צוק לוך אבער ויא ער האט תפלה גטאן הט ער גזאגט היינט הב אוך קיין מורא נוט פר דור דרום הט ער דוא צוגון פרור גשטעלט צוא וייזון דאס דורך דוא צוקילוך הב אוך דוא ברכה גנומון אונ צום אונטרשטיין האט ער גושוקט איזלון אונ יונגו פולבורי צו וייזון דאס צום סוף וועט קומון משיח וואס ביא אום שטייט (עני ורוכב על החמור וגו׳) איין ארום מאן אונ ער וועט רייטין אויף איין איזול אונ אויף איין יונג פולבון דאס אלין האט יעקב גוויזון צוא עשו ויא אזו עס וועט זוך פורון מוט דו ישראל אונ דוא צאל פון אלו בהמות אוז פונוף הונדורט אונ פופציג דער בעל הטורים שרייבט (עזים מאתים ותישים עשרים וגו׳) דוא אלו ווערטער זענון צום סוף מוט איין מם צו וייזון דם

אלו בהמות וואס ער האט אום גושוקט זענון גוועזן בעלי מום וואס זענון נוט ראוי פר איין קרבן רש״י שרייבט דרום שטייט נוט וויא פול זכרים עס אוז גוועזן ביי די קעמלון וייל זיי פורון זוך זייער בצניעות דרום שטעלט דער פסוק אוך נוט ארוס ווי פול נקבות עס אוז גוועזן צו איין זכר דער תולדות יצחק שרייבט דרום האט זיך גאט נוט בוויזון צו עשו צו אן זאגון אום ער זאל נוט טואון צו יעקב קיין בייז אזו ווי ער האט זוך בוויזון צו לבן וייל גאט וויל האבון דאס דו בני יעקב זלון פרום זיין דרום האט גאט נוט פר באטון צו עשו ער זאל נוט טואון קיין בייז כדי דוא ישראל זאלון מורא האבון אונ זאלון פרום זיין נאך זאגט דער תולדות יצחק דרום האבון דוא מלאכים איוועק גוורפון יעקב אונ האבון אום נוט גוהוט דאס עשו זאל אום קיין בייז נוט טון דם הט גאט גוטון צוא וייזון דם דו צדיקים זענון גרעסר פון מלאכים אונ אזו גופונון מור דם יעקב הט זוך גשלגון מוט איין מלאך אונ דער מלאך האט אום נוט גקענט טון אונ ער האט גהערשט אובר דעם מלאך. יעקב האט גזאגט צו דוא פסטובור (ורוח תשימו בין עדר ובין עדר) איין

של״ה הקדוש

(הצילני נא מיד אחי מיד עשו) רעטו מוך פון דער האנד פון מיין ברודר פון דער האנד עשו. דער זוהר שרייבט פון דאנון לערנון מור דאס ווען אמענש וויל אויף עטוואס מתפלל זיין זאל ער זיין גבעט גאנץ בפירוש זאגון וואס ער ווינשט פון גאט אזו ווי יעקב הט מפורש גוועזון מיד אחי מיד עשו. אין זאל זוך נוט טראכטון גאט אוז דאך בוחן לבבות אין וייסט דאך גוזים מיינו גדאנקון זיין ער מוז אלץ קלאר אונ דייטלוך אום ריידון אונ דער טעם דר פון איז אזו וייל יעדור ווארט פון דער תפלה וואס עס ווערון פון דו היילוגו אותיות גייעון ארוף אובון אונ שפאלטון דורך דעם הימול:

אוהר יעקב

גפון דם נעמלוכו אוז מוט יעקב אוך ער הט זוך ביי לבן פאר זומט צוואנצוג יאר אונ אוז ארוס מוט גרוס עשירות מיט שאף אונ בהמות אונ אז עשו אוז גוואר גווארון פון דעם עשירות הט זוך אונ אום דער וועקט דוא שנאה פון פרור וייל ער זעהט ווס פאר איין עושר יעקב אוז גווארון דורך דעם וואס דער פאטור הט אום גבענשט אובור אונ אמת אוז נוט אזו גוועזן דוא הצלחה פון יעקב אוז גוועזן על פי גם אזו וויא יעקב הט גזאגט צו לבן (לולי אלהי אבי בעזרי כי עתה ריקם שלחתני) ווען נוט דער גאט פון מיין פאטור זאל מור זיין אונ מיין הולף וואלסטו מוך גוועזן אוועק גשוקט ליידוג פון דור אוז זוך דאס

ספר הישר

מענשן אונ יעקב אוז נגאנגון מוט זיי. אונ דו קונדר יעקבס האבון גשוקט צו זייער עלטר פאטר יצחק קיין חברון אז ער זאל בעטון גאט ב״ה ער זאל זיי מציל זיין פון די בגענים ווס זענון גקומון אוף זיי

אין גאט ב״ה זאל זיי געבון אונ אונזרו הענד ארייך (וישובו) אונ דו פיינד האבון זוך אום גקערט אומלוכר צוא זיין שטאט אונ דעם זעלבוגון טאג. אונ דוא קינדער פון יעקב זענון גשטאנין אויף זייער שטאגד

איין דער ווייטורנויש זאלט אור טואון צווישון איין טשעדו אונ צווישון דער אנדורור כדי עשו זאל מיינון דאס פול בהמות זענון דא אונ ער האט צוא זייא גזאגט ווען עשו וועט אייך פרעגון וועמוס זענון דיא בהמות זאלט אור זאגון פון דיין קנעכט יעקב איז דם וואָרון גשוקט איין מתנה צוא דעם האר עשו אונ יעקב גייט אך אונטור אונז אונ אוב עשו וועט פרעגון ווארום איז ער מור באלד נוט אקעגון גגאנגון זאלט אור זאגון ער האט זוך גטראכט ער וועט מוט דער מתנה דעם רוגז אפ טון פון איינר האר עשו אונ דער נאך וועט ער אך קומון דער בחיי שרייבט יעקב הט דאס גבעטון צוא גאט (ורוח תשימו בין עדר ובין עדר) ווען עס וועט קומון צרות אף ישראל זאלון זיי נוט זיין דורך אנגדר נאר עס זאל זיין איין דר ווי ימרנויש פון איין צרה בוז דער אנדורור (והוא לן בלילה ההוא במחנה) אונ יעקב האט גנעכטיגט אונ דער נאכט אונ דער מחנה נוט אונ גצעלט כדי ער זאל זיין גרייט ווען עשו וועט קומון מלחמה האלטון ביי נאכט (ויקח את נשיו וגו׳) אונ ער האט גנומון זיינו צווייא ווייבור אונ זיינו צווייא דונכטון אונ זיינו עלוף קונדר אונ אז ער איז אנטלופון פון לבן הט ער דו ווייבר פון אונטון גשטעלט כדי ווען לבן וועט קומון פון אונטון אונ וועט וועלון הרגנון איז בעסר ער זאל בגעגנון זיינו טעכטר אונ ר׳ איסריל שרייבט דרום זענון דא גגאנגון דוא ווייבר פרור ווייל דער טייך יבוק איז גשפאלטון גוואָרון האבון דוא קונדער מורא גהאט צו גיין אזו וויא מור גופונגון ווען דר ים איז גשפאלטון גוואָרון האבון דוא ישראל מורא גהאט צוא גיין בוז נחשון בן עמינדב איז פרור אריין גגאנגון אונ גאט הט אום דר פר בצלט איין גוטון שכר רש״י פרעגט ווארום שטייט נאר זיינו עלוף קונדער אונ דינה ווי איז גוועזן דער תירוץ איז יעקב הט זו בהאלטון אונ איין קאסטון דאס עשו הרשע זאל זוא נוט זעהון אונ וועט זוא וועלון נעמון פאר איין ווייב אונ דרום הט אום גאט גשטראפט דם זו איז ויירון גנומון צו שכם ווארום ווען ער זאל זוא גוועזן געבון צו עשו טאמר וואלט זו אום פרום גמאכט (ויעבר את מעבר יבוק) אונ יעקב איז פרור אליין אובר גפארון דעם טייך יבוק צו פרובון דם וואסר אונ דער נאך הט ער זיין הויז גזונד אובער גפורט (ויותר יעקב לבדו) אונ יעקב איז אליין אובר גבלובון דען ער האט פאר געסון קליינו קרוגלוך דאט ער זוך אום גקערט צוא נעמון זיי פון דאנון לערנון מור אפ דם ביי צדיקים איז זייער חשוב זייער געלט ווייל זיי גזלונון נוט דען פון קליינו

אוהל יעקב

עשירות גוועזן נאר על פי נס דרום הט יעקב בדארפט סודיע זיין צו עשו אז דוא הצלחה איז נוט גוועזן על פי דרך הטבע דורך דוא ברכות פון דעם פאטור נאר עס איז גוועזן על פי נס והראיה וויא פול יאר ער איז גוועזן ביי לבן האט ער גאר נוט גהאט אונ דם הט יעקב באפולון צו עשו (עם לבן גרתי ואחר עד עתה) אוך האב גוואנט מוט לבן אונ האב מוך בייא אום גזוסט בוז אצוגד אונ עס איז גוועזן אומזוסט (ויהי לי שור וחמור) נאר דם וואס אוך האב אוקסון מוט

ספר

דעם זעלבוגון טאג בוז נאכט אונ אז דו קונדער פון יעקב האבון גזעהן אז דוא פיינד פון אמורי זענון

של״ה הקדוש

(ויותר יעקב לבדו) דו גמרא זאגט אונ חולין פרק גיד הנשה ר׳ אליעזר האט גזאגט יעקב אבינו איז גבלובון אליין אום קליינו קרוגלוך ארובר צו טראגון אין דר פון לערנון מור אז ביי דו צדיקים איז זייער איינונס אזו טייער ווי זייער קערפור ווייל זייער געלט איז ערלוך פאר דונט דערובר הוטון זיי זוך אן צוא רירון און פרעמדס (ויאבק איש עמו) ר׳ יצחק האט גזאגט פון דאנון זעהון מור אז אתלמיד חכם דארף נוט אליין ארום גיין ביי נאכט :

הישר

אוועק גגאנגון האבון זיי זוך אום גוקערט צוא זייער אורט :

קליינו קריגלעך וועגן האט זיך יעקב
אום געקערט אונ דער ווייל איז ער געבליבן
אליין

דס איז ווי דר מלאך ראנגולט זיך מיט יעקב

הט זיך איין מלאך מיט אים גרנגולט בוז
איין שטוב איז אויף גגנגן פון דר ערד
אונ ער הט זיך מיט אים גרנגולט בוז דר
מארגן שטערן איז אויף גגנגן דר מלאך
איז גוועזן דער שר פון עשו אונ ער הט
אלין גזוכט איין עבירה אויף יעקב דאס
ער זאל אים קענן דורך דעם ביי קומן
(וירא כי לא יכול לו) אונ ער הט גזעהן
דס ער קען אים נוט ביי קומן ווייל
ער האט קיין עבירה נוט (ויגע בכף
ירכו) הט ער אן גרורט אונ בלון פון
זיין דיך כלומר איבר דער עבירה וואס
ער האט צוויי שוועסטר גנומן דרום
האט ער גקאנט עפום אים בצווינגן
דער בעל הטורים שרייבט ווי דר מלאך
האט גזעהן דאס ער קען אים נוט בייא
קימן האט ער גטראכט דאס מוז זיין
איין מלאך (ו אמר שלחני) דער מלאך
האט גזאגט צוא יעקב שוק מיך אוועק
דען ווייל ער איז ווארן גשוקט פון
גאט צו יעקב דרום הט ער נוט גוואלט
אוועק גיין אן יעקבם רשות (כי עלה
השחר) דען דער מארגן שטערן איז
אויף גגאנגן האט יעקב צוא אים גזאגט
וואס האסטו דו מורא פר טאג הט דער
מלאך גזאגט זונד איך בין ווארן בשפון
האב איך קיין שירה נוט גזאגט פר גאט
אונ אצונד איז מיין צייט גוקומן שירה
צו זאגן וויא דער מארגן שטערן איז
אויף גגאנגן האט יעקב געענפרט איך
וועל דיך נוט אוועק שוקן בוז דוא
וועסט מיך בענשן כלומר דוא זאלסט
מיר מסכים זיין אויף דוא ברכות וואס
מיין פאטר האט מיך גבענשט הט דער
מלאך גזאגט דיין נאמן זאל זיין ישראל
ווייל דוא האסט גהערשט מיט עשו אונ
לבן אונ מיט מלאכים אונ זאלסט נוט
הייסן יעקב וום דם איז טייטש פלש
כלומר דוא האסט דוא ברכית גנומן
מיט פלשקייט נייערט ישראל זאלסטו
הייסן וואס דאס ווייזט דוא האסט דוא
ברכות גנומן מיט הערשאפט אונ דער
מלאך האט מסכים גוועזן אף דו ברכות
דרום שטייט (תתן אמת ליעקב) כלומר
דאס וואס יעקב האט גטואן מיט עשו
אונ מיט לבן איז אלין גוועזן מיט אמת
אן רמאות דער מדרש שרייבט דוא
צורה פון יעקב איז אוים גקרוצט אונ
דעם כסא הכבוד דאס הט דער מלאך
צוא אים גזאגט (כי שרית עם אלהים)
דיא האסט איין שררה שאפט מיט גאט
דען דיין צורה איז אונ דעם כסא הכבוד
דער חזקוני שרייבט דער מלאך האט
צו יעקב גזאגט (כי עלה השחר) עס
איז אויף גגאנגן דער מארגן שטערן
דארפסטו פר מור קיין מורא נוט האבן
דען דו שדים אונ מלאכים האבן צוא
לייטן בייא טאג קיין מאכט נוט האט
יעקב גפרעגט צום מלאך וויא אזו איז
דיין נאמן הט דער מלאך אים געענפרט
(למה זה תשאל לשמי) ווארום פרעגסטו
אויף מיין נאמן א מלאך האט נוט קיין
געצטן נאמן נאר אונ וואס פר איין

שליחות ער גייט אזו אנאמון האט ער
דר בחיי שרייבט דער מלאך האט גזאגט
מיר זאגון נוט אונזרו נעמון מור ווילון זוך
נוט חשוב מאכון דם מור טון זאכון פון
זוך זעלבערט נאר מור טואון גאטס
גבאט אונ אטייל זאגון דער מלאך הט
גזאגט פרעג נוט ווי אוך היים דען ווייל
אוך האב דוך נוט גקענט ביי קומון אוז
מור אחרפה מען זאל וויסון ווער אוך
בון דר חזקוני שרייבט דר מלאך האט
גזאגט דו דארפסט נוט וויסון מיין נאמון
דען ווארום דארף מען וויסון די נעמון
פון די מלאכים מען זאל זיי קענון ניטון
מוט שמות זיי זאלון טואון ווס דר מענש
וויל אובר דו האסט מוך ביי גוקומון אן
שמות (ויזרח לו השמש) אונ די זון הט
גשיינט צו יעקב פרעגט רש"י הט דען
נור צו יעקב גשיינט די זון די זון שיינט
דאך צו דר גאנצר וועלט דער תירוץ
אוז פון יעקב וועגון האט די זון אן גהובון
שיינון פר אור צייט כדי ער זאל ארפואה
האבון אוף זיין הונקון אונ אזו גופונגון
מור ווען יעקב אוז ארויס גגאנגון פון
באר שבע אוז די זון אונטר גגאנגון פר
אור צייט פון זיינוט וועגון (על כן לא
יאכלו וגו') דרום זאלון די ישראל נוט
עסון דאס אונטר לייב פון א בהמה בוז
זיי וועלון ארום נעמון דוא אדורון ווייל
דר מלאך הט יעקב אן גורורט אונ גיד
הנשה דער חזקוני שרייבט דרום זענון
די ישראל גקנסות זייא זאלון נוט עסון
דאס אונטר לייב ווייל זיי האבון גלאזט
יעקב אליין זיין אונ פעלד אונ ער אוז
דרום גשלאגון גווארון אונ דר תולדות
יצחק שרייבט דרום הט דר מלאך גמכט
הונקון צו יעקב ער זאל זוך בוקון צו
עשו דען איין הונקודוגר ווייזט אום ווי
ער בוקט זוך דרום שטייט (וישתחו וגו')
ער האט זוך גובוקט בוז צו דער ערד
זובון מאל אונ יעקב הט גשטעלט פרור
בלהה מוט אורו קונדער אונ זלפה מוט
אורו קונדר אונ לאה מוט אורו קונדר אונ
אוך רחל מוט יוסף פון הונטון ווייל ער
הט רחל זייער ליב גהט דרום הט ער זו
גשטעלט פון הונטון (והוא עבר לפניהם) אונ
יעקב אוז גגאנגון פר אלודען ער הט זוך
גטרכט לאז עשו פרור מוט מיר מלחמה
הלטון (וירץ עשו לקראתו) אוז עשו גלפן
קעגון יעקב אונ האט אום גהאלזט אונ
גקושט אונ זייא האבון גוויינט (ותגשן
השפחות הנה) אונ דוא דונסטון האבון
גנעהנט מוט זייערו קונדר אונ האבון זוך
גבוקט דער נאך הט גנעהנט לאה מוט
אורו קונדר אונ הבון זוך גביקט (ואחר
נגש וגו') דר נאך הט גנעהנט יוסף מוט
רחל אונ הבון זוך גובוקט. רש"י שרייבט
דרום שטייט ביי אלו די מוטור פאר די
קונדר אונ ביי רחל שטייט יוסף פאר
אור ווייל זו אוז זייער שיין גוועזן הט יוסף
פר שטעלט דאס עשו זאל זו נוט זעהון
אונ זאל נוט גליסטון זוא צוא נעמון
(ויאמר מי לך וגו') עשו הט גפרעגט צו
יעקב ווער אוז די גאנצע מחנה ווס אוך
האב בגעגנט, רש"י שרייבט עשו האט
בגעגונט פול כתו"ת מלאכים אונ זיי הבון
גשלגון זיינו לייט אונ האבון זיי גפרעגט
וועמוס זענט אור הבון זיי געפרט עשום
האבון דוא מלאכים זיי ווייטר גשלאגון
הבון זיי גזאגט ער אוז דאך יצחקס זון
אונ אברהמס איינוקול האבון זייא דאך
גשלאגון זייא האבון זייא גזאגט ער אוז
יעקבס ברודור הבון זיי אוף גהערט צו
שלאגון זיי אונ האבון צו זיי גזאגט אור
זענט פון אונזרו לייט (יהי לך אשר לך)
עס זאל זיין צו דור ווס עס אוז צו דור
דא הט עשו מסכים גוועזן אוף די ברכות
אונ דא אוז יעקב גבענשט גווארון פון
יצחק אונ פון דעם מלאך אונ פון עשו
יעקב הט גזאגט צו עשו דו דארפסט מיין
מתנה צו נעמון (כי על כן ראיתי פניך)
דען ווייל אוך האב גזעהן דין פנים אוז
מור גלייך ווי אוך הב גזעהן דיין מלאך

און דרום הט יעקב דער מאנט צו עשו דס ער הט געזעהן זיין מלאך כדי עשו זאל מורא האבן פאר אים און זאל זיך טראכטן ווען ער איז פון מיין מלאך ניצול געווארן וועל איך אים גאר נוט קענן טון. דער בחיי שרייבט רבי יוחנן זאגט מען מעג חנפונן צוא ארשע פון מורא וועגן אזוי ווי יעקב הט גוזאגט צו עשו איך וואלט דיך געדן זעהן גלייך ווי אמלאך אלהים חטשו ער הט עשו זייער פיינט געהט און יעקב הט גמיינט (כראות פני אלהים) אזו ווי איך בין גערן זעהן דו ע"ז נאר עשו הט גמיינט אזו ווי גאט (ויפצר בו ויקח) יעקב הט זייער געבעטן צו עשו הט ער בייא אים צו גונומן דוא מתנה און עשו הט גזאגט איך וועל דיר אטובה טואן איך וועל גיין גלייך מוט דיר הט יעקב גזאגט איך קען גלייך מוט דיר נוט גיין (כי הילדים רכים) דען דו קונדר זענן ווייך און קליין און דו שאף זענן יונג דר בחיי שרייבט און מדרש שטייט עשו הט גזגט צו יעקב לאמור זוך טיילן מוט עולם הבא האט יעקב אים געענפרט מיינו קונדר זענן ווייך און שלף און מצות וועלן זיי נוט קענן אים שטיין דו יסורים פון דעם גיהנם דרום (יעבר נא אדני לפני עבדו) כלומר נעם דור און עוה"ז דיין חלק (ואני אתנהלה וגו') און איך וועל מוט מיינו קונדר גיין און גלות (עד אשר וגו') בוז איך וועל קומען צו מיין האר קיין שעיר (וישב ביום ההוא וגו') האט זוך עשו אליין אום געקערט און דעם דאזוגן טאג צו זיין וועג קיין שעיר אובר דו פור הונדערט מאן האבן זוך פון אום אפ געשייד און גאט הט זיי בצאלט זייער שכר ווי דוד הט געהרגעט דו לייט פון אדום האט גאט מציל געוועזן פור הונדערט מאן פון זייא (ויבא יעקב וגו') און יעקב איז גוקומן און שטאט שכם גאנץ מוט זיין תורה דס ער הט נוט פאר געסן זיין תורה ביי לבן און גאנץ מוט זיין געלד דס עס איז אים ווידר צוא גוקומן דאס וואס ער האט עשו אמתנה גוגעבון און גאנץ מוט זיין גוף דאס ער איז געהיילט געווארן וואס דער מלאך הט אום גמכט הונקון (ויקן את חלקת השדה וגו') יעקב האט גוקופט איין שטוק פעלד ביי שכם און האט דרוף געבואוט אמזבח צו גאט (ותצא דינה בת לאה) און דינה בת לאה איז ארום גגאנגן רש"י שרייבט דרום זאגט דער פסוק בת לאה און נוט בת יעקב צו ווייזן דאס זו איז געוועזן איין אום גייערן אזו ווי איר מוטור לאה דען לאה איז ארום גגאנגן אקעגן יעקב און האט אום גזאגט צוא מור זאלסטו קומן דען איך הב דוך גודונגן פר דו פייפליך פון מיין זוהן און דינה איז גגאנגן זעהן און דו טעכטער פון דעם לאנד הט זוא שכם דער זון פון חמור גונומן מוט גוואלד און איז ביי איר גלעגן דר בחיי שרייבט יעקב איז דרום געשטרפט געוורן וויל ער הט דינה און אקאסטן בהלטן

של"ה

(ויחן את פני העיר) דו גמרא און שבת פרק במה מדליקין ברענגט אויף דעם פסוק מערו ריעות פון אונזרו חכמים רב האט גזאגט יעקב אבינו הט מתקן געוועזן מטבעות פאר דו שטאט שמואל זאגט ער הט דארטן מערקע גמאכט און ר' יוחנן זאגט ער הט בעדור גמאכט דו מפרשים ערקלערן דו דרשות אויף פר שודונע אופנים וואס דו חכמים האבן דער

הקדוש

מיט גמיינט אבור דער עיקר פון זייער כוונה איז אין יראת שמים דאס דער מענש דארף זוך משתדל זיין צו זיין אשלם און דריי ערליי שלימות וועלכו זנון מרומז און דעם פסוק (ויבא יעקב שלם) ער איז געוועזן שלם גאנץ און זיין קערפר שלם און זיין פר מעגון שלם און זיין תורה און דרונון בשטייאון דו דריי שלימות שלימות פון גוף שלימות פון איגונם

אוהל יעקב

איילין איז פון אוצט עם איז נאר על פי נס דרום ואלסטו אויף מור נוט ברונו זיין פר דוא ברכות וואס דער פאטור הט מוך גבענטש:

עשו זל זו נוט נעמן פר אווייב אונ מדרש
שטייט ווען דו אשה זוצט תמיד אונ אור
הויז אוז זיא מכפר איף דו זונד פון אור
גאנץ הויז גזונד אזו ווי דר מזבח האט
מכפר גוועזן אוף דו זונד פון דער גאנצר
וועלט אזו ווי דער פסוק זאגט (אשתך
כגפן פוריה בירכתי ביתך) דיין ווייב זאל
זיין אזו ווי אוויין שטאק ווס וואקסט אונ
הויז אונ זיינו צווייגון וואקסון אונ צוהון
זיך ארום פון דעם הויז אזו אוך זאל דיין
ווייב תמיד זיצון אונ הויז אונ זאל האבון
קינדר ווס זאלון גיין ארום איף דר וועלט
צוא תורה (בניך כשתילי זתים) דיינו
קינדר זאלון זיין אזו ווי אפלאנצונג פון
אייל בורטון כלומר אלו ביימר נעמון אן
אונ זוך אנדרו צווייגן אבר איין איילבורט
בום נעמט אונ זוך נוט אן איין אנדורו
צווייג אזו זאל דיין ווייב זיין בצניעות
אונ זאל זוך נוט בהעפטון צו קיין אנדרון
מאן אזו וועסטו זוכה זיין דאס דו קינדר
וועלון גושמורט ווערון מוט היילוגן בומול
אוך דרום זענון זיי גגליכון צו אייל בורטון
אזו ווי איין אייל בורט טראגט דו פירות
ניין חדשים אזו אוך ווען איין אשה אוז
בצניעות טראגט זוא אום אורו קונדער
ניין חדשים אונ זיי זענון גוזונד אוך דרום
גלייכט דר פסוק דו קונדר צו אייל בורטן
דען אזו ווי אייל בורטון זענון אן הייב
בוטור אונ צום סוף זענון זיי זוס אזו אוך
דו קונדר צו דר צוהון אוז זייער בוטור
אבר ווען זיי וואקסון אום אונ גראטון זענון
זיי זייער זוס (ויצא חמור אבי שכם אל
יעקב לדבר אתו) חמור דר פאטר פון
שכם אוז ארום גגאנגון צוא רעדון מוט
יעקב דר מדרש שרייבט חמור הט אום
גזאגט דיין עלטער פאטער אברהם אוז
איין נשיא גוועזן אונ איך בון אוך אנשיא
דרום גיב דיין טאכטר צוא איין זון פון
אנשיא הט יעקב אום געענפרט מיין עלטר
פאטר הט געהייסון שור אזו ווי אונ פסוק
שטייט ואל הבקר רץ אברהם וום דם
הייסט שור אונ דו ביסט חמור אונ אין
דער תורה שטייט (לא תחרוש בשור
ובחמור יחדו) דו זאלסט נוט אקערן מוט
איין אוקס אונ מוט איין אייזול אונ איינום
(ותדבק נפשו בדינה) אונ שכם הט זוך
בהעפט אונ דינה דר בחיי שרייבט דינה
אוז דענסטמאל אלט גוועזן אכט יאר הט
שכם

של"ה הקדוש

אין דו העכסטו שלימות אוז שלימות הנפש אונ דוא
דריי ערליי שלימות זענון מרמז אונזרו חכמים מוט
זייערו דרשות פון דו תקונים ווס יעקב האט מתקן
גוועזון ר' יוחנן זאגט ער האט גומאכט בעדור דאס
ווייזט אוף דו ריינלוכקייט פון קערפור דער גוף זאל
זיין ריין פון אלו עבירות רב זאגט ער האט מתקן
גוועזון מטבעות דס אוז מרמז אוף משא ומתן אונ אוף
די שלימות פון פר מעגון דוא גשעפטון וועלכו מען
מאכט זאלון זיין באמונה אונ עם זאל חלילה דרונון
ניט זיין קיין שום רמאות ווי דו גמרא זאגט אז דו
ערשטו שאלה וועלכו מען פרעגט דעם מענשון אויף
יענור וועלט אוז אוב דוא האסט גהאנדולט באמונה
אונ שמואל זאגט ער הט מתקן גוועזון מערקו דאס
אוז מרמז אוף דו אפנו ערטור דו ערטור ווי מען
לערנט תורה וויא עם שטייט גשרובון חכמות בחוץ
תרונה אונ אין תורה בשטייט דוא דרוטו אונ דוא
העכסטו שלימות וועלכו הייסט שלימות הנפש אונ
וויל יעקב אבינו אוז גוועזון פאל קאמון אונ אלו
דריי שלימות הט ער גוזוכט מתקן צו זיין תקנות פאר
אנדרו זיי זאלון אוך צו דו שלימות קאנון צו קומון.

אין אנב לערנון מור דער פון אס אז יעדור מענטש
אין מחויב אונ עם אוז זייער אגרוסו מצוה מתקן צו
זיינדו בדערפנוש פונדר שטאט ווי ער וואנט ווי וייט
ער קאן :

(ותצא דינה בת לאה) אונ דינה דו טאכטר פון לאה
אוז ארום גגאנגון דו פרויענצומר דארפון זייער
אונ זייער גיהוט זיין נוט ארום צו גיין דר כבוד פון
דיא פרוען צומער אוז ווען זוא גפונט זוך אונ דוא
אונערסטון פון הויז אונ ניט נאר דו וואס האט אמאן
דארף זוך הוטון אפילו אפנויה מוז אוך זייער פאר
זיכטיג זיין וויא מור זעהון וואס האט גטראפון דינה
וועלכו אוז גוועזון יעקב אבינום טאכטר וויל זו אוז
ארום גגאנגון אונ הט זוך נוט גיהוט היינט וואס
זאלון מור שון ריידון ווי וויט אונזרו קונדר דרפון
זוך שון היטון :

(הסירו את אלהי הנכר) שאפט אוועק דוא פרעמדו
געטור יעדור זאך וואס דרונון אוז דא איין
אסור דהיינו אגנבה אגזלה אפאלשו מטבע ודומה
אפילו אוך אדבר מגונה וואס עס פאסט נוט עס זאל
זיך געפונון אונ איין ארענטלוך הויז ווערון אן גרופון

שכם אור אין גרעט דיין פאטר הט קיין פעלדר נוט אונ אז דו ווערסט מוך געמון ווערסטו האבון פול פעלדר (ובני יעקב באו מן השדה) אונ דוא קונדר פון יעקב זענון גקומון פון דעם פעלד דר חזקוני שרייבט ווי דו קונדר פון יעקב זנון גוואר גיווארון דס מען הט מטמא גוועזן זייער שוועסטר אזו זענון זיי באלד גוקומון פון דעם פעלד אונ האבון גטרוערט דס אזו אשאנד זאל גשעהון צו דר טאכטר פון יעקב דען דענסט מאל האבון אפילו דו עו"ז אזו אבייזו זאך נוט גוטואון בפרט צו אזו אחשובון מאן ווי יעקב אונ חמור איז גוקומון צו יעקב אונ צו זיינו קונדר אונ הט צו זיי גזאגט גוט אייער טאכטר צו מיין זון פר אוייב אונ הט גזאגט וויא פול געלד אור ווילט אכתובה וועל אוך אייך געבון (ויענו בני יעקב) האבן דוא בני יעקב גענפרט צו שכם אונ צו חמור זיין פאטר מוט קלוגשאפט דען פר גרוס חרפה האט יעקב נוט גקענט ענפורון דרום האבון דוא קונדר גמוזט ענפורון אונ דוא בני יעקב האבון זוך גטרכט מיר מעגון זייא רמאות טון ווייל זייא האבון פר אום ריינוגט אונזר שוועסטר אונ דוא קונדר פון יעקב האבון גזאגט (ונתנו את בנותינו לכם ואת בנותיכם נקח לנו) אונזערו טעכטור וועלון מור געבון צו אייך אונ אייערו טעכטור וועלון מיר געמון צוא אונז רש"י שרייבט דוא בני יעקב האבון צו שכם אונ חמור אזו גזאגט אונזרו טעכטור וועלון מור אייך געבון וועלוכו מור ווילון אונ אייערו טעכטור וועלון מור זוך געמון וועלכו מיר ווילון צו אונז זאל זיין דו ברירה אונ אז שכם אונ חמור זענון גוקומון צו דוא שטאט לייט צו אן רידן זיי אוף דר מילה האבון זיי פר קערט גזאגט צו זייא מור וועלון זייא געבון וועלוכו טעכטער מור ווילון אונ פון זיי וועלון מור נעמון וועלוכו מיר ווילון צו אונז וועט זיין דוא ברירה

נייערט לאמור זוך מלו זיין (וימולו כל זכר כל יוצאי שער עירו) אונ זיי האבון זוך מל גוועזן אלו מענשון וואס זענון ארוס גגאנגון פון דעם טויער פון דער שטאט דער חזקוני שרייבט דרום שטייט דא (כל יוצאי שער עירו) וואס זענון גגנגון פון דער שטאט אונ ביא שרה שטייט (כל באי שער עירו) אלו וואס זענון גקומון אונ שטאט ווייל שכם האט נוט גלאזט קיינום פון דער שטאט ארוס גיין אונ האט אום גנייט ביז ער האט זוך מל גוועזן אובור עס איז נוט גוועזן מוט זייער גיטון ווילון איבור ביא שרה זענון אלו מיט זייער גוטון ווילון גוקומו גומל חסד זיין מוט שרה דרום שטייט כל באי שער עירו (ויהי ביום השלישי בהיותם כואבים) אונ עס איז גוועזן אונ דעם דרוטון טאג אז זייא זענון גוועזן שלאף האט שמעון ולוי גנומון זייערו שווערדון אונ זענון גוקומון אוף דער שטאט זעכר אונ האבען זייא דער שלאגען אונ האבון צו גנומון זייער גוטץ אונ געלד דאס איז וויא שמעון ולוי הארגונון אוים דוא שטאט שכם :

אונ זייער שוועסטר אונ זענון אוועק גגנגן דר בחיי שרייבט דרום זענון זייא גוקומון אוף זיי אונ דרוטון טאג ווייל דס וואס איז גדרוט איז שלאף דען דונסטג דר דרוטר טאג פון דער וואך איז אוך שלאף אוף

לייטון ווארום זיין מזל איז עקרב איין עגדום און זיין שטערין איז מאדים וואס ווייזט אויף בלוט און דרום האבין אונזרי חכמים די מעמדות אין בית המקדש ניט גהייסין פאסטין אום זונטאג ווייל ער איז דער דריטער טאג פון דעם מענשינם בשעפונש דען אדם הראשון איז ווארין בשפין אום פרייטוג איז זונטאג דר דריטר טאג דרום איז דר מענש און דעם טאג שלאף און דרום שמעקין מיר בשמים און מוצאי שבת ווען זונטאג הייבט זיך אן כדי צו דר קוויקין די נשמה מיט איין גוטין ריח דער רמב"ן פרעגט אויף רש"י וואס ער שרייבט דענסט מאל זענין די עע"ז ניט נאך גגנגן נאך זנות אמער מיר גפינין דאך ביי די כנענים שטייט (כי את כל התועבות האל עשו) דוא אלו אום ווערדוקייט האבין זיי גטין ענפרט דער תולדות יצחק איין תירוץ און יעקבם צייטין זענין די עע"ז פרום גוועזן ווייל עס איז ניט לאנג גוועזן נאך דם מבול דם זיי זענין פר לורין גווארין אובר זנות אבר און די צייטין פון משה רבינו איז שוין לנג גוועזן נאך דעם מבול האבין זיי שון פר געסין און דעם מבול און זענין נאך גגנגן נאך זנות און ווען די וועסט וועלין פרעגין ווען די עע"ז זענין דענסטמאל פרום גוועזן ווארום הט אברהם און יצחק מורא גהאט מען זאל זייערי ווייבר ניט אוועק נעמן דר תירוץ איז אזו וויא שרה און רבקה זענין שיין גוועזן איז ניט גוועזן און גאר דר וועלט דרום האבין זיי מורא גהאט (עכרתם) יעקב הט גזאגט צו זיינו קינדר איר הט מיך בטריבט און הט מיך פר שטונקן צווישין די זיצער פון דעם לאנד דען זיי וועלין זיך איין זאמלין אויפמיר און וועלין מיך דר שלגין האבין די קינדר אום גענפרט

זאל מען דען מאכין אונזר שוועסטר אזו וויא אזונה דר בחיי שרייבט דעם היתר וואס די בני יעקב האבין גהאט צו הארגנין די שטאט שכם איז גוועזן ווייל זיי האבין גטין זנות און גזילות מער פון דר גאנצר וועלט אויך הט דינה זיי דר ציילט דם זייא האבין גזאגט ווען זיי וועלין גהיילט ווערין פון דער מילה וועלין זיי אום הארגנין דם גאנצו הויז גזונד פון יעקב דרום האבין שמעון ולוי די גנצו שטאט אויס גהרגית (קום עלה בית אל) גאט האט גזאגט צו יעקב שטיי אף און גיי אויף קיין בית אל רש"י שרייבט דרום שטייט (קום) דם איז טייטש שטייא אויף ווייל גאט האט אים גזאגט דוא האסט שון גונוג גזומט דיין נדר וואס דו האסט גוטין צו ברענגין איין קרבן און דרום בוזטו גשטראפט גווארין דם דינה איז ווארין גנומין צו שכם דרום שטייא אויף און גיי קיין בית אל און ברענג דיין קרבן פרעגט דער חזקוני רש"י הט דאך אובין גשריבין דם דרום איז יעקב גשטראפט גווארין ווייל ער הט ניט געבין דינה צו עשו זו זאל אים פרום מאכין און דא שרייבט רש"י דאס ער איז גשטראפט גווארין ווייל ער הט דעם נדר גזומט צו ברענגין דר תירוץ איז דאס ביידו זאכין האבין אום גורם גוועזן דם ער איז גשטראפט גווארין יעקב האט גזאגט צו זיינו קינדר (הסירו את אלהי הנכר) טוט אפ פון אייך די פרמדו אפ געטער דען מיר דארפין גיין מקריב זיין קרבנות זאל מען ניט זאגין דם מיר זענין מקריב צו די אפ געטער (והחליפו שמלותיכם) און פרבייט אייערו קליידר כלומר טוט אום דוא קליידר פון דוא ע"ז (ויטמון אותם יעקב תחת האלה) יעקב הט די אפ געטר בהאלטין אונטר

דעם

של"ה

פרעמדו געטור און פון יעקב אבינו לערנין מיר אז ווען מען וויל תשובה טאן דארפין מיר זעהין אזעלכי זאכין פון אונזערו הייזור אוועק שאפין כדי מיר און

דקדוש

אונזרו הייזור זאלין גאנץ ריין זיין פון אלום שלעכטם ווי עס שטייט און פסוק (והיה מחניך קדוש) און דיין לאגור זאל הייליג זיין :

דעם לוגדין בום אונ ער האט זייא נוט גקענט אריין ווארפין אום ים ווייל ער איז גוועזן ווייט פון דעם ים (ויהי חתת אלהים על הערים אשר סביבותיהם) אונ עס איז גוועזן דוא פארכט פון גאט אויף די שטעט וואס ארום זיי אונ זיי האבין נוט נאך גיאגט נאך דוא בני יעקב דער תולדות יצחק שרייבט די שטעט וואס ארום זיי זענין ברוגז גוועזן אויף שכם ווייל זיי האבין זיך מל גוועזן אונ זענין יהודים גוורין אונ האבין זייער גאט אוועק גווארפין דרום האבין זייא נוט נאך גיאגט נאך די בני יעקב דרום שטייט חתת אלהים דס איז טייטש די אנגסט פון זייערי אפגעטער איז גוועזן אויף דוא שטעט ארום (ותמת דבורה מינקת רבקה) אונ עס איז גשטארבין דבורה דוא זייגרין פון רבקה פרעגט רש"י וויא קומט דבורה אונ הויז פון יעקב דר תירוץ איז רבקה האט זו גשוקט צו לבן דס יעקב זאל גיין אהיים איז זו אויף דעם וועג גשטארבין בייא יעקב אונ ער האט זו בגראבין אונ ביי דעם בגראבין איז ער גוואר גוורין דאס זיין מוטור רבקה איז אוך גשטארבין אונ מדרש שטייט אז רבקה איז גשטארבין האבין דוא לייט גזאגט אברהם איז טוט אונ יצחק איז בלונד אונ יעקב איז אונ פדן ארם ווער קען זו בגראבין נור עשו אזו וועט מען זו שעלטין דם זו הט אזו אשלעכטין זון דרום הט מען זו בגראבין בייא נאכט אונ דרום האט דער פסוק אוך נוט ארום גשטעלט אור טוט אונ דרום האט יעקב גורופין דאס אורט וואס ער איז דארטין גוואר גווארין (אלון בכות) דאס איז טייטש צווייא וויינין דען ער האט גוויינט וואס זיין מוטור איז גשטארבין אונ וואס זוא איז אן כבוד בגראבין גווארין איז קשה וואס העלפט דען וום מען האט נוט אוים גזאגט דם זו איז גשטארבין ווען מען וועט מיינין זוא לעבט וועט מען דען זו נוט שעלטין דם

זו האט אזו איין שלעכטין זון גוהאט דר תירוץ איז עס שטייט (לא תקלל חרש) דאס איז טייטש דוא זאלסט נוט שעלטין איין טויבין וום הערט נוט אונ אך איין טויטין גייט דער פסוק נוט דרום הט מען נוט אוים גזאגט דאס רבקה איז גשטרבין (ויברך אותו) גאט האט יעקב גבענשט אונ האט אים גטרייסט אויף זיין אבילות (שמך יעקב לא יקרא עוד שמך יעקב כי אם ישראל) דיין נמון זאל נוט ווערין גורופין יעקב דם איז טייטש דם פלשקייט דאס דו האסט דוא ברכות גונומין מוט פלשקייט נאר ישראל זאל זיין דיין נמון דאס איז טייטש הערשאפט דם דו בוסט איין האר דער בחיי אונ דער חזקוני שרייבין דיין נאמון זאל נוט זיין יעקב אליין נור צו צייטין זאל מען דיך רופין ישראל אוך דו זאלסט האבין ביידו נעמין (ותלד רחל ותקש בלדתה) אונ רחל איז שווער צוא קונד גוגאנגין האט דוא באבו צוא אור גזאגט זאלסט דיך נוט פרכטין דוא וועסט האבין אזון אונזערו חכמים זאגין מוט איטליכין זון פון יעקב איז ווארין גבורין איין נקבה אונ מוט בנימין איז ווארין גבורין צווייא נקבות דר מדרש רבה ברענגט איין מעשה מוט צווייא תלמידים פון ר' יהושע וואס האבין זיך פאר שטעלט אונ אנדרו קליידר מען זאל זייא נוט דער קענין דאס זיי זענין יהודים ווייל מען האט גוזר גוועזן צו הרגינון דוא יהודים ווער עס וועט נוט אן נעמין איין אנדרין גלויבין הט זיי גופונון איינער אונ האט צוא זייא גזאגט אוך ווייס דאס איר זענט יהודים ווארום פאר שטעלט איר אייך אונ ווארום זענט איר אייך נוט מוסר נפש פון גאטס וועגין האבין זייא אום גוענפרט מען טאר זיך נוט אליין מייטין דרום טואין מיר ווי ווייט מיר קענין טאמר וועט מען אונז נוט דער קענין הט דער מענש צו זייא גזאגט אוך וועל אייך עפוס פרעגין אונ אייער תורה וועט איר

מור ענפירון אזו וועל איך אייך נושט טון דער פסוק זאגט ווען רחל אוז שווער צוא קונד גגאנגון האט דוא באבו אור גזאגט פארכט דוך נוט דו וועסט האבון איין זון ווס העלפט דם אונ אור צער וועז זו וועט האבון איין זון אודור נוט האבון דו תלמידים צו אום געגנפרט דו באבו דארף גוטו רייד רעדון צו איין אשה ווס גייט שווער צו קונד כדי זו זאל זוך מוט עפום דר פרייאון צו דר קוויקון אור לייב אונ אור ווייטוג אונ יעקב הט זו בגרבון אוף דעם וועג פון אפרת אוז מיין נוט גוועזן גאר איין אקור לאנד קיין אפרת אונ ער הט זוא גוואלט פורון אונ שטאט אריין נאר ווייל זו אוז פון קונד בעט גשטרבון דרום הט ער זו בגרבון אוף דם וועג אונ הט גשטעלט איין מצבה אוף אור קבר אונ דר בחיי שרייבט עס אוז אכבוד צו דו ווייבר מען זאל זיי בגרבון אוף דעם אורט וויא זו שטארבט אונ מען זאל זו נוט פורון אובר דעם פעלד (וילך ראובן וישכב את בלהה) ראובן אוז גגאנגון אונ אוז גלעגון מוט בלהה דען אז רחל אוז גשטרבון הט יעקב גנומון זיין בעט ווס פלעגט שטיין ביי רחל אונ געצעלט אונ הט עס גשטעלט ביי בלהה הט דם צו רא בן פר דראסון אונ הט דם בעט ארום גוורפון אונ הט גזגט צו בלהה דו ווילסט גלייך זיין צו מיין מומו רחל זו אוז גוועזן אהרונטו אונ דו בוסט ארונסט אונ ווייל ער הט פר שוועכט דם גלעגור פון זיין פאטר דרום הט דר פסוק גשריבן גלייך ווי ער אוז ביי בלהה גלעגון דר רמב״ן שרייבט דרום הט ראובן פר שטערט דם גלעגר דען ער הט זוך גטראכט אוך בון אבכור דארף אוך געמון צווי חלקים פון מיין פאטערס גוטס אונ ווען ער וועט נאך האבון קונדר וועט מור ווייניגר אן קומון אונ לאה אוז שון אלט גוועזן צו האבון קונדר אונ זלפה קען זיין זוא אוז אונ דר צייט שון גשטרבון דרום הט ער פר שטערט דם גלעגר פון בלהה (וישמע ישראל) אונ יעקב הט גהערט דם ער הט דם בעט ארום גווארפון פון דעסט וועגון אוז ער נוט זייער ברוגז גוועזן אוף אום אונ הט אום גציילט פרור פר אלו קונדר (ויהיו בני יעקב שנים עשר) אונ דו קונדר פון יעקב זענון גוועזן צוועלף דער פסוק ווייזט אונז דם זיי זענון גלייך פרום גוועזן דען ראובן הט נוט גוזונדוגט אוך זאגט אונז דער פסוק דם ער הט שון מער קיין קונדר נוט גהאט נאר צוועלוף (ויבא יעקב אל יצחק אביו ממרא קרית הארבע) אונ יעקב אוז גקומון צו זיין פאטר יצחק קיין ממרא קרית ארבע אונ דרום שטייט נוט דאס ער אוז גוקומון צו זיין מוטור ווייל זו איז שון גשטרבון נור דער פסוק וויל נוט ארום שטעלון אזו ווי מור האבון אובון גשריבון אונ יצחק אוז גשטרבון (ויקברו אותו עשו ויעקב) אונ זיי האבון אום בגראבון עשו אונ יעקב דר חזקוני שרייבט דרום שטייט עשו פאר יעקב ווייל יעקב הט אום כבוד אן גוטון דען ער האט פר אום מורא גהאט ווייל ער הט גזאגט ווען מיין פאטר וועט שטרבון וועל אוך הרגונון מיין ברודר יעקב אונ ביי אברהם שטייט (ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו) שטייט יצחק פרור ווייל ער אוז גוועזן פון שרה דו הארונטו אונ ער אוז גוועזן פון הגר דו שפחה עשו הט גנומון אווייב אהליבמה רש״י שרייבט דם אוז יהודית ווס אונ תולדות שטייט אונ זו הט גהייסון אהליבמה נאר ער האט אור איין נאמון גגעבון יהודית צו ווייזון דאס זו אוז פרום אונ האלט דעם דת פון יהודים כדי ער זאל נארון זיין פאטור (ואת בשמת בת ישמעאל) אונ נאך איין ווייב האט ער גנומון זו האט גהייסון בשמת דו טאכטר פון ישמעאל אונ דרום אונ תולדות ביי דעם ווען עשו האט זו גנומון רופט ער זוא אן

מחלת ווייל דאס אוז איינם פון דוא
דרייא זאכן וואס מען אוז זייא מוחל
זייערו עבירות אונ דם אנדורו אוז ווען
איינר גייט אויף לגדולה אונ דאס דרוטו
איז ווען איינר נעמט אווייב דרום רופט
ער זו מחלת ווייל מען האט אום מוחל
גוועזן זיינו עבירות (ותמנע היתה פילגש
לאליפז) אונ תמנע אוז גוועזן איין פילגש
צו אליפז דם ווייזט דער פסוק האטשו זו
אוז גוועזן פון שרים הט זו זוך דאך גוולט
בהעפטין צו אליפז צו זיין ביי אום חמשו
איין פילגש ווייל ער קומט ארום פון
אברהם אונ איינר הט גהייסן ענה (אשר
מצא את הימים במדבר) וום ער הט אום
גטראכט די מול אייזלין אונ דר מדבר
דען ער האט בהעפט איין אייזול מוט
איין נקבה פון אפערד אונ פון זייא אוז
ווארון גובורין איין מול אייזיל אונ ווייל
ער אוז גוועזן איין ממזר דרום האט ער
גבראכט ממזרים אויף דער וועלט אונ
דרום הייסן דוא מול אייזלין ימים
ווייל זייער פארכט אוז גרום אויף מענשן
ווארום זייער קלאפ קען נוט פאר היילט
ווערין דער חזקוני פרעגט עם אוז דאך
גוועזן מול אייזלין אונ די צייטון פון יצחק
דם מען הט גזאגט דם מוסט פון די מול
אייזלין פון יצחק מאכט מער געלד פון
דעם גאלד אונ זולבר פון אבימלך דר
תירוץ אוז פרור אוז אוך גוועזן מול אייזלין
נאר זיי הבון זוך פון זוך זעלבר בהעפט
איינם צום אנדורון אונ דר נאך האט ער
בהעפט איין אייזול מוט אנרבה פון
אפערד אונ דוא ברכה וואס גאט האט
גבענשט זיינו בשעפונוש זאלון זוך מערון
אוז נוט גוועזן אויף אזו איין בשעפונוש
וואס קומט ארום פון צווייא מינים :

הפטרת וישלח

חזון עובדיה דאס אוז דם נביאות פון עובדיה
דר עובדיה הט נאר גזאגט נבואות אויף
אדום אונ דאס אוז גוועזן ווייל ער אוז גוועזן
אנר אדומי דרום האט גאט גזאגט פון דוא
אדומים אליין וועל אוך ברענגון אשטראף
אויף זיי דהיינו לאז קומון עובדיה וום האט
גוואנט צווישון צווייא רשעים אחאב אונ איזבל
אונ הט זוך פרט נוט אפ גלערונט פון זייערו
בייזו מעשים אונ לאז גצלט ווערון פון אדום
כלומר לאז ער זאגון פורעניות אויף אדום וום
ער האט גוואנט צווישון צווייא צדיקים יצחק
אונ רבקה אונ האט זוך נוט אפ גלערונט פון
זייערו מעשים אונ דאס אוז דאס נביאות פון
עובדיה (כה אמר אדני אלהים לאדום) אזו האט
גזאגט גאט דר האר אויף אדום (שמועה שמענו
מאת יי) אונ מור נביאים הבון גהערט אהערונג
פון גאט אשליח אוז ווארון גשוקט צווישון
דוא עע"ז זייא זאלון זוך אנזאמלון אונ זאלון
זאגון איינר צום אנדרון שטייט אוף אונ מור
ווילון אוך אויף שטיין אונ לאמור גיין אויף
דם מלכות פון אדום צוא האלטון מלחמה
זאגט גאט (הנה קטן נתתיך בגוים) איך גאט הב
דיך אדום געבון קליין צווישון די עובדי ע"ז
דען אדום האט נוט גהאט זיין איינון כתב
ולשון נאר פון אנדרו אומה דוא בוסט זייער
מבוזה דאס מען מאכט נוט קונוגון אמלכות
קיין מלך בן מלך (זדון לבך השיאך) דאס
רשעת פון דיין הארץ הט דוך אן גרעט צוא
ריידון בייז אפילו אויף דיין איינונום ברודר
יעקב דער עשו רואט אונ דוא שפלטון פון
פון אשטיין כלומר ער פר לאזט זוך אויף זיין
זכות אבות גלייך ווי איינר בהלט זוך אונ די
שפאלטון פון אשטיין זיין זוציגנ אוז הוך ער
טראכט זוך אונ זיין הארץ ווער וועט מוך
קענון נודרון צוא דער ערד דרום זאגט גאט
(אם תגביה כנשר ואם בין כוכבים שים קנך) ווען
דוא וועסט דוך שון אויף הייבון אזו ווייא איין
אדלר אונ ווען דוא וועסט שוין אוך טאן דיין
נעסט צווישון דוא שטערון פון דעסט וועגון
וועל איך דוך דאך פון דרט ארפ נדרון אזו
זאגט גאט ווען גנבים זענון גוקומון אויף דור
אונ ווען די רובור וום רובון ביי נאכט זענון
אויף דור גוקומון ווי בוסטו אזו אנשלאפון
גווארון דען זייא האבון דאך אוועק גגנבות

ווי פול זיי האבין גוואלט (אם בוצרים באו לך) ווען אפ רייסר וום רייסין אפ די וויין טרובין וואלטין גוקומין אוף דיר וואלטין זייא דאך אובור גלאזט צו דיר די שלעכטו וויין טרובין דען ווען איינור רייסט אפ אויין גרטין לאזט ער לכל הפחות אובור די שלעכטו וויינטרובין אבור די רובור וום אוף דיר אדום זענין גקומן הבין דיר גאר נוט אובור גלזט דען זיי הבין אלץ ברובט (איך וגו׳) ווי ווייט זנין בזוכט גוורן די פר בארגונו ערטור פון עשו אונ זיי זענין אנפלעקט גוורין זיינו בהעלטונוש (עד הגבול שלחוך וגו׳) ביז אונ גבול פון דיין לאנד וום דארטין זענין גוקומין דיינו פיינט צו מלחמה האלטין מוט דיר ביז אהין האבין דיך בלייט דיינו לייט וום האבין מוט דיר כורת ברית גוועזן צוא העלפין דיר אונ מוט דעם האבין זיי דיך אובור גרעט צו גיין אונ דר מלחמה אונ האבין דיך ביי גוקומין די לייט וום הבין שלום מוט דיר גהאט אונ אז זיי זענין גקומן אויף דעם גבול האבין זיי זוך צוא רוק אום גקערט (לחמך ישימו וגו׳) דיין ברוט האבין זיי גטאן איין וויטונג צוא דיר אויף דיין אורט כלומר וייל דיין ברודר יעקב הט דיר גגעבין עסין ברוט אונ אניקעכץ פון לונזין דורך דם האט עשו מבזה גוועזן די בכורה אונ דאס איז צוא דיר אוויטונג גוועזן עם איז נוט דא קיין פאר שטאנד אונ עשו (הלא ביום ההוא נאום יי) פר וואר אונ דעם דאזיגין טאג ווען דם פורעניות וועט קומין אוף דיר אדום זאגט גאט דם איך וועל מכון פר לורין חכמים פון אדום אונ פר שטענדוגו לייט פון דם ברג עשו (וחתו גבוריך תמן) אונ דיינו גבורים וועלין צו ברכין ווערין אונ וועלין אנטלופין אונ לאנד תימן פון וועגין דם עם וועט פר שנוטין ווערין אוטליכור שטרקר מאן פון דם ברג פון עשו (מקטל) פון וועגין דר גרוסר הריגה וום אוף זיי וועט קומין (מחמס אחיך יעקב) פון וועגין דעם רובונג וום די הסט גטון צו דיין ברודר יעקב

וועט דיך צו דעקין איין שאנד אונ די וועסט ווערין פר שנוטין אוף אייבונג (ביום עמדך מנגד ביום שבות זרים חילו) אונ דעם טאג וום דוא ביסט גשטאנין פון אקעגין אונ דעם טאג וום דיא פרעמדו האבין גפאנגין זיין גוטם אונ געלד פון דיין ברודר יעקב אונ פרעמדו זענין גיקומין אונ זיינו טוערן אונ האבין גווארפין גורל אויף ירושלים צו צו טיילין זוא צווישין זיך צוא חלקים דענסט מאל בוסטו אדום גשטאנין פון דר וייטין אונ בוסט נוט גקומין העלפין צו דיין ברודור יעקב דרום בוסטו אויך גרעכונט וויא איינור פון דוא פרעמדו (ואל תרא ביום אחיך ביום נכרו) אונ דוא וולסט ניט גהערט זעהן אונ דיין ברודר יעקב אונ דעם טאג וום ער איז ווארין אובור געפרט אונ דוא העגד פון דעם פיינד אונ נוט צוא העלפין אום אונ דוא וולסט דוך נוט גהערט פרייאון אויף דוא קונדר פון יהודה אונ דעם טאג וום זיי זענין פר לארין גווארין אונ דוא וולסט נוט גהערט גרוסין דיין מול צו שפעטין פון זיי אונ דעם טאג דם אצרה איז גוקומין אויף זייא (אל תבא בשער עמי ביום אדם) דוא וולסט נוט גהערט קומין צו דעם טואור פון מיין פאלק אונ דעם טאג פון זייער בראך אונ דיא וואלסט נוט גדרפט זעהן אונ דעם ביין פון דיין ברודר יעקב אונ דעם טאג פון זיין בראך אונ זאלסט נוט שטרעקין דיין הנד אונ זיין גוטם אונ דעם טאג פון זיין בראך (ואל תעמוד על הפרק להכרית את פליטיו) אונ די וולסט נוט גהערט צו שטיין איף דעם בראך וום די אנטלופיר זענין דארטין ארום אנטלאפין גווארין וולסטו דרטין נוט גדרפט צו שטיין צו פר שניידין דוא אנטרונור פון ישראל אונ דוא העגד פון זיינו פיינד אונ דעם טאג פון זיין צרה דען אדום הט אובור געפרט דוא ישראל אונ דוא העגד פון זייערו פיינד אונ דם אלץ וולסטו נוט גהערט צו טאן דען דוא וואלסט גהערט צו טראכטין (כי קרוב יום יי על כל

נופת

ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו והיתה ליי המלוכה דם פיטייש עם וועלין אוף גיין העלפיר אוף דעם בארג ציון צו משפטין דעם בארג עשו דענסטמאל וועט זיין צו גאט דוא מלוכה ר׳ אליעזר זאגט עם איז ריכטונג דאם וואם מען זאגט אז יעקב אבינו האט אליין גאר נוט גמיינט דם דוא

צופים

ברכות פון זיין פאטיר יצחק זאלין אצונד אוף אום אונ אוף זיינו קונדר מקוים ווערין אז עם איז גשריבין טוב לגבר כי ישא עול בנעוריו גוט איז פר דעם מענשין ער זאל טראגין איאך אונ ליידין אונ זיין יוגינד כלומר בעולם הזה כדי צו באקומין דורך דעם פול שכר לעתיד לבא וויא שלמה זאגט ותשחק

כל הגוים) דען עס איז גאהונט דער פורעניות טאג פון גאט צו קומן אונ אזו ווי דו האסט גטאן אזו וועט ווערן גטאן צוא דיר דיין בצאלונג וואס איז ראוי צוא דיר וועט ווערן אום גקערט אויף דיין קאפ (כי כאשר שתיתם) דען אזו וויא אור האט גיטרונקן אויף מיין הייליגן ברג כלומר ווי אור הט אייך גפרייט אויף דעם שלאק פון מיין הייליגן בארג אזו וועלן אלו טרונקן זייער כוס פון פורענות אונ זיי וועלן טרונקן אונ ווערן פר שטפט אונ וועלן זיין גלייך ווי זייא זענון נוט גוועזן (ובהר ציון) אונ אויף דעם בארג ציון וועט זיין אייך צוא איין אנטרונונג. אונ עס וועט זיין הייליג אונ דאס הויז גזונד פון יעקב וועלן ירשינן די גוטור פון דוא עובדי ע"ז וואס האבון זיי גירשות (והיה בית יעקב) דס הויז גזונד פון יעקב וועט זיין אפייאור אונ דאס הויז גזונד פון יוסף וועט זיין אפלאם אונ דס הויז גזונד פון עשו וועט זיין וויא שטרוי אונ עס וועט זיי פר ברענון (ולא יהיה שריד) עס וועט נוט זיין קיין איבור בלייבונג פון דעם הויז גזונד פון עשו דען גאט הט גרעט דרום וועט גוים זיין אזו (וירשו הנגב) אונ די יודון וואס זוצון אונ דרום זייט פון ארץ ישראל וועלון ירשינן דעם בארג פון עשו וואס ער איז אונ דרום זייט ארץ ישראל. אונ דוא יודון וואס זוצון אונ טאל וועלון ירשינן דם לאנד פון דוא פלשתים אונ זייא וועלון ירשינן דאס פעלד פון אפרים אונ שומרון. אונ שבט בנימין וועט ירשינן דאס לאנד גלעד וואס האט פרור גקערט צוא שבט מנשה אונ שבט מנשה וועט אפ גנעמון ווייטער פון דעם גבול פון ארץ ישראל אוף מזרח זייט (וגלות החל) אונ דער גלות פון דעם דאזיגון טאל וואס איז פון דוא בני ישראל כלומר פון דיא עשרת שבטים וואס זענון פאר טריבון גווארון אונ לאנד כנענים ביז צרפת אונ דוא פר טריבונו פון ירושלים וואס זענון אונ ספרד דאס איז שבט יהודה וואס זענון פאר טריבון גווארון קיין ספרד דאס איז אספמיא דוא וועלון ירשינון דוא שטעט וואס זענון אוף דרום זייט פון ארץ ישראל (ועלו מושיעים וגו') אונ עס וועלון אויף גיין העלפור אוף דעם בארג ציון צו משפטין דעם בארג עשו פר דעם בייז וואס דוא קונדר פון עשו האבון גטאן צו ישראל. אונ דעמולט (והיתה ליי המלוכה) וועט זיין צו גאט דוא מלוכה:

נופת

ליום אחרון דוא נשמה פרייט זוך דער הויפט מוט דעם לעצטון טאג אונ דרום איז איף אום קיין איין ברכה פון דוא אלו נאך נוט מקוים גווארון נייערט ער האט דם בהאלטון פאר דוא קונדר זיינו צו דו צייט פון דוא מלחמות גוג ומגוג. וואס דאמלט וועלון זייא זייער גייטונג זיין צו הולפע אז דער פסוק זאגט ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו דרום בעת עשו האט צו אום גזאגט נסעה ונלכה ואלכה לנגדך דאס הייסט לאמור ביידו גלייך גוועלטוגן אוף דער וועלט האט יעקב אום גענטפערט יעבר נא אדוני לפני עבדו דוא נעם צו דער ווייל די גאנצו ממשלה פרוער ואני אתנהלה לאטי אונ אוך וועל זיך פורון לאנגזאם אונ ווארטון ביז דוא צייטון פון משיח. שפיים דארטון ווייטור לרגל המלאכה אשר לפני דאס איז גמיינט אוך האב נאך פאר זוך גונוג ארבייט צו טאן אויף דער וועלט מתקן זיין תקונים וועלכו אונ תחלת בריאה וענון אלו מלאכות פון

צופים

דער וועלט דורך זייא פארטוג גווארון ולרגל הילדים ילדים דאס איז דער סוד פון דוא כרובים וואס זייא באטייטון אוף דעם שורש האמונה דאס דוא ישראל מוזון זוך אן אור פעסט האלטון דען כרובים מאכט כרביא וויא קליינו קונדר דאס איז גמיינט אזו גלייך וויא אקליין קונד האט אליין קיין פאר שטאנד נוט נייערט ער פר לאזט זוך אויף דם וואס זיינו עלטרון זאגון אום אונ זייא הוטון אום טאקו וויא ווייט מעגליך איז אזו אוך מוז מען דעם עיקר האבון אמונה אונ בטחון אוף השי"ת אונ נוט פאר לאזון זיך אוף דעם אייגענום שכל רענסטמאל איז השי"ת דעם מענשון צו הולף. יעקב זאגט ווייטור עד אשר אבוא אל אדוני שעירה כלומר איך מוז ליידון גלות ביז וואנון עס וועט קומון דוא צייט פון דוא הייליגו ממשלה אזו וויא דער פסוק זאגט ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו והיתה להי המלוכה אמן כן יהי רצון:

(וישב יעקב בארץ מגורי אביו) יעקב איז גזעסון אונ לאנד פון דעם וואנונג פון זיין פאטער דר בחיי שרייבט דו פרשה לערנט אונז דם דר צדיק איז אוף דר וועלט גלייך ווי אגר וואס הט נוט קיין קרובים אונ קיין פעלדר אזו טראכט ער נאר ארום צו גיין אונ צו אן גרייטון זיך עסון אזו אוך דר צדיק טראכט אליץ אוף דעם טוט אונ גרייט זיך אן שפייז אוף דעם וועג דם זענון דו מעשים טובים דם זאגט דר פסוק וישב יעקב בארץ מגורי אביו יעקב איז גזעסון אונ לאנד ווי אגר אזו ווי זיינו עלטרון זענון גזעסון דם זיי זענון גוועזן גלייך ווי גרים אויף דר וועלט אונ האבון אליץ גטרכט אויף יענור וועלט אונ יענור סדרה האט דער פסוק דער ציילט פון עשו אונ איז מקצר ווי ער איז גקומון צו יעקב איז ער מאריך וואס מוט זייא איז דער גאנגון עס איז איין משל איינור פר לורט אין פערול אונ זאמד נעמט ער איין זופ אונ זופט אובור דאס זאמד אונ ווי ער גופונט דו פערול ווארפט ער אוועק באלד דאס זאמד אונ נעמט דיא פעריל (אלה תולדות יעקב) דאס זענון דוא זאכון וואס זענון גשעהון צוא דיא קונדער פון יעקב דאס ערשטו איז גוועזן יוסף איז אלט גוועזן זיבוצון יאר האט ער גפאסוט דעם פאטערס שאף אונ איז גוועזן דער צוגון מוט דוא קונדר פון בלהה אונ זלפה אונ דער פסוק זאגט (והוא נער) כלומר דרום איז אום קיין חרפה נוט גוועזן צוא זיין מוט דוא קונדר

פון

ספר הישר

(בעת) אונ דער זעלבור צייט איז יוסף אלט גוועזן אכצעהן יאר אונ איז גוועזן זייער איין שיינור פרשון אונ אזו איין שיינור איז נוט גוועזן אונ גאנץ מצרים אונ דער זעלבור צייט אז יוסף איז גוועזן ביי פוטיפר פון דעסט וועגון הט ער גאט אוך גדונט דער ווייל הט זליכה דאס ווייב פון פוטיפר אויף גזהובון אירו אויגון צו יוסף אונ הט גזעהן אז ער איז זייער איין שיינור הט אור הארץ זייער גגלוסט צו אום אונ הט אום גוואלט פר פורון אבור יוסף הט נוט גוואלט זו צו הערון (ויען) אונ יוסף הט געענפורט צו אור אונ זאגט פר מייד צו ריידון צו מור ווי אזו קען אוך דם טון צו מיין האר דען אלדונג וום עס איז פר האנדון הט ער גגעבון צו מור אונ קיין שום מענש ביי אום אין שטוב איז נוט גרעסור פון מור נאר דו בוסט זיין ווייב. אונ אצונד וויא קען אוך טואון אזו איין זאך איך זאל זונדיגון אקעגון גאט אונ אוך צוא דיין מאן אין פון דעסט וועגון האט זליכה נוט צו גהערט דוא רייד פון יוסף אונ פלעגט מוט אום צו ריידון. אונ ווי יוסף איז גקומון אונ האט זוך גזעצט טון ווס ער הט בדארפט דר ווייל איז זליכה צו אום גקומון אונ הט אום אן גחאפט ביי זיין קלייד אונ זאגט צו אום ווילסטו צו הערון מיינו רייד איז רעכט אונ אוב נוט וועסטו ווערון גטייט אונ יוסף איז אויף גשטאנון אונ הט גוואלט אנטלופון פר אור הט זו אום אן גהאלטון ביי דעם קלייד אונ מהמת דער שרעקונוש הט יוסף צו רוסון דאס קלייד ווס זליכה הט גהאלטון אונ הט גלאזט דאס קלייד ביא אור אונ דער האנד אונ איז אנטלופון ארוס אוף דער גאס אונ ווי זליכה הט דער זעהן אז יוסף הט צו רוסון דם קלייד הט זליכה גנומון מים קלוג שאפט אונ הט אפ גטון פון זוך דו פייערו

של"ה הקדוש

(וישב יעקב בארץ מגורי אביו) אונ יעקב איז גזעסון אונ דעם לאנד וויא זיינו עלטורון האבון גוואנט. דער מדרש זאגט יעקב אבינו האט גוואלט ריהונג זיצון איז אוף אום ארוף גשפרונגון דאס אונגלוק פון יוסף. ווייל הקב"ה האט גזאגט נוט גינוג פאר דוא צדיקים דאס וואס פאר זייא איז אן גגרייט אוף יענו וועלט ווילון זיי נאך דו וועלט אוך האבון. דוא ווערטור דארף זוך יעדור מענש צום הארצון נעמון אונ בטראכטון ווען דאס האט גקאנט יעקב אבינו טרעפון וואס זאלון מור גוועגלוכו מענשון טון וום מור זענון איין גטונקט אונ זונד ווען גאט נוט אונז דוא גלוקון פון עולם הזה וויפור דארפון מור פארכטון אונ טראכטון טאמור איז דאס גיטס וום מען גוט אונז אוף דער וועלט אונז לרעה צו פר קלענורון אונזר גלוק אוף יענור וועלט דרובור מוזן מור פון דעם גוטס וואס גאט הט אונז גגעבון צדקה אונ גמילות חסדים טון אונ היטון מור זאלון קיין אוברוגו הנאה האבון דער פון אונ אונזר הארץ זאל דאך שטענדוג צו בראכון זיין אונ אונזרו גדאנקון זאל זיין נאר אליץ פון גאט צו טראכטון. דער זוהר זאגט אז דם ווארט מגורי בטייט פארכט שרעקון פון לשון מגור מסביב דוא כוונה איז אזו דער פון אז דער מענש דארף שטענדוג זיין אונ שרעקון אונ אין זארגון:

(והוא נער את בני בלהה) אונ ער איז וויא איינג קונד מוט דוא קונדר פון בלהה. דוא תורה דער ציילט אונז וויא גרוס דוא מדת ענוה איז גוועזן ביא יוסף. ער איז גוועזן דער זון פון רחל דוא גלובטו פרוי פון יעקב אונ יעקב האט אום לובור גהאט מער וויא אלו זיינו קונדר אונ פון דעסט

פון בלהה און זלפה בייא דיא שאף וייל ער איז נאך געוועזן יונג אזו שרייבט דער חזקוני אובור רש"י שרייבט (והוא נער) ער האט גוטן מעשים פון איין יונג קינד ער האט זיך גיצירט און האט זיך אויס גגלעט די האר און האט תמיד גיזאגט ביי דיא קינדער פון בלהה און זלפה דען אלו קינדער האבן זיך פון זיי אפ גשייד און האבן זייא ניט רעכט גהאלטן אובור יוסף הצדיק האט זיך מיט זייא בהעפט (ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם) און וואס יוסף האט גזעהן פון דיא קינדער פון לאה פלעגט ער דער ציילן דעם פאטער רש"י שרייבט דרום שטייט ביי יוסף ויבא יוסף את דבתם ער האט גבראכט זייערי רייד צום פאטער און בייא דיא מרגלים שטייט (ויוציאו דבת הארץ) זייא האבן אויס גוצוגן דיא רייד פון דעם לאנד וייל יוסף איז גיוועזן איין צדיק ער האט נאר גזאגט וואס ער האט גזעהן און ניט קיין ליגנט אובור דיא מרגלים האבן אויס גצוגן ליגנט וואס זייא האבן ניט גזעהן און יוסף האט זיך טועה גוועזן און זיינו ברידער דען ער האט גזעהן ווען זייא

קולין איין קוה און גיפונגן און איר איין לעבודיג קאלב עסן זייא עס אן שחיטה און ער האט ניט גוויסט דאס מען מעג אזו טון דרום האט ער גזאגט צום פאטער דאס זייא עסן אבר מן החי אויך האבן זייא גירופן צוא דיא בני השפחות קנעכט וייל זייא זענן גוועזן בני שפחת און יוסף האט גמיינט דאס מען טאר קיינום ניט ריפן עבד און האט גזעהן דאס זייא האנדלין זייער פול מיט דיא ווייבור פון דיא נכרים האט ער גמיינט דאס זייא זענן אום קיישר און מיט די דרייא זאכן איז יוסף אליין גשטראפט גווארן דאס וואס ער האט גזאגט זיי עסן אבר מן החי דרום ביי זיין פר קופן האבן דיא ברידר גקולט איין ציקילו צוא איין טונקן דאס העמד און בלוט און דם וואס ער האט גזאגט זייא רופן די בני השפחות קנעכט דרום איז ער פאר קופט גווארן פאר א קנעכט און דם וואס ער האט גזאגט זייא זענן אום קיישר דרום האט זיין הארם ווייב אום גוואלט מפתה זיין (וישראל אהב את יוסף מכל בניו) און יעקב האט ליב גהאט יוסף מער פון אלו קינדער דער

חזקוני

ספר הישר

קליידור און הט גנומן דם קלייד פון יוסף און האט גלייגט לעבן זיך. און האט זיך גזעצט אויף איר גלעגור ווי זוא איז פרור גזעסן. און איר שטוב איז גוועזן איין קלייננר קנעכט הט ווא אום גשוקט אז ער זאל אהיים רופן איר הויז גזונד. און ווי זליכה הט דער זעהן איר הויז גזונד זאגט זוא צו זיי מוט איין הויך קול זעהט וום אייער האר האט גבראכט צו מור איין עברי וום ער האט גוואלט היינט עובר זיין דען ער הט גזעהן אז קיינר איז נוט פר האנדן און שטוב נאר אויך איז ער גקומן צו מור האב אויך גהאלטן ביי זיין קלייד און האב אן גהובן צו שרייאן מוט איין גרום קול און ווי ער הט דער זעהן אז איך האב אן גהובן צו שרייאן הט ער אובור גלאזט זיין קלייד ביי מור און איז אנטלופן גווארן איף דער גאס. אין זיי זענן גגאנגן צום הארן און האבן אום דאס דער ציילט און פוטיפר איז אהיים גקומן מוט גרום כעס און דם ווייב האט אן גהובן צו שרייאן אויף אום אין האט גזאגט צו אום נאך וואס האסטו צוא מור גבראכט אזו איין קנעכט וום ער האט מיך גוואלט שענדון. און ווי פוטיפר האט אום גהערט די רייד האט ער גהייסן אז מזאל יוסף שלאגן און בשעת מען האט אום גשלאגן הט ער אויף גהובן זיינו אויגן צו גאט און הט גזאגט גאט מיין האר דו ווייסט דאך יוא דעם אמת אז איך בין גאר ריין פון דער זאך אין פר וום זאל איך שטארבן און די הענד פון די ראזוגו רשעים דער וייל איז גוועזן און שטוב איין קליין קונד וום דם איז אלט גוועזן עליף חדשים האט גאט אויף געפונט דאס מול פון דעם קונד און דאס קונד האט גזאגט צו פוטיפר און צו די מענשן וואס האבן גשלאגן יוסף נאך וואס שלאגט איר אום און וום הט איר צו אום. מיין מוטר זליכה זאגט פאלש אין ליגונט גיין אזו און אזו איז דוא זאך גוועזן און ווי די מענשן האבן דער הערט די ראזוגו רייד פון דעם קונד האבן זיי זיך זייער פר וואונדרט און דאס קונד הט אויף גהערט צו ריידון און פוטיפר הט זיך זייער פר שעמט פר די ראזוגו רייד וום זיין קונד הט גרעט און גזאגט צו די מענשן אז מזאל אויף הערן צו שלאגן יוסף:

חִזְקוּנִי שְׁרַייבְּט אַלוּ בְּרוּדוּר הָאבּוּן יוֹסֵף פַיינְט גוּהַאט דוּ קוּנְדוּר פוּן לֵאָה הָבּוּן אוּם פַיינְד גוּהַאט וַוייל דֶער פָאטֶר הָט אוּם מֶער לוּב גוּהַאט פוּן אַלוּ קוּנְדוּר אוּנ דוּ קוּנְדוּר פוּן בִּלְהָה אוּנ זִלְפָּה הָבּוּן אוּם פַיינְד גוּהַאט וַוייל עֶר הָט גוּרֶעט בֵּייז אוּף דוּ קוּנְדוּר פוּן לֵאָה אוּנ רש״י אוּנ דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבּוּן דְרוּם שְׁטֵייט אֵלֶה תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף דוּ קוּנְדוּר פוּן יַעֲקֹב אוּז גְוֶועז יוֹסֵף וַוייל דָם גַאנְצוּ דוּנוּן וָוס יַעֲקֹב הָאט גוּדוּנְט בַּיי לָבָן אוּז גְוֶועזן פוּן וֶועגוּן רָחֵל אוּנ יוֹסֵף אוּז גְוֶועזן אוּר זוּהְן אוּנ אוּך יוֹסֵף הָאט אֵיין גְשְׁטַאלְט גוּהַאט אַזוּ וִוי יַעֲקֹב אוּנ אַלוּ מַעֲלוֹת פוּן אַלוּ בְּרוּדוּר אוּז גְוֶועזן אוּנ יוֹסֵף דוּא בְּכוֹרָה פוּן רְאוּבֵן אוּז וָוארוּן גְגֶעבּוּן צוּ יוֹסֵף דוּ נְבוּאָה פוּן לֵוִי אוּז גְוֶועזן אוּנ יוֹסֵף דֶען עֶר הָט גְזָאגְט צוּ פַּרְעֹה בִּנְבוּאָה דָם עֶס וֶועט זַיין אֵיין הוּנְגֶר אוּנ דָם מַלְכוּת פוּן יְהוּדָה אוּז גְוֶועזן אוּנ יוֹסֵף דֶען עֶר אוּז גְוֶועזן אֵיין שַׁלִיט אוּנ מִצְרַיִם דוּא חָכְמָה פוּן יִשָׂשכָר אוּז גְוֶועזן אוּנ יוֹסֵף הֶען עֶס שְׁטֵייט בַּייא אוּם (אֵין נָבוֹן וְחָכָם כָּמוֹךָ) עֶס אוּז נוּט דָא אַזוּ אֵיין חָכָם וִויא דוּא אוּנ אַלִין וָואס עֶס הָאט זוּך גוּטְרָאפוּן צוּ יַעֲקֹב הָאט זוּך גְטְרָאפוּן צוּא יוֹסֵף עֵשָׂו הָאט יַעֲקֹב גְוָואלְט הַארְגוּנוּן אוּנ דוּא בְּרוּדוּר הָאבּוּן צוּא יוֹסֵף אוּיך גְוָואלְט הַארְגוּנוּן דוּא מוּטוּר פוּן יַעֲקֹב אוּז גְוֶועזן אֵיין עֲקָרָה אַזוּ אוּך אוּז גְוֶועזן דוּ מוּטוּר פוּן יוֹסֵף יַעֲקֹב אוּז וָארוּן גוּבּוּרוּן גְמַלוּת אַזוּ אוּך יוֹסֵף דוּא מוּטוּר פוּן יַעֲקֹב אוּז שְׁוֶוער צוּ קוּנְד גְגַאנְגוּן אַזוּ אוּך דוּ מוּטוּר פוּן יוֹסֵף צוּ יַעֲקֹב זֶענוּן גוּקוּמוּן מַלְאָכִים אוּנ אַזוּ אוּך צוּא יוֹסֵף יַעֲקֹב אוּז דוּרְך אַחֲלוּם גוּקוּמוּן צוּא אַלוּם גוּטוּן אַזוּ אוּך יוֹסֵף דֶער רמב״ן פְרֶעגְט אוּף רש״י וֶוען יוֹסֵף הָאט נָאר גֶרֶעט בֵּייז אוּף דוּ קוּנְדֶר פוּן לֵאָה וָוארוּם הָאבּוּן דוּ בְּנֵי הַשְּׁפָחוֹת מַסְכִּים גְוֶועזן צוּ הַארְגוּנוּן אוּם אוּנ צוּ פַר קוֹפוּן אוּם דֶען זֵייא זֶענוּן גְוֶועזן פוּר אוּנ רְאוּבֵן הָאט אוּך נוּט מַסְכִּים גְוֶועזן אוּז פוּנוּף אוּנ יוֹסֵף אוּז דֶער זֶעקְסְטֶער הָאבּוּן זֵייא דָאך זוּך גוּקֶעגְט וֶוערוּן אַקֶעגוּן דוּא אוּבְּרוּגוּ בְּרוּדוּר דֶער תֵּירוּץ אוּז דוּא בְּנֵי הַשְּׁפָחוֹת הָאבּוּן אוּם אוּיך פַיינְד גוּהַאט וַוייל עֶר הָאט אוּף זֵייא אוּך בֵּייז גֶרֶעט אוּנ אַזוּ אוּיך שְׁרַייבְּט דֶער בְּחַיֵי אוּנ דֶר חִזְקוּנִי (וְיִשְׂרָאֵל אָהַב אֶת יוֹסֵף מִכָּל בָּנָיו) אוּנ יַעֲקֹב הָאט לוּב גוּהַאט יוֹסֵף מֶער פוּן אַלוּ קוּנְדֶער אוּנ דֶר תּוֹלְדוֹת יִצְחָק שְׁרַייבְּט דֶר סֵדֶר אוּז וֶוען אֵיינֶר זָאגְט רְכִילוּת הָאט מֶען אוּם דֶער פַאר לִיבּ דְרוּם זָאגְט דֶער פָּסוּק בַּייא יַעֲקֹב חָאטְשׁוּ יוֹסֵף הָאט אוּם רְכִילוּת גְזָאגְט הָאט עֶר אוּם דֶער פַאר נוּט לוּב גְהַאט נַייעֶרְט (כִּי בֶן זְקוּנִים הוּא לוֹ) וַוייל עֶר אִיז גְוֶועזן קְלוּג אוּנ דֶער תּוֹרָה (וַיִּרְאוּ אֶחָיו כִּי אוֹתוֹ אָהַב אֲבִיהֶם) דוּא בְּרוּדֶער הָאבּוּן גְזֶעהְן דָאס דֶער פָאטֶר הָאט צוּא

יוסף

של״ה הקדוש

וֶוענוּן הָט עֶר אוּנ זוּך קֵיין שׁוּם גַאֲוָה גְהַאט אוּנ הָט בַּאדוּנְט אֲפִילוּ דוּא קוּנְדֶר פוּן דוּא שְׁפָחוֹת אוּנ דֶער פָּסוּק זָאגְט דְרוּבּוּר (נְשֵׁי אָבִיו) זַיין פָאטֶרְם פְרוֹיֶען דָאס הֵייסְט יוֹסֵף הָט זֵייא נוּט גְהַאלְטוּן פַאר שְׁפָחוֹת נָאר פַר וִוירְקְלִיכוּ פְרוֹיעוּן אוּנ פוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק דַארְפוּן מוּר זוּך לֶערְנוּן דוּא מִדַּת הָעֲנָוָה אַז וָוס דֶער מֶענְשׁ אוּז אַלֶעם גְרֶעסוּר מוּז אַלְם זַיינוּ עֲנָוָה גְרֶעסוּר זַיין:

(וְעָשָׂה לוֹ כְּתֹנֶת פַּסִּים) דוּא גְמָרָא בְּרֶענְגְט אוּנ (שבת פ״א) רָבָא בַּר מְחַסְיָה הָט גְזָאגְט אוּנ נָאמוּן פוּן רַב חָמָא בַּר גוּרְיָא. אַמֶענְשׁ זָאל קֵיין שִׁנּוּי נוּט מַאכוּן צְווִישׁוּן זַיינוּ קוּנְדֶר דָם הֵייסְט עֶר זָאל נוּט אֵיין קוּנְד מֶעהְר גֶעבּוּן אוּדוּר אַשֶׁענוּר קְלֵייד מַאכוּן אַלְם דוּא אוּבְּרוּגוּ קוּנְדֶר מוּר זֶעהוּן דָם אוּבּוּר אַבּוּסוּל זֵיידוּנְס אֵיין גְוִויכְט פוּן צְווֵייא טַאלוּר וָואס יַעֲקֹב הָט גְגֶעבּוּן יוֹסְפוּן מֶער וִויא דוּא אוּבְּרוּגוּ קוּנְדֶר הָאבּוּן דוּא בְּרוּדוּר זוּך אָן אוּם מְתַקֵּנָא גְוֶועזוּן אוּנ דֶער פוּן אוּז אַרוּם גְקוּמוּן דָם אוּנְזֶרוּ עֶלְטֶרוּן הָאבּוּן גְמוּזְט קֵיין מִצְרַיִם קוּמוּן:

(וְלֹא יָכְלוּ דַּבְּרוֹ לְשָׁלוֹם) אוּנ זֵייא הָאבּוּן נוּט גְקָאנְט רֵיידוּן מוּט אוּם פְרֵיינְדְלוּך. רש״י שְׁרַייבְּט פוּן דֶעם טַאדֶל וָוס דוּא תּוֹרָה טַאדְלְט יוֹסְפְס בְּרוּדוּר לֶערְנוּן מוּר זֵייעֶר מַעֲלָה אוּנ זֵייעֶר שֶׁבַח. דָם זֵייא הָאבּוּן נוּט גְקָאנְט פַאלְשׁ זַיין. אוּנ מוּט אַהַאלְבּ מוּל מוּט אוּם רֵיידוּן. הָאבּוּן זֵייא. אוּם אֵיין מָאל אוּנ

יוסף ליב דרום האבן זייא אום פיינד גהאט פרעגט דער תולדות יצחק אוז דם רעכט וייל דער פאטור האט אום ליב זאלן זייא אום פיינד האבן וואס אוז ער דען שולדיג דער תירוץ אוז דוא ברודור האבן גזאגט ווען אונזר פאטור זאל נוט האלטן פון דעם רכילות וואס יוסף זאגט אוף אונז וואלט אונז נוט גהארט דען ער וואלט נאך אנאר גבליבן אצונד זעהן מור דם אונזר פאטר הט אום זייער ליב נאך דעם ביין ריידן אזו זעהן מור דאס אונזר פאטר האלט פון דם רכילות דרום האבן זייא אום פיינד גהאט (ועשה לו כתונת פסים) דר פאטר האט אום גמאכט איין זיידן העמדול אונ פון דעם העמד זענן אלו צרות אום גוקומן פון דאנן לערנן אונזרו חכמים אף דאס מען טאר נוט איין קונד מאכן בעסורו קליידר פון דעם אנדורן כדי עם זאל נוט זיין קיין קנאה צווישן זייא אונ דאס ווארט פסים וייזט אוף זיינו צרות דוא (פ"א) אוז פוטיפר אונ דוא (סמ"ך) אוז סוחרים אונ דוא (יוד) אוז ישמעאלים דוא (מ"ם) איז מדינים כלומר צוא דוא אוז ער פאר קופט גווארן (ולא יכלו דברו לשלום) דו ברודר האבן מוט יוסף נוט גקענט ריידן צוא שלום רש"י שרייבט דער פסוק וייזט אונז דם דו ברודור זענן צדיקים גוועזי אונ האבן נוט גקענט ריידן מוט דעם מול אנדרם ווי אונ הארץ אוז אונ ווען זיי האבן אום פיינד גהאט אונ הארץ האבן זיי מוט דעם מול אוך נוט גקענט שלום ריידן מוט אום (ויחלום יוסף חלום ויגד לאחיו) אונ עם הט זוך יוסף גחלמת אחלום הט ער אום דער צוילט צו זיינו ברודור כדי זיי זאלן אום נוט פיינד הבון ווען ער ווערט אהאר ווערן דען עס אוז פון גאט נוט פון וועגן זיין פטורם ליבשפט דר חזקוני שרייבט דער ערשטר חלום אוז נוט אמת גוועזן דרום שטייט ער נוט אן גשריבן (והנה אנחנו מאלמים אלומים)

אונ נון מור הבון גבונדן גרבון קארן אונ פעלד אוז אוף גשטנון מיין גארב אונ אוז גבליבן שטיין אונ אייערו גרבן הבון זיך ארים גרינגלט אונ האבן זוך גבוקט צו מיין גארב דר תולדות יצחק שרייבט דו גארבן זענן ארום גגנגן אונ האבן זיך נוט גוואלט בוקן צו מיין גארב נר זיי האבן זוך גמוזט בוקן נאך אפשט אוז זיי זענן ארום גגאנגן ארים מיין גארב אזו ווי אקנעכט גייט ארום דעם האר צו באדונן אום נאך אפשט אוז (תסובינה אלומותיכם) אייערו גארבן זענן גווארן קליין כלומר דר חלום הט גוויזן דם אונ דר צייט וום עם וועט זיין הונגר ווער עם וועט איין זמלן קארן חוץ יוסף וועט עם פר פולט ווערן אונ דרום אוז דר חלום גוועזן מוט גארבן קארן צו ווייזן דם פון וועגן קארן ווערן זוך דו ברודר בוקן צו יוסף (ויאמרו לו אחיו המלוך תמלוך עלינו) האבן דו ברודור צו אום גזאגט ווערסטו דען זיין אקונוג אובור אונז דען זיי הבון גוויסט דם דר חלום בטייט דם ער וועט אמלך זיין דר בחיי שרייבט חאטשו זיי האבן יוסף פיינט גהאט הט דאך גאט גמאכט דם זיי הבון גמוזט דם חלום צו גוטן אום לייגן צו אום (ויוסיפו עוד שנוא אותו על חלומותיו ועל דבריו) דיא ברודור האבן אום נאך מער פיינד גהאט אובור זיינו חלומות אונ וייל ער הט גזגט דו חלומות אונ הט זוך מוט זיי בארימט אונ עם הט זוך אום ווידור איין חלום גחלומת (ויספר אל אביו ואל אחיו) אונ ער הט אום דר צילט צו זיין פאטר אונ צו זיינו ברודור דם עם הט זוך אים גחלומת דם דו זון אונ דו לבנה אונ עלף שטערין בוקן זוך צו אום הט דר פאטר אין אום אן גשרונן אונ הט גזגט וועלין מור דען קומן אוך אין דיין מוטור צו בוקן זוך פר דור דיין מוטור אוז דאך שון גשטרבן דרום אוז דר חלום לוגנט אונ דם אלין הט יעקב גזאגט כדי דו ברודר

זאלין אום נוט פיינד האבן אובר יעקב הט גוויסט דס עס איז אמת אונ די לבנה וואס ווייזט אוף דר מוטור דס מיינט מען בלהה וואס זי הט אום אוף גצוגן אזו ווי אמוטער אונ אונזרי חכמים זאגן דס אונ אוטלוכן חלום איז פר האנדן נארשקייט האטשי דר חלום איז גאר אמת אונ אזו איז גווען אונ דעם חלום האטשי ער איז גאר אמת גווען אובור דס מוט דר מוטור איז נארשקייט גווען אונ יעקב הט דאס גוויסט נאר ער הט גוואלט די שנאה פון די ברודור אפ רייסן פון אום דרום הט ער אזו גזאגט. דער תולדות יצחק שרייבט דרום איז דר ערשטר חלום גווען גארבן קארן אונ דר אנדרר איז גווען שטערין ווייל דס ערשטי מאל זענן זייא גקומן קופן קארן אזו ווי פראסטי מענשן אבר דס אנדרי מאל זענן זיי גקומן מוט כבוד וואס דס האבן די שטערין גוויזן דס זיי זענן אחשובי זאך אונ דרום הט יוסף אונ ערשטן מאל די זון אונ די לבנה נוט גזעהן ווייל דאס ערשטי מאל זענן די ברודור אליין גקומן קיין מצרים אובור דס אנדרי מאל זענן אלו גקומן אונ דר פאטר אונ בלהה אונ היינט איז רעכט ווארום הט יוסף דעם אנדורן חלום גזאגט פאר דעם פאטר אונ נוט דם ערשטן ווייל דר ערשטר הט נאר גוויזן דם די ברודור וועלן זוך צו אום בוקן דער אמרי נועם זאגט דרום שטייט ביי דעם ערשטן חלום (ותשתחוין לאלומתי) אייערי גרבן האבן זוך גבוקט צו מיין גרב אונ ביי דם אנדרן חלום שטייט (משתחוים לי) זיי בוקן זוך צו מור אונ עס שטייט נוט צו מיין שטערין ווייל ביי דעם ערשטן מאל האבן די ברודור אום נוט דר קאנט נור זיי האבן זוך גבוקט ווייל זיי האבן גדארפט קופן קארן דרום שטייט לאלומתי אור וועט אייך בוקן צו מיין גארב פון קארן וועגן אובר דם אנדורי מאל האבן זיי שון גוויסט דם עס איז יוסף דרום שטייט משתחוים לי אור וועט זוך בוקן פון מיין כבוד וועגן נאך אתירוץ איז די שטערן זענן אונ הומול הט ער נוט גקענט זאגן צו מיין שטערן דען עס איז נוט דר קענט וועלכר זיין שטערין איז אובור דם גארב וואס ער

חאט

של"ה הקדוש

הארצן פיינט גהאט. האבן זייא מוזן מול נוט גקאנט מוט אום פריינדלוך ריידן אונ דם איז באמת אמדה טובה. דם דאס הארץ אונ דאס מול זאלין גליך זיין:

(ראה את שלום אחיך ואת שלום הצאן) זעה דעם פרודין פון דייני ברודר אונ דעם פרודין פון דוא שאף. דער פסוק לערינט אונז דם איין מענש דארף פריער בטראכטן אונ באָרגן זיין הוז גזינד זייא צו פר הוטן פון אלום בייזן. אונ דער נאך דארף ער בזעהן זיין פר מעגן וואס גאט האט אים גגעבן. אונ זיין פר מעגן דארף איך ביי אום טייער זיין ווארום צדיקים זענן מדקדק אונ אורז געשעפטן אפילו אוף וואס איז ווייניגור ווערט ווייא אפרוטה כדי זייא זאלן נוט דארפן חלילה אן רורין פרעמדו. אונ יוסף איז צו פרודין גוועין מוט דעם שליחות וואס יעקב האט אום גשוקט אונ הט גזאגט הנני דא בון איך דאס הייסט איך בון אן גברייט צו זיין. האטשו אפילו ער הט נוט פאר שטאנען אז עס שמעקט אום דער טוט. אונ הט נוט גזאגט דעם פאטור דם ער הט מורא פאר זייער שנאה. אונ קאן אום חלילה איין אונגלוק טרעפן. אזו טייער אונ אזו היילוג איז ביי אום גווען זיין פאטרם בפעל דם ער האט זוך גוואלט מוסר נפש זיין דעם פאטרם ווילן צו טון:

(למען הציל אותו מידם) אום אום פון זייערי הענט צו רעטן. דער רלב"ג שרייבט ווען א מענש זעהט אז איינור אודור מעהרו מענשן זענוז בשלאסן צו טון אשלעכטו זאך אונ ער וויל זייא דער פון אפ האלטן זאל ער נוט אן הייבן מוט אמאל זייא אפ צו שלאגן פון זייער גאנצן פלאן ווארום זייא וועלן אום גוויס נוט פאלגן נאר בוסלוכווייס זאל ער פרובן זייא אפ צו פורן אונ נוט פון זייער גאנצן פלאן מוט איין מאל. מור זעהן ווייא ראובן הט גטון ער האט גוויסט ווייא גרייס זיינו ברודור זענן אונ בעם איף יוסף ווייא פעסט זייא האבן זוך בעשלסן אום צו טייטן. הט ער פר שטאנן אז ער וועט זייא זאגן זיי זאלן יוסיפן נאר אוועק לאזן אונ אום מוחל זיין וועלן זיי אום גוויס נוט פאלגן אונ דערוביר הט ער זוך מתחכם גווען אונ הט גזאגט זייא זאלן נאר אליין מוט זייערו הענט קיין בלוט נוט פר גוסן אונ זאלן אום אונ אגרוב אריין ווארפן וועט ער גוויס דארטן אליין שטארבן וועלן זייא דאך ממילא פון אום פרייא ווערן אונ דעם הט ער זוך בעקלערט עס זאל נאר דער ערשטר שטורום

האט גהאלטון אונ דר האנד הייסט דם זיין גארב דרום הט ער גקענט זאגין צו מיין גארב (לרעות את צאן אביהם) זיי זענון גגאנגון פאסון זייער פאטערס שאף אונ זוך אוך הען זייא האבון פון דוא שאף גגעסון אן זייער פטרם וויסון דרום שטייט אונ דער תורה גופונקטולט דם ווארט את צו ווייזון דם זייא האבון זוך אויך גפסוט פון דו שאף אונ זיי האבון הער מוט פול בייז גטואון הען זייא האבון זוך גוט אן גגעסון פון זייער פאטערס שאף אונ הבון פאר קופט זייער ברודור יוסף (ויאמר ישראל אל יוסף) יעקב האט גזאגט צוא יוסף דיינו ברודור פאסון אונ שכם גייא אוך וועל דוך שוקון צו זייא צו זעהן ו״ם זייא טון האט יוסף גזאגט נון אוך בון אן גרייט תאטשו יוסף האט גוויסט דאס דו ברודור הבון אים פיינד אונ עס אוז אום איין סכנה צו גיין צו זייא פון העסט וועגון אוז ער גגאנגון פון כיבוד אב וועגון (וישלחהו בעמק חברון) אונ ער הט אום אוועק גשוקט פון דעם טאל פון חברון כלומר גאט הט אזו גופורט דם די ישראל זאלון דורך דעם קומון אונ גלות מצרים צו מקיים זיין דוא טופו עצה וום גאט האט גזאגט צוא אברהם וואס ער אוז בגראבון אונ חברון דאס זיינו קונדר וועלון זיין אונ גלות מצרים פור הונדורט יאר אונ דער ספר הישר שרייבט ווייל זייא האבון זוך דעם טאג פאר שפטוגט צו קומו פון דעם פעלד מער ווי אלו מאל דרום האט יעקב מורא גוהאט מאמור זענון דוא לייט פון שכם גוקומון מלחמה הלטון מוט זיי דרום הט ער גושוקט יוסף גווואר ווערון צו זיי

של״ה הקדוש

אובור ניין וועט ער נאך דעם ביסלוכוויים פרובון זיי פון דעם גדאנקון אפ צו שלאגון אודור ער אליין וועט אום ארום נעמון פון דעם גריב אונ וועט אים צו זיין פאטור צו רוק ברענגון . אונ יהודה אוז אוך נאך דעם גגאנגן אינ דעם וועג אונ הט ביי זיי שון פועל גוועזן זייא זאלון אום נוט לאזון שטארבון אונ גרוב אונ זאלון אום לובערשט פר קופון אונ דורך די פאר זיכטיגקייט אוז יוסף פון דעם טוט ניצול גווארון :

אוהל יעקב

ויאמרו זאת מצאנו הכר נא הכתונת בנך היא) אז יהודה הט די ברודר איין עצה געבון זייא זאלון יוכופון פר קופון פר איין קנעכט האבון זיי פון זייער ברודר יוסף אראפ גנומון דאס זיידונו העמדול אין האבון עס צוא שטאכון אונ האבון גקולוט איין צוקעלו אונ זיי האבון דאס העמדול איין גטונקט אונ דעם בלוט אונ האבון עס גבראכט צום פאטער יעקב אין האבון אום גזאגט דאס העמדול האבון מור גפונין דער קען צו דם אוז דם העמדול פון דיין זוהן יוסף אין אום האבון זיי פאר קופט פאר איין קנעכט זאגט דער מדרש גאט הט גזאגט דו יהודה האסט אפ גנארט דיין פאטר מוט אצוקלו אונ האסט גזאגט (הכר נא) איך שווער אז דיין שנור תמר וועט דוך אוך אפ נארון מוט אצוקלו אונ זוא וועט דור זאגין הכר נא . יהודה האט גהאט צוויי זוהן ער מוט אונן ער האט נהאט איין ווייב זוא האט גהייסון תמר אז ער אוז גשטארבון האט אונן גנומון זיין ברודרס ווייב תמר. נאך דעם אוז אונן אוך גשטארבון אוז תמר גבלובון זיצון איין אלמנה (ויהי היום) אוז יהודה גגאנגון שערון די שאף האט זוך תמר גזעצט אוף דעם וועג אין האט זוך פאר וויקולט מען זאל זו נוט דר קענון ווי יהודה הט זוא דער זעהן הט ער צו איר גזאגט גרייט דוך אן אוך וועל קומון צו דור הט תמר גפרעגט ווס וויסטו מור געבון הט ער גזאגט אוך וועל דור שוקון אצוקעלו זאגט תמר גוב מור אמשכון האט ער איר גגעבון אמשכון אינ אוז צו איר גקומין אונ זוא איז מעוברת גווארון (ויהי היום) האבון די מענשון פון איר שטאט דר זעהן אז זוא איז מעוברת האבין זיי מודיע גוועזן צו יהודה אז זיין שנור תמר הט מזנה גוועזן אונ זו אוז מעוברת הט יהודה גזאגט מען זאל זו פר ברענון . אז מען הט זו ארוס גנומון צו פאר ברענון הט זו ארוס גנומון דם משכון אונ הט גזאגט (הכר נא) דער קען וועמס משכון דם אוז פון דעם בון אוך מעוברת הט יהודה מודה גוועזן . נאך זאגט דער מדרש אז פון יהודה מוט תמר בדארף ארוס קומון משיח (ויוסף הורד מצרימה) אונ יוסף האט גנודרט קיין מצרים מוט די מדינים זאגט דער מדרש יעקב האט גדארפט קומון קיין מצרים גקאוויט מוט קייטון כדי ער זאל מקיים זיין ווס גאט האט צוא גזאגט אברהם נאר גאט האט גזאגט יעקב אוז מיין בכור זאל ער ניין קיין מצרים מוט בזיון נאר אוך וועל מסבב זיין אז יוסף זאל קומון קיין מצרים וועט שון יעקב ממילא קומון קיין מצרים אונ ווייל דוא ברודר האבון צו יוסף פיינד האט גאט מסבב גוועזן אז דורך די ברודר זאל יוסף קומון קיין מצרים. אין דר עיקר הט אום יהודה פר קופט . מילא קען

(ויִמְצָאֵהוּ אִישׁ) הט אמאן גופונן צו יוסף דאס איז געוועזן דער מלאך גבריאל דער תולדות יצחק שרייבט אז אמענטש בלאנזוט אזו פרעגט ער מענשן זיי זאלן אים ווייזן דעם וועג אבור מענשן פרעגן אים נוט וואס זוכסטו אונ דא האט דער מאן געפרעגט יוסף וואס זוכסטו אזו מוז זיין דאס איז געוועזן א מלאך אונ ער האט אים געוואלט פורן צו זיינו ברודור כדי ער זאל קומן קיין מצרים נאך אפשט איז יוסף האט געזאגט צוא דעם מאן זאג מור וויא מיינו ברודער פאסן אונ האט פרור נוט געפרעגט אוב ער ווייסט וויא זיי פאסון אזו מוז זיין דאס יוסף האט פאר שטאנון אז דאס איז א מלאך וואס ער ווייסט גווים וויא זיינו ברודור פאסון אוך איז גדרונגן אז דאס איז געוועזן גבריאל אונ נוט איין אנדערער מלאך דען דא שטייט ויִמְצָאֵהוּ איש אונ גבריאל ווערט גורופן איש אזו וויא עס שטייט וְהָאִישׁ גַבְרִיאֵל (וַיֹּאמֶר הָאִישׁ נָסְעוּ מִזֶּה) אונ דער מאן האט געזאגט דיינו ברודער זענון אוועק געגאנגון פון דאנון פרעגט רש"י יוסף הט אום דאך נאר געפרעגט וויא זענון מיינו ברודור הט ער אום דרוף גדארפט ענפורון אונ ווארום האט ער אום נאך געענפרט זייא זענון אוועק געגאנגון פון דאנון דר תירוץ איז ער האט אום געזאגט גייא נוט צוא דיינו ברודער ווארום זייא האבון אוועק געצוגון פון דאנון כל מה פון דיין ברודער שאפט דען (זֶה) במערפט צוועלוף כלומר זייא ווילון נוט זיין קיין צוועלוף ברודור מוט דור נייערט עלוף אונ דוך ווילון זייא נוט פאר א ברודור אבור יוסף האט דאס נוט געהערט אונ איז דאך געגנגון צוא זייא פון כיבוד אב וועגון איז קשה יעקב האט דאך בליט צוא יוסף אונ ווארום איז ער געשטרוכולט געווארון אונ דעם וועג אמער דאס בלייטון העלפט דאך דעם מענשון ער זאל נוט געשטרוכלט

ווערין

אוהל

מען זאגון אז יהודה הט איין עולה גטאן ווס ער הט פר קופט זיין ברודר פאר איין קנעכט אובר באמת האט יהודה גוטון דעם רצון פון גאט האט אום גאט גוואלט בצאלון זיין שכר היינו עס זאל פון אום ארום קומון משיח פר דעם ווס דורך אום איז גטון גווארון דר רצון פון גאט נאר ווייל יהודה האט גיטון גאטס רצון נוט בדרך כבוד ווארום פאר מענשון איז נוט רעכט אז איין ברודער זאל פאר קופון דעם אנדרון ברודר פר אקנעכט דרום האט אום גאט בצאלט אוך ניט בדרך כבוד עס זאל פון אום ארום קומון משיח נאר דו מעשה דר פון זאל זיין שלא בדרך כבוד. עס איז אמשל איין עושר הט חתונה גמאכט זיין זון אונ דער זון איז געוועזן איין חכם אונ אלמדן איז געוועזן דר מנהג אז דער רב פון דער שטאט זאל אונ דעם טאג פון דר חופה קריינון דעם חתן מוט דער מורינו היינו מען זאל אום אויף רופון צו דר תורה מוט דם טיטול פון מורינו הט דער רב געשריבון איין מכתב לכבוד דעם ראזונגן גביר אונ לכבוד דעם חתן דוא שיינו מורינו אונ ארום דער מורינו הט ער געשריבון איין שיר מוט אמליצה אונ אין דעם שיר איז געשטאנון דם גרויסקייט מוט דעם כבוד פון דעם גביר מוט דעם חתן נאר דער מוט הט דער רב גופעלט ווס ער הט דיא מורינו געשריבון אויף זייער מיאוס פאפיר אונ שלעכטס אונ פר שמורטס אונ האט דם פאפיר געשוקט צום גביר דער פאטער פון דעם חתן מוט זיין משרת

יעקב

ווי ער הט דעם ברוף דער זעהן נאך ביי דעם משרת אין דו הענד ווי דער ברוף איז זייער מיאום אונ פר שמורט מוט פלעקון האט דאס דעם גביר זייער פאר דראסון נאר פון דעסט וועגון הט ער דעם ברוף צו גנומון ווארום ער האט נוט געוואלט דעם רב דר צערנון ווי ער האט אויף געפונט דעם ברוף הט ער דר זעהן ווס פר אגרוסון כבוד דער רב הט אוף אום געשריבון מיט דעם שיינום שיר איז דאס אום זייער געפעלון אובר נאר פון אונגווייניג אונ פון אויסווייניג נוט הט זיך דער גביר מיישב געוועזן ער זאל זוך מוט דעם רב נאר נוט קריגן ווארום דער עניין פון דעם ברוף איז זיך זייער שיין פאר אום נאר ער האט זוך געטראכט ער זאל אום בצאלון אזו ווי ער האט אום גטון היינו עס איז גקומון דו צייט ער זאל אפ שוקון דעם רב זיין רח"ש אזו ווי עס קומט אום האט ער גנומון א שיין שטוק לעקוך אונ פון דעם בעסטון איין גומאכץ אונ צוואנצוג קערבלוך אוך אונ האט דאס ארוף גולייגט אויף איין הולצערנים טעלור אפרשמורטון אונ האט אום אובר גדעקט מוט אפרשמורט פישטוכעל אמיאום אין האט דם געשוקט מוט אמיאום יונגל וואס ער גיים נאקוט אונ בארוזים ווי דם יונגל האט דם אום געבראכט איז דער רב גווארון זייער אונ כעס נאר פון דעסט וועגון הט ער עס צו גנומון וויא ער הט אוף גדעקט דעם טעלור הט ער דער זעהון דעם לעקוך מוט איין גמאכטץ אונ דם געלה איז דאס אום זייער געפעלון נאר

ווערן אונ וועג דער תירוץ איז יעקב האט נאר בדיעה גהאט דאס יוסף זאל גיין בוז שכם אונ דרוף האט ער אום בלייט אונ יוסף איז ווייטור גגאנגון דרום האט דאס בלייטון אום נוט גהאלפון אונ דאס האט גאט אזו גופורט דאס יעקב זאל גאר אזו בדיעה האבון כדי יוסף זאל קומון קיין מצרים (ויתנכלו אותו להמיתו) דיא ברודער האבון גטראכט צוא טייטון יוסף אונ האבון אום נוט גוואלט טייטון מוט זייערו הענד אזו האבון זייא א"ף אום אן גרייצט בייזו הונט אבור גאט הט אום גהאלפון דרום האבון זייא גזאגט (ועתה לכו ונהרגהו) אונ אצונד דאס ער איז ניצול גווארון פון דוא בייזו הונט ווען מור אום הארגונון אזו האט גאט גזאגט (ונראה מה יהיו חלומותיו) מור וועלון זעהן וואס וועט זיין פון זיינו חלומות כלומר זיינו חלומות ווייזון דאס איר וועט אום נוט קענון טואון נייארט ער וועט זיין אשליט אובור אייך אונ וויא ראובן האט דאס דער הערט האט ער אום גוואלט מציל זיין פון זייא אונ האט גזאגט (לא נכנו נפש) לאס מור נוט הארגונון קיין נפש אונ ראובן האט גוואלט ווייזון פאר דיא ברודור דאס ער האט אום פיינט כדי זייא זאלון צוא הערון זיין עצה דרום האט ער גזאגט ווען אפילו ער זאל זיין איין פרעמדר גשוקט זוך אוך נוט מור זאלון הארגונון איין נפש אויך דרום האט ער נוט גזאגט (אל תשפכו דמו) איר זאלט נוט פאר גוסון זיין בלוט נייארט (אל תשפכו דם) פאר גוסט נוט קיין בלוט פון יקיין מענשון דען גאט וועט אייך שטראפון אונ נוט דאס אוך האב יוסף לוב נאר אוך מיין אייער טובה אונ ראובן האט זוך גטראכט אוך בון דער עלצטור זון אזו וועט מיין פאטור אוף מור ברוגז זיין וואס אוך האב אום נוט מציל גוועזן פון זייא אזו שרייבט דער בחיי אונ ראובן האט גזאגט (השליכו אותו אל הבור) ווארפט אום אריין אונ אגרוב דער חזקוני פרעגט עס איז דאך אונ דעם גרוב גוועזן שלאנגון וואס האט זיין עצה גהאלפון דער תירוץ איז ראובן האט גהייסון אום אריין ווארפון אונ איין גרוב וואס קיין שלאנגון זענון נוט דא אונ האט זוך גטראכט ווען דוא ברודער וועלון אוועק גיין וועל אוך אום ארום נעמון צוא אום קערון אום צו אונזר פאטר אבור דוא ברודור האבון אום דער נאך פון דעם גרוב ארום גונומון אונ האבון אום אריין גווארפון אונ אגרוב שלאנגון דרום שטייט ראובן איז גוקומון צוא דעם גרוב האט ער נוט גופונון יוסף אונ גרוב (ויפשיטו את יוסף את כותנתו) אונ זייא האבון יוסף אפ גצוגון זיין זיידון העמדול (ויקחוהו וישליכו אותו הבורה) אונ שמעון האט אום גונומון אונ הט אום אריין גווארפון אונ גרוב אריין (והבור רק אין בו מים) אונ דער גרוב איז גוועזן ליידוג עס איז אונ אום קיין וואסור נוט גוועזן איז קשה ווען עס שטייט דער גרוב איז גוועזן ליידוג ווייס אוך דאך וואל דס קיין וואסר איז נוט גוועזן אונ אום נאך וום שטייט נאך אין בו מים קיין וואסור איז נוט גוועזן אונ אום דער תירוץ איז דער פסוק ווייזט

אונז

אוהל יעקב

פון דרוסון אוז דאס גוועזן מיאוס אן צו קוקון אונ עטלובו טענ ארום הט זוך בגעגינט דער רב מוט דעם גביר זאגט דער רב צום גביר וואס הט איר גמיינט דיני מוט וום איר האט מור גשוקט אזו איין פאר שטורטן הולצערנים טעלור ענפורט אום דער גביר פר וואס האט איר מור גשוקט אזו איין גוטו מוריני אוף אזו איין מיאום פאפור דרום האב אוך אייך גטון וויא איר הט מור גטון דער גמשל איז האט דען גאט נוט גקאנט מאכון אז יוסף זאל מוט איין אנדער אופור קומון קיין מצרים נאר ווייל דוא ברודור האבון אום זייער פיינד גהאט ווענון זיינו חלומות אונ זייא האבון גוואלט מבטל זיין זיינו חלומות דרום האט גאט גפורט אז דורך זייא זאל יוסף קומון קיין מצרים איז זוך דוא עצה פון יהודה וום ער האט געבון אז מען זאל יוסף פר קופון קיין מצרים בייא גאט זייער גפעלון ווארום ער דארף זיין אונ מצרים כדי יעקב

אונז קיין וואַ סור איז ניט גיוועין אונ אים איבור שלאַנגין איז יוא גיוועין אונ אים נאר די ברודור האבין ניט גזעהין די שלאַנגין דען זיי זענין גיוועין אונ די לעכור דרום האבין זיי אים אהין אַריין גיוואָרפין איבור ווען זיי וואָלטין גזעהין די שלאַנגין וואָלטין זיי אים ניט אַריין גיוואָרפין אַהין אונ אַזו אויך שרייבט דער חזקוני ווען עס זאָל גיוועין זיין אונ דעם גרוב וואַסור וואָלטין זיי יוסף ניט אַריין גיוואָרפין אַהין דען זיי האבין גזאגט (וידינו אל תהי בו) צו דער הרגינין אים מיט אונזורי הענד ווילין מיר ניט אונ דער רמב"ן שרייבט די שלאַנגין זענין אַנטלאָפין אונ די לעכור דען ווען די ברודור וואָלטין גזעהין דם אונ דעם גרוב איז דא שלאַנגין אונ טון ניט צוא יוסף אַזו וואָלטין זיי פר שטנין דם יוסף איז אַצדיק אונ וואָלטין אים ניט פאַר קופט (וישבו לאכול לחם) אונ זיי האבן זוך גזעצט פון ווייטין צו עסין זיי זלין ניט הערין דם גשריי פון זייעור ברודור אַזו זענין גיקומין ישמעאלים פון דעם לאַנד גלעד אונ האבין גטראגין וואַקס אונ טרופ וואַקס אונ אַלטין ויין אונ זענין גגנגן קיין מצרים רש"י שרייבט דרום זאגט אונז דער פסוק ווָס די ישמעאלים האבין גטראגין צו ווייזן דם זכות פון יוסף דען די ישמעאלים פלעגין תמיד טראגין סחורה ווָס שטינקט אָבר אַצונד האט זוך גטראָפין דם זייא האבין גיטראגין סחורה וואס האט איין גוטין ריח כדי דער צדיק יוסף זאָל ניט פולין קיין מיאוסין ריח (וישמעו אחיו) די ברודור האבין צו גהערט צו יהודה אונ האבין מסכים גיוועין צוא פאַר קופין אים פאַר איין קנעכט דען זייא האבין גזאגט דוא קינדור פון אברהם דאַרפין זיין אונ גלות טאמיר וועט ער פאַר אונז אלו אפ קומין דען ער איז אויך פון די קינדור פון אברהם (וימשכו ויעלו את יוסף) רש"י שרייבט דוא ברודר האבין יוסף אַרוס גיצוגין אונ האבין אים פאַר קופט צו די ישמעאלים אונ די ישמעאלים צו די מדינים אונ די מדינים האבין אים פאַר קופט קיין מצרים אָבער דער חזקוני אונ דער בחיי שרייבין אַזו וויא דוא מדינים זענין צוא גיגאַנגין נאָהינט פון דעם גרוב אונ האבין גוהערט דאם גשרייא פון יוסף האבין זייא אים אַרויס

דא נעמט מען יוסף אַרוס פון דעם גרוב



גיצוגין אונ האבין אים פאַר קופט צוא די ישמעאלים אונ די ישמעאלים האבין אים גגעבין צורוק פאַר אַ יין פקדון צוא די מדינים אונ די מדינים מיט די ישמעאלים האבין אים פר קופט קיין מצרים דרום שטייט (והמדנים מכרו אותו לפוטיפר) די מדינים האבין אים פר קופט צו פוטיפר אונ דר נאך שטייט (ויקנהו פוטיפר מיד הישמעאלים) פוטיפר הט אים גקופט פון די ישמעאלים נאר דר תירוץ איז ער איז דורך זיי בידו פר קופט גוואָרין אונ דם ווָס יוסף הט גזאגט צו זיינו ברודור ביי זיין דר קענין צו זיי (אשר מכרתם אותי מצרימה) ווָס איר הט מוך פר קופט קיין מצרים דם הט ער גמיינט דורך דם ווָס איר הט מוך אונ גרוב אַריין גוואָרפן בין אויך וואָרין פר קופט קיין מצרים אבר די ברודור האבין ניט גוויסט ווי ער איז אַהין גקומין אונ ראובן הט זוך אים גקערט צו דעם גרוב אונ הט ניט גפונין יוסף אונ גרוב האבין אלו ברודור גטראַכט דאם

אהיה

אחיה הט אום אוף גגעסון דען זיי האבן נוט גוויסט אז די מדינים האבון אום ארוס גצוגון אונ נאך איין פשט אוז פוטיפר הט גזעהן דם יוסף אוז זייער שיין הט ער זוך גטראכט דם אוז נוט קיין קנעכט ער מוז זיין גגנבת הט ער גזגט צו די מדינים גוט מיר איין ערב דם ער אוז נוט גגנבת האבון זיי גבראכט די ישמעאלים דרום זאגט דער פסוק (ויקנהו פוטיפר מיד הישמעאלים) כלומר פוטיפר האט אום גקופט ווייל די ישמעאלים האבון ערב גוועזן אונ רבי איסריל שרייבט דיא ישמעאלים מוט די מדינים האבון גקופט יוסף פון די ברודור דען די ישמעאלים האבון גגעבון געלד פאר אום אונ דיא מדינים האבון אום ארוס גוצוגון פון דעם גרוב האבון די מדינים גזאגט מיר האבון אונ אום זוכה גוועזן ווייל ער אוז אונ אונזרו העגד האבון זיי זוך נוט גקענט פר גלייכון אונ האבון גזאגט לאמור אום פורון קיין מצרים אונ האבון אום דארטון פאר קופט דיא ישמעאלים האבון אפ גנומון זייער קרן אונ דם אובריגו האבון די מדינים גנומון אונ דר תולדות יצחק שרייבט די מדינים זענון גוועזן מעקלירם ביא די ישמעאלים דרום האבון זיי יוסף ארוס גוצוגון פון דעם גרוב צוא ווייזון דם ער אוז זייער שיין אזו ווי דער סדר אוז דם די מעקלורם ווייזון די סחורה אונ זיי פר קופון זוא פון זייערו העגד דרום זאגט דער פסוק (ויעברו מדינים וגו׳ וימשכו את יוסף וגו׳) די מדינים האבון

אום גוצוגון יוסף אונ האבון אום פאר קופט צו די ישמעאלים כלומר זיי זענון גוועזן די מעקלורם אונ די מדינים האבון אום ווידר פאר קופט צו פוטיפר כלומר זייא זענון אוך גוועזן מעקלורם דען די ישמעאלים האבון צוא זייא גזאגט אזו וויא איר זענט גוועזן מעקלורם צו אונז אזו זייט מעקלורם אונ העלפט אונז צוא פאר קופון אום אזו שרייבון דיא מפרשים נאך אפשט אוז די ישמעאלים האבון פר אום געלד גגעבון אונ האבון גזאגט צו די מדינים מיר ווייסון דם דוא מצרים וועלון יוסף נוט וועלון קופון ווייל ער אוז גמלות וועלון זיי מיינון דם אוז אמום ער וועט קיין קונדור נוט האבון דרום האבון זיי גזאגט נעמט יוסף אונ אייערו העגט גלייך ווי ער אוז אייער אונ פר קופט אום אונ מיר וועלון עדות זגון דם עס אוז איין מנהג צוא בשניידון דען מיר ישמעאלים האלטון אוך מצות מילה אונ מיר האבון דאך קונדור דרום זאגט דער פסוק (והמדינים מכרו אותו) דוא מדינים האבון אום פאר קופט צוא פוטיפר אונ דער נאך זאגט דער פסוק (ויקנהו פוטיפר מיד הישמעאלים) פוטיפר הט אום גקופט פון די ישמעאלים כלומר די ישמעאלים זענון דוא רעכטו הארון גוועזן צו פר קופון יוסף אונ די מדינים זענון גוועזן די מעקלורם (בעשרים כסף) די ברודור האבון אום פאר קופט פר צוואנצוג גוועכט זולבור דער חזקוני אונ דער בחיי שרייבון גאט האט גזאגט

אוהל

זאל קומון קיין מצרים נאר פאר מענשונס אונגון אוז דם זייער נוט רעכט גוועזן נאך מער וואס ער הט אפ גנארט דעם פאטור מוט דעם בלוט פון אצוקעלו אונ הט אום גזאגט (הכר נא) דרום האט אים גאט אוך אזו גטון אונ הט אום אוך אזו בצאלט ווייל פון יהודה בדארף ארום קומון משיח ווייל ער הט דער פולט גאטס רצון וואס יוסף אוז גקומון קיין מצרים נאר פאר מענשון אוז דאס אבזיון האט גאט גפורט אז דוא נאך זאל אוך גטון ווערון בבזיון ווארום פאר

יעקב

מענשון האט רוא נאך אום גוויזון חלילה וויא ונות נאר באמת הט גאט דם גוואלט אז עם זאל אזו גטון ווערון דם האט גאט גזאגט צו יהודה אוך שווער ווייל דוא האסט אפ גנארט דיין פאטור מוט אצוקלו אונ האסט אום גזאגט (הכר נא) וועט דוך דיין שנור אוך אפ נארון מוט אצוקעלו אונ זוא וועט דור אוך זאגון (הכר נא) אזו וויא פרור אוז גשטאנון הט אום גאט בצאלט מדה כנגד מדה ׃

אור האט פר קופט יוסף וואס ער איז איין בכור פאר צוואנציג גיוועזט זולבור דם איז פונוף סלעים דרום זאלט אור אוים לייזון איערו בכורים פאר פונוף סלעים אונ ווי ראובן איז גוקומון צו דם גרוב האט ער צוא רוסון זיינו קליידער אונ האט גזאגט דם קונד איז נוט דא (ואני אנה אני בא) אונ ווי אזו וועל אוך קענגן קומון צו מיין פאטר דען אוך בין דר עלצטער זון וועט דר פאטר אלין אונ מור אן הענגון דר חזקוני שרייבט ראובן הט מורא גהאט דם דער פאטר וועט זאגון דו האסט אום גהרגות ווייל דו בכורה איז ווארון אוועק גונומון פון דור אונ איז ווארון גוגעבון צו יוסף אונ ווי איז ראובן גיוועזן ווען דו ברודור האבון פר קופט יוסף ער האט דם טאג בדונט זיין פאטער דען אלו טאג הט איין אנדורר זון בדונט דעם פאטר אוך ער הט דם טאג תשובה גוטואון ווייל ער האט פאר שטערט דם בעט פון זיין פאטער אונ דו ברודר הבון גוקולוט אצוקלו (וישלחו את כתונת הפסים) אונ זיי האבון צוא שטאכון דם זידון העמדול (ויטבלו את הכתנת בדם) אונ הבון איין גטונקט דם העמדעל אונ בלוט כדי מען זאל מיינון דאס איין חיה רעה האט אום צוא רוסון דער חזקוני שרייבט נשלחו איז טייטש גשוקט זיי הבון דם העמדול דורך איין שליח גשוקט דען זיי האבון מורא גהט אלין דם העמדול צו טראגון ווארום דר פאטר וועט זאגון זיי הבון אום גהרגות

ווייל זיי הבון אום פיינט גהאט אונ דר בחיי שרייבט עס מוז גדרונגון זיין דם זיי הבון דם המדול גושוקט דורך איין שליח ווארום עס שטייט (הכתונת בנך היא) אוב דם איז דיין זונס העמדול אונ אוב דו ברודור הבון עס גברכט וואלטון זייא גדרפט זגון אוב עס איז דם העמדול פון יוסף ווארום עס איז נוט דער סדר פר איין פאטר צו זאגון דיין זונס אונ יעקב הט דם העמדול דער קענט אונ הט גזגט (חיה רעה אכלתהו) איין בייזו חיה הט אום אוף גגעסון דר מדרש זגט ער הט גזגט בנבואה דם פוטיפרם ווייב וואס איז גוגלעכון צוא איין בייזו חיה וועט אויף אום איין בלבול מאכון און ער וועט דורך אור אונ דר תפיסה אריין גווארפון ווערון (ויתאבל על בנו ימים רבים) אונ יעקב האט גטרויערט אוף זיין זון פול טעג כלומר צווייא אונ צוואנציג יאר אונ דם הט ער פאר זינדוגט ווייל ער איז גוועזן צוויי אונ צוואנציג יאר ביי לבן אונ וועג אונ האט זיין פאטער יצחק נוט מכבד גוועזן דען פערצון יאר האט ער גודינט פר דוא ווייבור אונ זעקם יאר פאר דוא שאף אונ צווייא יאר איז ער גוועזן אונ וועג אונ צוויי אונ צוואנציג יאר (ויקומו כל בניו וכל בנותיו לנחמו) אונ עס זענון אוף גשטאנון אלו זיינו זון אונ זיינו טעכטור צוא טריסטון אום דער בחיי שרייבט זיינו טעכטור מיינט מען דינה אונ סרח בת אשר אבר רש"י שרייבט

מיט

שלי"ה הקדוש

(ויַרא שם יהודה בת איש כנעני) אינ יהודה האט דארטון גזעהון איין טאכטור פון איין כנעני . דער פון לערנין אפ אונזרו חכמים אז אמענש דארף נוט מקדש זיין איין ווייב איידור ער זעהט זוא :

(וידע אונן) אונ אונן האט גוויסט . פון דוא מעשה פון ער אונ פון אונן זעהט מען וויא גרום דר חטא פון מוציא זרע לבטלה איז נאט האט זייא גשטראפט אונ זענון ביידו גשטארבון פר דעם חטא . אב גלייך דם איז גוועזן פר מתן תורה אונ דוא בני נח זענון גאר נוט פאר זאגט גוזארון דרוף . נאר ווייל זייא האבון גהאט פון דוא אבות בקבלה אז דאס איז אגרויסר חטא הט זייא גאט דערובר גשטראפט על אחת כמה וכמה דארפון מור וועלכו מור האבון מקבל גוועזן דוא תורה וואס זוא פאר זאגט אונז (ונשמרתם מכל דבר רע) מור זאלון זוך פון אלו שעדלוכו אונ שלעכטו זאכון הוטון אונ נזהר זיין פון דעם חטא ר"ל אפילו מוט ארעיון אודור אהרהור :

(לאיש אשר אלה לו אנכי הרה) פון דעם מאן צו וועלכון דוא זאכון גהערון בון אוך טראגון גווארון אונזערו חכמים זאגון לוזבור איז דעם מענשון ער זאל זוך לאזון אריין ווארפן אונ אקאלוך אובון איידר

מוט אויסלויבון זון אוז גבורן גווארן איין טאכטער אונ דער זון האט זוא גנומן פר אווייב אזו זאגט רבי יהודה אונ דער רמב"ן שרייבט דו זעקס קונדר פון לאה האבן גנומן דוא טעכטער וואס זענין גבארן גווארן מוט דוא אנדרו זעקס קונדר אונ דו אנדרו זעקס קונדר האבן גנומן דוא טעכטר וואס זענין גבארן גווארן מוט דוא קונדער פון לאה אונ רבי נחמיה זאגט דו קונדר פון יעקב האבן גנומן ווייבר פון דוא כנענים אונ דער פסוק רופט זייא טעכטור דען עס אוז דער סדר דאס דעם זונס ווייב רופט מען אוך טאכטור (וימאן להתנחם) אונ יעקב האט נוט גוואלט אן נעמן קיין טרייסטונג פרעגט רש"י דוא גמרא זאגט דאך דאס גאט האט גוזר גווען דאס אמת זאל ווערין פר געסן פון דעם הארץ אונ ווארום האט יעקב אזו פול גוויינט דער תירוץ אוז דוא גזירה אוז נאר אוף איין טוטן אבור יוסף האט דאך גלעבט דרום אוז ער נוט פאר געסן גווארן פון דעם הארץ אונ דרום הט יעקב לאנג גוויינט אוף אום אוז קשה ווען אונ איין טוטן פר געסט מען אונ יעקב האט אונ יוסף נוט פר געסן ווארום האט ער נוט פאר שטאנון דאס ער לעבט דער תירוץ אוז יעקב הט זוך גשטוסן דאס ער לעבט נאר ער האט גטראכט ער מוז זיין אונ אתפיסה אונ אין צרות דרום האט ער זייער גוויינט (כי ארד אל בני אבל שאולה) אוך וועל טרורון אוף מיין זון בוז אונ גרוב ארייין כלומר אוך וועל נוט פר געסן בוז אונ טוט ארייין אודור שאולה אוז טייטש גיהנם דען יעקב הט גזאגט גאט האט מור צו גזאגט דם קיין קונד וועט נוט שטארבון ביי מיין לעבון אונ דאס וועט זיין מיין סימן דם אוך וועל נוט זיין אונ גיהנם אונ היינט ווען יוסף אוז נוט דא האב אוך מורא דם אוך וועל קומון אונ גיהנם דר אבן שואב שרייבט דרום הט יעקב אזו גטרויארט אוף יוסף ווייל ער אוז נאך נוט אלט גווען קיין צוואנציג יאר שטראפט מען נוט קיין מענש אוף זיינו עבירות אזו הט ער גמוזט שטרבון אובר דעם פאטורס עבירות דרום האט ער אזו גטרויארט דר דבק טוב פרעגט ווארום אוז יעקב נוט גשטראפט גווארן אובור די פערציג יאר ווס ער אוז גווען אונ בית המדרש פון שם ועבר אונ הט נוט מכבד גווען זיין פאטור אונ מוטור דער תירוץ אוז דו פאטור אונ מוטור האבון גוואלט ער זאל לערנון תורה הבון זיי אום מוחל גווען זייער כבוד אונ ווארום אוז ער גשטראפט גווארן דר פר וואס ער אוז גווען ביי לבן אמער דו פאטור אונ מוטור הבון אום דאך גהייסון אהון גיין דר תירוץ אוז רבקה הט באלד נאך אום גשוקט דבורה ער זאל אהיים גיין אונ ער הט גזומט אונ הוז פון לבן צו געמון זיינו טעכטר דרום אוז ער גשטראפט גווארן (ויבך אותו אביו) אונ דר עלטר פאטור יצחק הט גוויינט אוף דעם צער פון יעקב דען ער הט גוויסט אז יוסף לעבט נאר ער הט נוט אום גזאגט אונ אזו אוך האט גאט גזאגט צו בנימין אז יוסף לעבט נאר ער האט נוט אוים גזאגט אונ דרום הט ער זוכה גווען דאס זיין שטיין נום אוז גזעסון אונ חושן הט

גהייסון

של"ה הקדוש

ער זאל איינום מבייש זיין ברבים. מיר זעהון אז תמר וואס מען הט זוא שון גפורט פאר ברענון אונ האט נוט גוואלט מבייש זיין אור שווער יהודה אונ הט זוך בעסור גוואלט לאזון פר ברענון:

(ויבא הביתה לעשות מלאכתו) אונ ער אוז אונ הויז ארייין גגאנגן זיין ארבייט טון. דער זוהר זאגט דם ווארט מלאכתו באטייט תורה אונ מצות ווייל דרונן בשטייט דוא גאנצו ארבייט פון דעם מענשון אוף דער וועלט דרום דארף דער מענש זוך שטארקון עוסק צו זיין בתורה אונ מצות צו טון כל זמן ער לעבט אונ זאל נוט פול אונ שוואך זיין אונ זיין ארבייט:

גדייסן ישפה דם איז צווייווערטור יש פה ער הט אמול אונ הט נוט אום גזאגט דאס יוסף לעבט (ויהי בעת ההוא וירד יהודה מאת אחיו) אונ וויא די ברודור האבון גזעהן דם צער פון זייער פאטר האבון זיי יהודה אראפ גווארפו פון זיין גדולה דען זיי האבון צוא אום גזאגט דו בוסט דר עלצטר איבר אונז דו האסט אונז גזאגט מען זאל אום נוט הארגונון האבון מור דוך גפאלגט ווען דו זאלסט גוועזן זגון מור זאלון אום אום קערון צום פאטער וואלטון מור דוך אויך גפאלגט אזו האט זוך יהודה אפ גשייד פון דוא ברודר אונ הט גונומון איין ווייב (בת איש כנעני) איין טאכטער פון איין סוחר אונ הט מוט איר גהאט דריי קונדר (ויהי ער בכור יהודה רע בעיני יי) אונ ער דער עלצטור זון פון יהודה איז גוועזן שלעכט אונ גאטס אוגון דען ער האט מוציא זרע לבטלה גוועזון אונ הט נוט גוועלט זיין ווייב זאל טראגון ווערון ווייל זוא איז זייער שיין גוועזן זוא זאל דאס שיינקייט נוט אן ווערון דרום הט אום גאט גוטייט פון דאנון לערנון מור אפ ווען איינר איז מוציא זרע לבטלה ווערט ער גטייט אונ דאס איז גוועזן דוא עבירה פון דור המבול אזו הט יהודה גזאגט צו זיין זון אונן זייא מייבם זיין ווייב אונ דו זאלסט אויף שטעלון קונדער צו דיין ברודר דם זיי זאלון ווערון גורופון אויף דיין ברודרס נאמון הט אונן גוטרכט אויך זאל הבון קונדר אונ מען זאל זיי רופון אויף מיין ברודרס נמון דרום הט ער אויך נוט גוועלט דם זו זאל טראגון ווערון הט גאט אום אויך גטייט אזו האט יהודה גזאגט צו זיין שנור תמר זוץ איין אלמנה בוז מיין זון שלה ווערט גרוס ווערון וועט ער דיך מייבם זיין אבר ער הט נוט גהאט בדיעה צוא געבון זו צו שלה ווייל עס איז שון ביי איר צוויי מאנון גשטארבון האט ער מורא גוהאט ווער זוא וועט נעמון וועט

מוזון שטארבון אונ אזו איז די דין ווען ביי איין אשה שטרבון צוויי מאנון טאר זו דם דרוטון מאן נוט נעמון דער רמב"ן פרעגט ווארום הט איר יהודה באלד נוט גזאגט דאס ער וועט איר נוט געבון שלה ווייל צוויי מאנון זענון ביי איר גשטרבון דר תירוץ איז שלה איז מחויב גוועזן צו מייבם זיין זוא נאר יהודה הט גטראכט ווייל ער איז נאך קליין אונ קען נאך קיין קונדר נוט האבון טאמר וועט ער אויך מוציא זרע לבטלה זיין אונ וועט אויך שטארבון אזו ווי זיינו ברודור אונ תמר הט גזעהן דם שלה איז שון גרוס אונ זו ווערט צו אום נוט גונומון אזו הט זו אראפ גווארפון אירו אלמנה קליידער אונ האט אן גוטון שיינו קליידר אונ הט זיך ארום גוויקולט מוט איין שלייער אונ האט זוך גזעצט אויף דם וועג וום יהודה הט גדרפט דארטון גיין ווארום זו איז גערון גוועזן צו האבון קונדור פון יהודה אונ יהודה איז פר איר פור גוגנגון אונ הט גומיינט דם איז איין זונה אונ הט זו נוט דער קענט ווייל זו האט צו גודעקט איר פנים אזו שרייבט רש"י אונ נאך איין פשט איז זוא הט צו גדעקט איר פנים אונ איר שווערם הויז דען זו איז גוועזן איין צנועה דרום הט ער נוט גוטראכט אז דם זאל זיין תמר דרום האט ער זוא נוט גקענט פון דאנו לערנון מור אפ דאס אמענש זאל זוך גוויינון צו דר קענון זיינו קרובים כדי ער זאל נוט קומון צוא איין עבירה מוט זייא אונ יהודה הט צו איר גזאגט (הבה נא) גרייט דוך אן אויך וועל ליגון מוט דור הט זוא גזאגט וואס וועסטו מור געבון דער פר הט יהודה גזאגט איך וועל דור שיקו אצוקולו פון די שאף הט תמר גזאגט גוב מור אמשכון זאגט יהודה וואס פאר אמשכון זאל אויך דור געבון זאגט תמר דיין פונגערל וום די חתמוסת דר מוט אונ דיין שטעקון אונ דיין קלייד מוט ציצית דען זו האט זוך גטראכט ווען ער

וועט אן נעמון דם קלייד מוט ציצית וועלן אום דו ציצית שלאגון אויף זיין פנים אזו ווי עס הט זיך גטראפן אז איינר הט איין זונה געגעבן פיר הונדרט גולדן פר איר שכר אונ ווי ער איז צו איר גקומן האבון אום דו ציצית גשלגון אויף זיין פנים בוז ער הט זיך אפ גשייד פון איר אונ תמר הט גנומון במשכון דו דרייא זאכון צו ווייזון דם איר כוונה איז נוט אזו ווי איין זונה נאר ווי אפרומו וואס דארף האבון חופה וקדושין דרום הט זו דם פונגערויל גנומון אויף דעם ארט פון קדושין אונ דעם שטעקון פאר דו שטאנגון צו דער חופה אונ דעם טלית פר אדעק אונ אין אשכנז איז נאך דער מנהג דאס מען מאכט איין חופה פון א טלית מוט ציצית (ויתן לה ויבא אליה ותהר לו) אונ יהודה האט איר דאס אלין געגעבון אונ איז גלעגון מוט איר אונ זו איז ווארן טראגן צו אום אונ דרום שטייט (ותהר לו) זוא האט גהאט אזעלוכו צדיקים ווי ער איז אונ תמר איז גגאנגון אהיים אונ הט אן גטון אירו קליידר פון אלמנות אונ יהודה האט גשוקט דם צוקולו אפ צו נעמון דו משכנות פון איר אונ מען האט זו נוט גפונון (ויוגד ליהודה לאמר זנתה תמר כלתך וגם הנה הרה לזנונים) אונ עס איז ווארון גזאגט צו יהודה דיין שנור תמר האט מזנה גוועזן אונ זו איז ווארון טראגון הט יהודה גזאגט לאז מען זו פאר ברענון רש"י שרייבט זוא איז גוועזן דוא טאכטור פון שם וום ער איז גוועזן איין כהן אונ איין בת כהן הט מען פר צייטון דן גוועזן מוט פאר ברענון דער רמב"ן שרייבט דער סדר איז גוועזן אונ אטייל מדינות ווען איין אשת איש איז מזנה גוט מען זוא איר מאן אונ דוא הענד ער זאל מוט איר טואון וואס ער וויל אונ תמר איז גוועזן גלייך ווי א איין אשת איש דען שלה האט זוא גדארפט מייבם צוא זיין דרום האט ער זוא גהייסון פאר ברענון (היא מוצאת) זו איז ווארון אום גוצוגון צו פר ברענון אונ זו הט גשוקט צו איר שווער צוא דעם וואס דוא דרייא זאכון זענון פון אום בון אויך ווארון טראגון דען זו האט זיך גטראכט וועט יהודה מודה זיין איז גוט אונ אוב נוט זאל מען מיך בעסור פר ברענון איי איך זאל אום מבייש זיין פון דאנון לערנון דוא חכמים אפ דאס אמענש זאל זיך בעסור לאזון אריין ווארפון אונ פייאור איי ער זאל דעם אנדרון מבייש זיין דער בעל הטורים שרייבט יהודה האט נוט גהייסון תמר פר ברענון נאר מען זאל איר איין צייכון אום ברענון אויף דעם פנים פאר אסימן דאס זוא איז איין זונה (הכר נא) תמר האט גזאגט דער קען פון וועמון דער חותם אונ דער שטעקון אונ דער טלית איז האט יהודה דער קענט אונ האט גזאגט (צדקה ממני) זו איז גרעכט מוט אירו רייד פון מיר איז זוא ווארון טראגון רש"י שרייבט אבת קול פון גאט האט גזאגט אויך האב אזו גוואלט דאס יהודה זאל ליגון ביי תמר כדי עס זאלון פון איר צדיקים ארוס קומון ווייל זוא איז גוועזן איין צנועה אונ איר שווערס הוז דרום זאלון פון איר ארוס קומון מלכים צווישון ישראל דער רמב"ן שרייבט צדקה ממני איז טייטש זו איז גרעכט פון מיר דען מיין דעה איז גוועזן מקיים צו זיין דו מצוה פון יבום דען דער סדר איז גוועזן אקרוב האט מייבם גוועזן אפילו אשווער אונ אזו אויך שרייבט דער חזקוני דם דרום האט מען יהודה נוט פר ברענט וואס ער האט מזנה גוועזן מוט זיין שנור דען ווייל זוא האט קיין קונדר נוט גהאט האט ער זוא גמעגט מייבם זיין אזו איז דענם מאל דער סדר גוועזן נאך אתירוץ זאגט דער חזקוני ווייל תמר איז נאך איין בתולה גוועזן אזו איז זו נאך נוט גוועזן דו קונדרם ווייב דרום האט ער זוא גמעגט נעמון נאך אפשט זאגט דער חזקוני (צדקה ממני)

תמר איז גרעכט דען זי וויל קונדר האבין פון מיר אונ זיא האט מורא טאמיר וועט שלה אויך אזו טון וויא זיינו ברודיר וועט זיא קיין קונדיר נוט האבין נאך אפשט איז (צדקה ממני) היינו מיר מיז זיא בלייבין גרעכט ווארום וועין איך וועל אויף איר עפים פסקינון וועט דער פסק אויף מיר איך זיין (ולא יסף עוד לדעתה) אונ יהודה האט זיא מיין נוט בשלאפין דען ער האט מורא גהאט דאס זי טייט מאנין איך האט ער זיך גשעמט ווייל זיא איז גוועין זיין שנור אזו שרייבט דער חזקוני (והנה תאומים בבטנה) אונ דיא הייבום האט איר גזאגט זיא האט איין צווילינג אונ איר בויך אונ איין קונד האט אים גיצוגין זיין האנד האט דיא הייבום אן גבונדין אים איין רוטין פאדום פאר אסימן דאס ער איז דער בכור ער וועט ארום גיין צום ערשטין דער נאך איז ארום גגאנגין זיין ברודיר האט מען אים גרופין פרץ דאס איז טייטש שטארקין כלומר ער האט זיך גשטארקט איבור זיין ברודיר דער נאך איז ארום גגאנגין דאס קונד וואס איז גוועין מיט דעם רוטין פאדום האט מען אים גירופין זרח דאס איז טייטש שיינין ווייל עס האט אויף אים גשיינט דער רוטיר פאדים (ויוסף הורד מצרימה) אונ יוסף איז גקומין קיין מצרים אונ הויז פון פוטיפר אונ אלין וואס ער האט גוטין האט באגליקט אונ זיין האנד (וירא אדוניו כי יי אתו) אונ זיין האר האט גזעהין דם גאט איז מיט אים רש״י שרייבט דאס איז גמיינט דער האר האט גזעהין וויא יוסף דער מאנט אלין דעם נאמין פון גאט נאך איין פשט איז תמיד ווי יוסף איז גגאנגין האט ער אלין מיט זיין מול גרעט אזו וויא איין מכשף האט זיין האר גזאגט זעגין דען ווייניג מכשפים אונ מצרים וואס דיא טוסט כישוף אזו האט גאט גשטעלט איין וואלקין בייא יוסף וויא יוסף איז גגאנגין איז דער וואלקין

אים נאך גגנגין אזו הט דער האר גזעהין דם גאט איז מיט אים אונ דער האר הט אים גזעצט איבור גאר זיין הויז אונ זיינע אוצרות אונ גאט הט גבענשט דם הויז פון דעם הארין פון וועגין יוסף אונ דער האר האט זיך אויף אים פר לאזט מיט אלין וואס ער האט אונ הויז אונ אונ פעלד אונ האט קיין מאל פון אים קיין חשבון נוט אפ גנומין ווייל ער האט גזעהין דם גאט איז מיט אים דער בחיי שרייבט דאס וואס דער פסוק זאגט (בבית ובשדה) דם ווייזט דאס יוסף איז גוועין אונ הויז פון פוטיפר איין יאר אזו וויא מען ארבוט זעקס חדשים אונ פעלד אונ זעקס חדשים אונ הויז אונ דער נאך איז ער גוועין צוועלוף יאר אונ תפיסה דען דרייצין יאר האט גווערט זונט ער איז אוועק פון זיין פאטור ביז ער איז איין שליט גווארין אונ יוסף האט נאר גצאלט זיין עלוף יאר אונ הויז פון פוטיפר אזו וויא דיא עליף שטערין האבין גוויזין דם אונ עלוף יאר וועט ער איין שליט זיין נאר ווייל ער הט זיך פאר לאזט אויף דעם שר המשקים דאס ער וועט אים דער מאנין פר פרעה צוא אים צו זיהן אים פון דער תפיסה אונ האט זיך נוט פר לאזט אויף גאט דאס ער וועט אים העלפין דרום איז ער נאך צוויא יאר גוועין אונ דער תפיסה (כי אם הלחם אשר הוא אוכל) רש״י שרייבט דער האר האט אלין גגעבין אונ דער האנד פון יוסף נאר נוט דאס ווייב אונ דער רמב״ן מיט דעם חזקוני שרייבין דוא מצרים לאזין קיין יהודי נוט אן רורין אונ זייער ברוט דען זיי האלטין זיי פאר אום ריין אזו וויא אונ מקין שטייט (כי לא יוכלון המצרים לאכול את העברים לחם) דוא מצרים קענין נוט עסין מיט קיין יהודים ברוט דרום שטייט דם אלין הט דר האר גגעבין אונ דער האנד פון יוסף נאר דם ברוט הט ער נוט גגעבין אונ זיין האנד דר ת לדות יצחק שרייבט

(וַיְהִי מַצְלִיחַ בְּיָדוֹ) אוז טייטש אוף וואס יוסף האט זיין האנד געלייגט אוז געווען גרוים מזל דרונען נאך איין פשט שרייבט דער תולדות יצחק דער סדר אוז דאס איין סוחר מוז צוא צייטן זיין סחורה אום האלטן כדי ער זאל געווינען אונ אור אבער יוסף האט גוהאט גרוים מזל דאס זיין סחורה אוז פון דר האנד גוגאנגן נאך איין פשט שרייבט דער רמב״ן (כִּי אִם הַלֶּחֶם אֲשֶׁר הוּא אוֹכֵל) דער האר האט נוט גופונן דאס יוסף זאל עפעס פון זיינם נעמן נאר ברוט וואס איין מענש מוז עסן אונ ער אוז נוט נאך גגאנגן נאך תענוגים חמשו ער האט גהאט אלדוס גוטס אונ זיין האנד אזו גטריי אוז ער געווען דעם הארן (וַיְהִי יוֹסֵף יְפֵה תֹאַר) יוסף אוז זייער שיין געווען אונ דורך דעם האט פוטיפרם ווייב געוואלט לוגן מיט אום דר מדרש שרייבט יוסף האט געזעהן דאס דער האר האלט אום חשוב האט ער זיך אן גוהובן צו צירן האט גאט גזאגט דיין פאטער טרויערט אונ דו צירסט דיך איך וועל אוף דיר אן רייצן דיין הארנס ווייב דאס זי וועט מיט דיר וועלין לוגן אונ דו וועסט קומן אונ דר תפיסה דורך דעם (וַתֹּאמֶר שִׁכְבָה עִמִּי) האט גזאגט זיין הארנס ווייב לוג מיט מיר (וַיְמָאֵן וַיֹּאמֶר אֶל אֵשֶׁת אֲדֹנָיו) האט ער נוט געוואלט אונ האט גזאגט צוא זיין הארנס ווייב מיין האר אוז אלו מאל געוויינטליך ביא דיר ווי זאל איך ביי דיר לוגן דר רמב״ן שרייבט דרום זאגט דר פסוק אֵשֶׁת אֲדֹנָיו צו ווייזן האטשו זי אוז געווען זיין הארנס ווייב אונ יוסף האט גמוזט פר איר מורא האבן אובר אונ דר זאך האט ער פר איר קיין מורא נוט גהאט נור פר גאט דר בחיי ברענגט איין מדרש דאס עם האט זיך צו יוסף בוויזן דאס געשטאלט פון זיין פאטר אונ האט אום גזאגט דיינע ברודרס נעמן וועלן אום גקריצט זיין אוף דעם קלייד פון דעם כהן גדול ווען ער וועט מקריב זיין קרבנות אונ אוב דו וועסט עובר זיין אוף זנות וועט דיין נאמן נוט זיין אום גקריצט צווישן זייא דרום האט ער נוט געוואלט לוגן מיט איר דר תולדות יצחק שרייבט (כִּי אִם אוֹתָךְ בַּאֲשֶׁר אַתְּ אִשְׁתּוֹ) אוז דר פשט יוסף האט גזאגט מיין האר האט אלין געגעבן אונ מיין האנד אפילו דיך ווען דו דארפסט קליידר אונ צורונג מוזטו קומן צו מיר אונ איך האב אונ דר האנד צו געבן דיר אודר ניט נור דאס וואס דו בוסט זיין ווייב צו לוגן מיט אום דאס בין איך נוט דר בחיי אונ דר תולדות יצחק שרייבן פון דעם מדרש וועגן דאס זיין הארינס ווייב האט גזאגט צו אום וואריום ווילסטו ביי מיר נוט לוגן עס אוז דאך קיין מענש נוט דא האט יוסף איר געענפערט אַ יערו אלמנות אונ בתולות זענען אסור צו אונז אונ מכל שכן דו וואס דו בוסט איין אֵשֶׁת אִישׁ (וְחָטָאתִי לֵאלֹהִים) איך וועל זונדיגן צו גאט דער חזקוני שרייבט דאס זי האט צו אום גזאגט עס אוז קיינר נוט דא האט ער גזאגט גאט ווייסט אלץ אונ רש״י שרייבט יוסף האט איר גזאגט איך אוז אוך פר באטן מיט איין פרעמדן מאן צו לוגן (לִשְׁכַּב אֶצְלָהּ וגו׳) אונ יוסף האט נוט געוואלט לוגן מיט איר אוף דר וועלט ער זאל מיט איר נוט זיין אוף יענר וועלט ווען ווער עס לוגט ביי איין אֵשֶׁת אִישׁ דער קומט מיט איר אונ גיהנם דר בחיי שרייבט דרייא נאמנים אוז פר האנדן אוף דער וועלט אבעל הבית וואס גיט רעכט מעשר פון זיינם אונ אמענש וואס האט נוט קיין ווייב אונ אוז צווישן זונות אונ אוז מוט זיי נוט מזנה אונ איין עני ווען מען גוט אום געלד צו בהאלטן אונ ער גוט עם ווידר אפ אזו אויך יוסף אוז אלט געווען זובוצון יאר אונ אוז געווען צווישן זונות אונ מצרים אונ אוז געווען אנאמן אונ האט זיי נוט אן גורורט אונ זיין הארס ווייב האט אום זייער גוצורט אונ דר פריא אוויים העמד אונ אוף דר נאכט דו אנדורו אונ זי האט אום גחנפות ער זאל ביי איר לוגן דען זי האט געזעהן

אוף

אוּךְ דִי שְׁטֶערְן אַז זִי וֶועט פוּן יוֹסֵף הָבּן קִינְדֶר אָבּר דִי שְׁטֶערְן הָבּן גְוִויזְן דָּס פוּן אִיר טָאכְטֶר וֶועט עֶר קִינְדֶר הָבּן דֶעןְ יוֹסֵף הָט גְלֶערְנְט דֶעם הַאֶרְם טָאכְטֶר אָמוּנַת אֵל חַי אוּנ הָט זִי גְנוּמְן פַר אַוַוייבּ (וַיְהִי כְּהַיּוֹם וגו׳) רש״י שְׁרַייבְּט עֶס אִיז גְוֶועןְ בַּיי דִי מִצְרַיִים אַפַּייֶער טָאג אַזוֹ זֶענְן אַלִי גְגַנְגְן אוּנ זַייעֶר בֶּעט הוֹז אַרַיין אוּנ זִי הָט קֵיין כֹּחַ גְהַאט צוּ גֵיין דֶען זִי הָאט זִיךְ גְטַראכְט הַיינְט אִיז צַייט יוֹסֵף אִיבּר צוּ רֶעדְן אוּנ זִי הָאט צוּ אִים גְזָאגְט הַיינְט אִיז קֵיינֶר נִיט דָא הָט זִי אִים אָן גְחַאפְּט בַּיי זַיין קְלֵייד אוּנ הָאט גְזָאגְט דוּ מוּזְט מִיט מִיר לִיגְן :

דָּס אִיז וִוי פּוֹטִיפַרְס וַוייבּ הַאפְּט אָן צוּ יוֹסֵף



(וַיַּעֲזוֹב בִּגְדוֹ בְּיָדָהּ) הָט יוֹסֵף גְלָאזְט דָּס קְלֵייד אוּנ אִיר הַאנְד אוּנ אִיז אַרוֹס גְלָאפְן אוּף דֶר גַאס דֶען דֶר יצה״ר הָט גְבְּרֶעןְט אוּנ אִים אוּנ זִי הָט אִים שׁוּר אִיבֶּר גְרֶעט צוּ לִיגְן בַּיי אִיר וַוייל זֵיי זֶענְן גְוֶועןְ אַלֵיין אוּנ אַחֶדֶר דְרוּם אִיז עֶר אַרוֹס גְלָאפְן דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דָּס אִיז גְוֶועןְ אַצְדָקוֹת פוּן יוֹסֵף דָּס עֶר הָט אָן גוּטְן כָּבוֹד זַיין הַאֶרְס וַוייבּ אוּנ הָט דִי קְלֵיידֶר בַּיי אִיר נִיט אִים גְרִיסְן אוּנ וִויא זִי הָט גְזֶעהְן אַז יוֹסֵף אִיז אַרוֹס גְלָאפְן (וַתִּקְרָא לְאַנְשֵׁי בֵּיתָהּ) דֶר חִזְקוּנִי שְׁרַייבְּט זִי הָט גְרוּפְן צוּ אִיר הוֹזְגְזִינְד אוּנ הָט זֵיי גְזָגְט יוֹסֵף הָט אִים גוּטְן זַיינֶע קְלֵיידֶר אוּנ הָט גְוָואלְט מִיט גְוַואלְד בַּיי מִיר לִיגְן אוּנ וִוי עֶר הָט גְזֶעהְן דָּס אוּךְ שְׁרַייא הָט עֶר גְלָאזְט זַיינֶע קְלֵיידֶר בַּיי מִיר אוּנ אִיז אַרוֹס גְלָאפְן אוּנ אַז דֶר הַאֶר אִיז גְקוּמְן אוּנ אִיז מִיט אִיר גְלֶעגְן הָאט זִי גְזָגְט (כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה וגו׳) זֶעלְוִיכֵי זַאכְן הָט מִיר גוּטְן דַיין קְנֶכְט אוּנ וִוי אוּךְ הָאבּ אָן גְהוֹבְּן צוּ שְׁרַייאַן אִיז עֶר אַרוֹיס גְלָפְן (וַיִּתְּנֵהוּ אֶל בֵּית הַסֹּהַר) מֶען הָט יוֹסֵף גְגֶעבְּן אִין דֶער תְּפִיסָה דֶר חִזְקוּנִי שְׁרַייבְּט דְרוּם הָט מֶען אִים נִיט גְהַרְגוֹת וַוייל עֶס אִיז קֵיין עֵדוּת נִיט גְוֶועןְ אוּנ דִי גְמָרָא זָאגְט מֶען הָט יוֹסֵף גְבְּרַאכְט צוּא מִשְׁפּוּטְן הָט דֶר מַלְאָךְ גַבְרִיאֵל זִיךְ פַר שְׁטֶעלְט פַר אַשֵׁר אוּנ הָט גְזָאגְט וֶוען מֶען וִויל גְוָואר וֶוערְן וֶוער גְרֶעכְט אִיז זָאל מֶען בְּרֶענְגְן דִי קְלֵיידֶר וֶוען אִירֶע קְלֵיידֶר זֶענְן צוּ רִיסְן הָט עֶר מִיט אִיר גְוָואלְט מִיט גְוַואלְד לִיגְן אוּנ אוּבּ זַיינֶע קְלֵיידֶר זֶענְן צוּרִיסְן הָאט זִי מִיט אִים גְוָואלְט מִיט גְוַואלְד לִיגְן הָט מֶען גְפוּנְן דָּס זַיינֶע קְלֵיידֶר זֶענְן גְוֶועןְ צוּ רִיסְן אַזוֹ הָבּן זֵיי אִים רֵיין גְמַכְט נוּר זֵיי הָבּן גְזָגְט וֶוען עֶר וֶועט גָאר רֵיין אַרוֹס וֶועט דֶער אִשָׁה זַיין אַחֶרְפָּה דֶען מֶען וֶועט זָגְן זִי אִיז אַזוֹנָה דְרוּם לָאז עֶר זִיצְן אוּנ תְּפִיסָה אוּנ וַוייל דִי כּוֹמְרִים הָבּן רֶעכְט גְפַּסְקוֹת הָט זֵיי יוֹסֵף גְגֶעבְּן גִוּנוּג בְּרוֹט אוּנ הוּנְגֶר אַז עֶר אִיז אַשַׁלִיט גְוָורְן (וַיְהִי שָׁם בְּבֵית הַסֹּהַר) מֶען הָט יוֹסֵף גְזֶעצְט אוּנ דֶער תְּפִיסָה דוֹרְטְן וִוי הַאֶרְן פְלֶעגְן צוּ זִיצְן וִוי גַאנְץ לֶעבְּטוּג אִיז (וַיְהִי יְיָ אֶת יוֹסֵף) אוּנ גָאט אִיז גְוֶועןְ מִיט יוֹסֵף אוּנ דֶער תְּפִיסָה (אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה) נָאךְ דִיא דָאזִיגֶע רֵייד וָוס פּוֹטִיפֶרְס וַוייבּ הָט גְמַכְט דָאס דִי לַייט הָבּן אַלֵיין גְרֶעט פוּן יוֹסֵף (חָטְאוּ מַשְׁקֵה וגו׳) הָאט גָאט גְמַאכְט דָאס דֶער שֶׁענְקֶער פוּן דֶם מֶלֶךְ מִצְרַיִם מִיט דֶעם בֶּעקֶער הָאבְּן פַר זִינְדִיגְט צוּא זַייעֶר הַאֶר צוּ דֶעם מֶלֶךְ כְּדֵי לַייט זָאלְן רֶעדְן פוּן זֵיי אוּנ זָאלְן פַאר גֶעסְן אוּנ

יוסף און דער מלך האט זיי געגעבן און דער תפיסה נור דער שענקר איז פריי גוואָרן ווייל ער האט ניט זייער גזונדיגט דען אפליג איז געפונן גוואָרן און זיין בעכר וויין וואס מען קען זיך דער פון ניט אפּ היטן און עס קען זיין דאס עס איז אריין געפאלן און דם בעכר ווען ער איז גוועזן און דער האנד פון דם מלך אבער דער בעקר האט מער גזונדיגט דען מען האט געפונן אשטיק ערד און ברוט וואס מען קאן זיך דער פון אפּ היטן האט מען אום גהאנגן און די צווייא הערן האט מען גזעצט און דר תפיסה ווי יוסף איז געזעסן און דר הער פון דער תפיסה האט בפולן אויף יוסף ער זאל זיי בדינען און זיי זענן גוועזן איאר און דער תפיסה און די הערן האט זיך גחלומת אחלום אויף זיך און ווס דעם חברים חלום בטייט און יוסף איז געקומען צו זיי און דר פרו (והנה זועפים) און זייא זענן גוועזן טרויריג האט ער זיי גפרעגט וואס זענט איר טרויריג האבן זייא גזאגט עס האט זיך אונז גחלומת אחלום און קיינר האט אום ניט צו בשיידן ווייל מיר זענן און דער תפיסה אזו שרייבט דער חזקוני האט יוסף גזאגט זאגט מיר דעם חלום טאמער וועט גאט געבן דאס איך וועל אום קענן בשיידן האט דר וויין שענקר גזאגט עס האט זיך מיר גחלומת דם איין שטאק שטייט פאר מיר און און דם וויין שטאק זענן דריי צווייגן און זיי האבן גוטן בלואן און עס איז באלד פארטיג גוואָרן וויין טרובן און איך האב גנומן דם בעכר וויין פון דם מלך און האב און אום גקוועטשט די וויין טרובן און האב דעם בעכר גגעבן אויף דער האנד פון פרעה האט יוסף גזאגט דוא דרייא צווייגן זענן דרייא טעג דען נאך און דרייא טעג וועט דיך פרעה ווידר נעמן צוא זיך און דו וועסט זיין אשענקר ביי אום אזו וויא פרויר נאר דוא זאלסט מיך געדענקן און זאלסט

מוט מיר חסד טון און מאך מיך אויס צוהן פון דער תפיסה (כי גנב גנבתי וגו׳) דען איך בין וואָרן גגנבת פון דעם לאנד פון יהודים און ווייל ער האט זיך ניט גשעמט צו זאגן צווישן מצרים דם ער איז פון דעם לאנד פון יהודים דרום האט ער זוכה גוועזן צוא בגראבן ווערן און ארץ ישראל אבור משה האט ניט גזאגט זיין לאנד אזו ווי און פסוק שטייט דוא טעכטור פון יתרו האבן גזאגט (איש מצרי) האט אונז מציל גוועזן און משה האט זיך ניט גלאזט דער קענן דאס ער איז איין יהודי דרום האט ער ניט זוכה גוועזן צוא בגראבן צוא ווערן און ארץ ישראל (וירא שר האופים כי טוב פתר) און דער בעקור האט גזעהן דאס יוסף האט גוט בשייד דעם חלום רש״י שרייבט ווייל דאס בשיידוניש האט זיך אום גחלומת דאס דער שענקור וועט ארוס פון דר תפיסה בשלום (ויאמר אל יוסף) האט דר בעקור גזאגט צוא יוסף מיר האט זיך גחלומת דאס איך טראג דרייא קארב ברוט אויף מיין קאפ און אין דעם אייבערשטן קארב איז אלו גוטו עסן שפייז פון דעם מלך און איין פויגל עסט דער פון האט יוסף געענפערט דוא דרייא קארב זענן דרייא טעג דען נאך און דרייא טעג וועט דיך פרעה היישן הענגן און די פייגל וועלן עסן דיין פלייש (ויהי ביום השלישי) און עס איז גוועזן און דעם דריטן טאג דאס איז גוועזן דער טאג וואס פרעה איז מלך גוואָרן האט ער גמאכט איין גרוסו סעודה צוא זיינו קנעכט און האט דוא צווייא הערן אויך דער מאנט און האט דעם שענקור אום גקערט אויף זיין ערשטען שררה שאפט און דעם בעקור האט ער גהאנגן (ולא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו) און דער שר המשקים האט ניט גדענקט דאס גוטס וואס יוסף האט אום גטון דאס ער האט זיין חלום צו גוטן אום גוליגט דאס ער זאל אום דער פר

גוטין טאן נייערט ער האט אום פר געסון אונ וייל יוסף האט זוך פר לאזט אויף דעם שר המשקים אוז ער צוויא יאר לענגור געזעסון אונ דער תפיסה דרום זאל מען זוך מער נוט פאר לאזון נאר אוף גאט :

הפטרת וישב

(כה אמר יי) אזו האט גאט גזאגט אויף דרייא זונד פון ישראל האב אוך שון מוחל גוועזן אונ אויף דער פערדור זונד דארף אוך דאך זיי שון נוט אום קערון ליידונג צו צאלן זיי דרוף אונ מכל שכן דם זיי הבון נאך מער גיזונדוגט דרום וועל אוך זייא שטראפון (על מכרם בכסף צדיק) וייל זייערו דיינים פר קופון פר געלד פון שוחד דעם גרעכטון וואס אוז גרעכט אונ דין אונ דעם משפט פון דעם אביון נייגון זייא צו בייזון כדי ער זאל מוזון פר קופון זיין פעלד וום ער האט צווישון דו פעלדור פון דו דיינים אונ וייל ער אוז אונ אנוט קופט דער דיין דאס פעלד פאר ווייניג געלד דרום טאן זיי דם כדי זיי זאלון זוך צו שליסון זייערו פעלדר קיין אנדר פעלד זאל ניט מפסיק זיין צווישון זייא אונ זייא זענון אזעלכו שלעכטו לייט (השואפים על עפר ארץ בראש דלים) וום זיי גלוסטון אויף דר ערד וום זיי גייאון אויף אור דארטון גליסטון זייא אונ טרכטון אלץ אוף דו קעפ פון דו ארומו לייט ווי אזו זיי זלון זיי בגזלנון אונ זלון צו נעמון וום זיי הבון אונ דו שלאפו לייט נייגון אוועק פון דעם גלייכון וועג צוא גיין אונ אקרומון וועג פון וועגון זייער מורא אונ אזוהן אונ זיין פאטור גייאון צוא איין נערה המאורסה פון וועגון צו פר שוועכון מיין היילוגון נאמון (ועל בגדים) אונ אויף גמשכנתו קליידור נייגון זייא זוך אונ לעהנון זוך אן כלומר זיי מאכון חובות ביי ארומו לייט אונ דער נאך נעמון זיי אוועק זייערו קליידר פר משכנות אונ פר שפרייטון זיי אויף זייערו בעטון אונ לעהנון זיך אן אוף זיי ביי דוא סעודות וום זיי עסון ביי אלו מזבחות פון דר עבודת גלולים אונ גקנסתן ויין טרונקון זייא אונ דעם הויז פון זייער עבודת גלולים כלומר זייא קנסון דוא ארומו לייט זיי זלון געבון געלד אונ טרונקון דער פר ויין (ואנכי השמדתי את האמורי מפניהם) אונ אוך הב פר טולוגט דם אמורי פון פר זיי וום אזו ווי דו הייך פון טענון ביימור אוז גוועזן זיין הייך אונ ער אוז גוועזן שטארק ווי דוא לונדון ביימור אונ אוך האב פר טולוגט זיינו פירות פון אובון דם זענון דו שרים פון דעם הומול אונ זיינו וורצלון פון אונטון דם זענון זיינו גבורים וום זענון אויף דער ערד (ואנכי העליתי אתכם וגו') אונ אוך האב איך אויף גברכט פון לנד מצרים אונ הב איך גופורט אין דער מדבר פערצוג יאר צוא ירשונון דם לאנד פון אמורי (ואקים) אונ אוך האב אויף

נשטעלט

נופת

כה אמר יי על שלשה פשעי ישראל וגו' על מכרם בכסף צדיק וגו' (עמוס ב') דם טייטש אזו הט גזאגט גאט אוף דרייא זונד בון אוך דוא ישראל מוחל אונ גוט אוף דער פערדר היינו פאר וואס דוא שבטים האבון פר קופט פר געלט דעם יוסף הצדיק ר' שמעון זאגט דוא שכינה הט אוך מסכים גוועזן צו זייא וייל זייא זענון גוועזן צעהון לייט אונ צווישון צעהון רואוט דוא שכינה אונ בשעת זייא האבון צווישון זוך אפ גמאכט מוט אשבועה אז זייא זאלון דם פאר קיינום נוט מגלה זיין האבון זייא דוא שכינה דער אונטר אוך אריין גנומון אונ דו שותפות אוף דאס וייזט דוא פונטלוך אוף דם ווארט את אונ דעם פסוק וילכו אחיו לרעות את צאן אביהם בשכם מרבה צו זיין דוא שכינה הקדושה אונ דרום דוא גאנצו צייט האט זוך דער רוח נבואה אפ גטאן פון יעקב אבינו בוז וואנון

צופים

ער הט באמומון אידיעה פון יוסף דאמאלם שטיים גשריבון ותחי רוח יעקב אביהם אצונד האט אוף גלעבט זיין רוח נבואה אונ הקב"ה הט זוך תיכף צו אום באוויזון ווי עס שטייט דארטון (ויאמר אלהים לישראל וגו') דער מוט אוז רעכט וואס יעקב האט גשוקט זיין גלובטון זון יוסף צו דוא ברודר הגם ער הט גוואוסט קלאר אז זייא זענון אום גרוסו שונאים וייל ער הט דוא שבטי יה גוט גקענט פאר וויכטונג צדיקים וחסידים אונ האט זייא גאר נוט חושד גוועזן דם זייא וועלון אום עפוס בייז טאן נייערט הקב"ה אליין הט דאס גורם גוועזן כדי עס זאל מקוים ווערון זיין גזרה פון בין הבתרים כי גר יהיה זרעך וגו'. אשכחנא בספרי קדמאי מור גפונון אונ אלטו ספרים אזו דם דוא מצרים האבין בדארפט פרוער גוועלטונגון אובור יוסף ווען נוט וואלטון דיא ישראל אייבוג

גשטעלט פון אייערו זון צו נביאים און פון אייערו יונגנו לייט צו זיין אפ גשייד כלומר צו לערנון זיי זאלון אפ גשייד זיין פון דר וועלט אונ זאלון עוסק זיין אונ דער תורה (ואקים מבניכם לנביאים ומבחוריכם לנזירים האף אין זאת בבני ישראל) אוז דען דאס אויך נוט גוועזן צווישון ישראל זאגט גאט קענט איר דען דם לייקנון עס איז נוט אזו גוועזן דען עס איז דאך גווים אזו גוועזן אונ וום הט איר גטאן קענון דער טובה (ותשקו) אונ איר האט אן גטרענקט דו נזירים מוט וויין כדי זיי זאלון שוכור זיין אונ זלון אוך נוט קענון לערנון דען אשוכור טאר נוט פסקונון אונ אוף דו נביאים האט איר גבאטון צוא זאגון איר זאלט אונז קיין נביאות נוט זאגון דרום (הנה אנכי) וועל אוך גאט ענג מאכון אונטר אייך אזו ווי עס טוט ענגון דר וואגון וום איז פול מוט גרבון וועגון דר משא וום אוף אום איז (ואבד) אונ עם וועט פר לורון ווערון דם אנטלופונג פון דעם גרונגון דם ער וועט נוט האבון ווי אהון צו אנטלופון אונ דער שטארקור וועט נוט קענון שטרקון זיין כח אונ דער מלחמה אונ דר גבור וועט נוט קענון אנטרונון זיין לייב (ותופש הקשת) אונ דער בונון האלטור וועט נוט קענון בשטיין אונ דר מלחמה אונ דער וום איז גרונג מוט זיינו פוס וועט נוט קענון מאכון אנטרונון זיין לייב (ואמיץ לבו) אונ דער וום זיין הארץ איז שטרק צווישון דו גבורים וועט נאקוט אנטלופון אונ דעם דאזוגון טאג

אזו זאגט גאט (שמעו את הדבר אשר דבר יי) הערט צו דוא דאזוגו זאך וום גאט הט גרעט אויף אייך בני ישראל אזו זאגט גאט אוף דר גאנצר משפחה וום איך האב גבראכט פון לאנד מצרים רייד איך צוא זאגון (רק אתכם) נאר אייך הב איך ליב גהאט מער פון אלו משפחות פון דר ערד אונ איר האט אונ מור מורד גוועזן דרום וועל איך גדענקון אויף אייך אלו אייערו זונד צו בצאלון אייך אוף זייא. דם שטרפט ווייטור גאט צו ישראל ווייל זיי האבון פר ווערט דוא נביאים נביאות צו זאגון אונ זאגט (הילכו) גייאון דען צווייא מענשון צוזאמון אונ וועג ווען זייא זענון נוט וואָרון גצייליט כלומר ווען זייא האבון זוך פרור נוט קובע גוועזן אצייט צו גיין אונ דעם אורט אזו זאגון דען דו נביאים עפוס ווען זיי זענון נוט וואָרון גשאפט פון מור גאט דרום ווי זאלון זייא קיין נביאות נוט זאגון (הישאג) טוט דען שרייאון אלייב אונ וואלד ווען ער האט קיין פר צוקונג נוט דען דר סדר איז נוט פון אלייב צוא שרייאון סיידון ער חאפט אבהמה אודר אחיה צו עסון אונ דם גייט אוף גאט וום זיין קול איז גגלעכון צוא אלייב אונ דאס מיינט דר פסוק וועט דען קומון ארוח הקודש אונ דו מיילור פון דוא נביאים צו ריידון אזאך פון זיינוט וועגון צו בייזון ווען דם פורעניות איז נוט נגזר גוואָרון פון גאט אודר (היתן) וועט דען געבון אונגור לייב זיין קול פון זיין

וואנונג

נופת

מוזון פר בלייבון אונ גלות ביי דוא מצרים על כן האבון די ברודור אום פאר קופט פר איין קנעכט דא רעט דער זוה"ק על פי סוד:

רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה על כן אפקוד עליכם את כל עונותיכם דאס מיינט נאר איך לוב אייך מער אז אלו משפחות פון דער ערד דרום וועל איך גדענקון אוף אייך אלו אייערו זונד. רי אלעזר זאגט קום אונ זעה דוא ליבשאפט פון הקב"ה צו דוא ישראל אונ דרום הט ער זייא פאר הוט אונ אלעם דרייא מאל אונ טאג זענון שולט דינים קשים אוף דער וועלט אנטקעגון זייא הט מען מתקן גוועזן דו דרייא תפלות אונ טאג דאמוט ווערט אמענש גהוט דם קיין רוגז אונ קיין רעה זאל אום נוט פוגע זיין. ווידור איז אן גזאגט גוואָרון אונ דוא צייט ווען איין דבר רחמנא ליצלן איז שולט אונ דער וועלט אונ עם

צופים

איז אובור געגעבון גוואָרון רשות למשחית זאל מען נוט גיין איינור אליין אונ נאס גייערט מען מוז זיין איין גשלאסון אונ שטוב וויא נח אונ תיבה אונ זוך נוט ווייזון פאר דעם מחבל וויא דער פסוק זאגט חבי כמעט רגע עד יעבר זעם. תא חזי קום אונ זעה ווייל השי"ת הט זייא זייער לוב אונ איז זייא שטארק מקרב דארובור זענון אלו היידון גוועזן זייא שונאים אונ האבון זיי מרחק גוועזן. זעה יעקב אבינו ע"ה הט גלובט זיין זון יוסף מער פון דוא אובערוגו קונדר האבון זיינו איינענו קונדר מחמת קנאה אום ווייער פיינד גהאט אונ האבון אום גוואָלט אום ברענגון אז עם שטייט ויתנכלו אותו להמיתו מכל שכן אז דוא היידון זענון זוך מתקנא אוף דאס פאלק ישראל באטראכט וום יעקבם ליבשאפט הט גורם גוועזן יוסף איז פון אום פאר טריבון גוואָרון אונ נאכהער

איז

האַנ״ג ווען ער האט נוט בַּצְווינְגוּן אַבְּהֵמָה אודור אַחַיָה צוּ עֶסוּן דאָם מֵיינְט מֶען וֶועט דֶען גָאט גֶעבּוּן זַיין קוֹל צוּא רֵיידוּן בֵּייזוּ גְזֵירוֹת ווען ער האט אַייךְ נוּט גְחַאפְּט אונ אַזוּנְד (הַתְּפּוּל) וֶועט דֶען פַאלוּן אַפּוּגוּל אונ דֶר נֶעץ פוּן דֶער עֶרְד ווען קיין שְׁטְרוֹכְלוּנְג אוּז נוּט אונ דֶער נֶעץ כְּלוֹמַר אוּז דֶען מֶעגְלוּךְ דָאם אוּר זָאלְט טָאן עֲבֵירוֹת אונ זָאל קיין שְׁטְרוֹכְלוּנְג נוּט הָאבּוּן דֶר פַר אודור (הֲיַעֲלֶה) וֶועט דֶען אוּף גֵיין אַנֶעץ פוּן דֶר עֶרְד אונ זָאל נִיט הָאבּוּן בַּצְווינְגוּן קיין פוּגוּל דֶען דֶער סֵדֶר אוּז ווען דֶער פוּגוּל וֶוערְט גְחַאפְּט אונ דֶער נֶעץ וַויל עֶר אַנְטְלוֹפוּן פוּן אוּר אונ דְרוּם הֵייבְּט עֶר אוּף אַבּוּסוּל דוּ נֶעץ פוּן אוּר אוֹרְט אַזוֹ אוּיךְ וֶועלוּן דֶען אַייֶערוּ זוּנְד אוּיף גֵיין צוּם הוּמוּל אונ וֶועלוּ אַייךְ נוּט בַּצְווינְגוּן אונ מַאכוּן שְׁטְרוּיכְלוּן (אִם יִתָּקַע שׁוֹפָר בְּעִיר וגו׳) אודֶר וֶועט דֶען גְבְּלָאזוּן וֶוערוּן שׁוֹפָר אונ שְׁטאט פוּן דֶעם זֶעהְר וָואם אוּז גְשְׁטֶעלְט עֶר זָאל בְּלָאזוּן מוּט דֶעם שׁוֹפָר צוּא אָן זָאגוּן דֶם פָאלְק זֵיי זָאלוּן זוּךְ הוּטוּן פַר דֶעם פַיינְד נוּא וֶוערְט דֶען גְבְּלָאזוּן שׁוֹפָר אונ שְׁטָאט אונ דֶם פָאלְק זָאל נוּט צִיטֶערוּן דֶם אוּז דָאךְ גְוִויס נוּט אַזוֹ גְיהֶערְט אוּר אוּךְ צִיטֶערוּן אוּף דוּא רֵייד פוּן דוּא נְבִיאִים וָואם זֵייא וִוילוּן אַייךְ מַאכוּן אַנְטְרִינוּן פוּן בֵּייז (אִם תִּהְיֶה רָעָה בְּעִיר וַיְיָ לֹא עָשָׂה) אודֶר אוּז דֶען פַר הַנִדוּן בֵּייז אונ שְׁטָאט אונ גָאט זָאל דֶם נוּט טָאן דְרוּם אוּךְ ווען עֶם וֶועט צוּא אַייךְ קוּמוּן בֵּייז זָאלְט אוּר וִויסוּן דֶם גָאט הָט עֶם אַייךְ גְטָאן וַוייל אוּר הָט נוּט גְפָאלְגְט זַיינוּ נְבִיאִים (כִּי לֹא יַעֲשֶׂה יְיָ אֱלֹהִים דָּבָר) דֶען גָאט דֶער הַאר טוּט נוּט קיין זַאךְ סֵיידוּן עֶר אוּז פְרוּר מְגַלֶה דֶעם סוֹד צוּ זַיינוּ קְנֶעכְט דוּ נְבִיאִים דְרוּם וָואלְט אוּר זֵיי גֶקֶערְט צוּ הֶערוּן וָולְט אוּר גְוֶוען נִיצוּל גְוָורוּן פוּן דֶם בֵּייז (אַרְיֵה שָׁאָג מִי לֹא יִירָא יְיָ אֱלֹהִים דִּבֶּר מִי לֹא יִנָּבֵא) ווען אַלֵייב שְׁרַייט וֶוער זָאל קיין מוֹרָא נִיט הָאבּוּן אַזוֹ ווען גָאט דֶר הֶער רֶעט צוּ דוּ נְבִיאִים זֵיי זָאלוּן נְבִיאוֹת זָאגוּן וֶוער זָאל דֶען קיין נְבִיאוֹת נוּט זָאגוּן דוּ גְמָרָא זָגְט אונ יוֹמָא אוּף דֶעם פָּסוּק (עַל שְׁלֹשָׁה פִּשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל) ר׳ יוֹסֵי זָאגְט ווען אַמֶענְשׁ טוּט אַיין עֲבֵירָה דְרַיי מָאל אִיז אוּם דָאךְ גָאט מוֹחֵל אָבֶּר דָאם פֶערְדוּ מָאל אוּז אוּם גָאט נוּט מוֹחֵל אַזוֹ וִויא אונ פָּסוּק שְׁטֵייט (וְעַל אַרְבָּעָה לֹא אֲשִׁיבֶנּוּ) אוּף דֶער פֶערְדוּ עֲבֵירָה וֶועל אוּךְ אוּם נוּט מוֹחֵל זַיין דוּ גְמָרָא זָאגְט אונ חוּלִין אוּף דֶעם פָּסוּק (אַרְיֵה שָׁאַג מִי לֹא יִירָא) אַגְרוֹסוּר הֶער הָט גְזָאגְט צוּא ר״י בֶּן חֲנַנְיָה אַייֶער גָאט אוּז גְגְלוּכוּן צוּ אַלֵייבּ וָואם פַאר אַחִידוּשׁ אוּז דָאם אַרַייטוּר הַרְגוּת אַלֵייבּ הָאט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ אוּם גֶעגְפֶּרְט עֶר אוּז נוּט גְגְלֶעכוּן צוּ אוּנְזֶר לֵייבּ נָאר צוּ דֶעם לֵייבּ פוּן דֶעם גְרוֹסוּן וַואלְד אֶלָעִי הָט דֶר הֶער צוּ אִים גְזָאגְט דוּ מוּזְט מוּר וַוייזוּן דֶעם לֵייבּ אַזוֹ הָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ תְּפִלָה גְטָאן הָט זוּךְ דֶר לֵייבּ אָן גְהוֹבּוּן צוּ רוּרוּן פוּן זַיין אוֹרְט צוּ קוּמוּן פַר דֶעם הֶער אונ אַז עֶר אוּז גְוֶוען פוּר הוּנְדֶרְט מַייל וַוייט הָט עֶר אַנְשְׁרֵיי גְטָאן אַזוֹ הָבּוּן אַלוּ מְעוּבֶּרֶת וַוייבּוּר מַפּוּל גְוֶוען אונ אַלוּ מוֹאֶרוּן פוּן דֶר שְׁטָאט זֶענוּן אַיין גְפַלוּן אונ אַז עֶר אוּז גְקוּמֶן דְרַיי הוּנְדֶרְט מַייל וַוייט פוּן דֶר שְׁטָאט הָט עֶר וִוידֶר אַנְשְׁרֵיי גְטָאן אַזוֹ זֶענוּן אַרוּם גְפָאלוּן דוּ צֵיין בַּיי מֶענְשׁוּן אונ דֶר הֶער אוּז פוּן זַיין שְׁטוּל אַרָפּ גְפַלוּן הָט עֶר גְזָאגְט צוּא ר״י טוּא תְּפִלָה עֶר זָאל זוּךְ צוּ רוּק אוּם קֶערְן הט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ תְּפִלָה גְטָאן הָט זוּךְ דֶער לֵייבּ צוּ רוּק אוּם גְקֶערְט אַיין מָאל הָט דֶר הֶער גְזָאגְט צוּא ר׳ יְהוֹשֻׁעַ אוּךְ וַויל זֶעהֶן אַייֶער גָאט הָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ צוּ אוּם גְזָגְט קוּם אוּךְ וֶועל דוּר אוּם וַוייזוּן אונ הָט אוּם גְשְׁטֶעלְט פַר דֶר זוּן אונ תְּקוּפַת תַּמוּז אונ זָגְט צוּ אוּם זֶעה אונ דֶר זוּן וֶועסְטוּ אוּם זֶעהֶן עֶנְפֶּרְט דֶר הֶער מֶען קָאן נוּט קוּקוּן אונ דֶר זוּן הֶט ר׳ יְהוֹשֻׁעַ צוּ אוּם גְזָאגְט דוּ זוּן אוּז אַיין בַּדוּנֶר פוּן זַיינוּ בַּדוּנוּר אונ דוּ קֶענְסְט אונ אוּר נוּט זָעהֶן אונ וִוי ווִילְסְטוּ גָאט אַלַיין זֶעהְן אַיין מָאל הט

נופת צופים

אוּז עֶר מוּט זַיין גַאנְצוּן הוֹז גְזוּנְד אונ דוּא שְׁכִינָה מוּט וַייא צוּ זַאמוּן אַרָאפּ גְנוּדֶערְט אונ גָלוּת מִצְרַיִם הָאמְשׁוּ עֶם אוּז שׁוֹן גְגְזָר גְוָוארוּן פוּן לַאנְגוּ צֵייטוּן עֶם זָאל אַזוֹ זַיין דָאךְ אָבּוּר אוּז דוּא סִבָּה אַרוּם גְוואקְסוּן פוּן יַעֲקֹבְם אַהֲבָה אָבּוּר דֶער פוּן אוּז לְסוֹף אַרוּם גְקוּמוּן פַר יוּדוּן כָּל הַטוֹבוֹת . הַיְינוּ תּוֹרָה אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . דֶם גְלַייכוּן זָאגְט דָא דֶער פָּסוּק רַק אֶתְכֶם יָדַעְתִּי וגו׳ כְּלוֹמַר צוּ לִיבּ מַיין אַהֲבָה הט

הט דער הער גזאגט צו ר׳ יהושע אוך וויל מאכן אסעודה פר אייער גאט הט ר׳ יהושע צו אום גזאגט דו וועסט נוט קענן ווארום ער הט פול חילות ביי זוך דו וועסט פון ווייערט וועגן קיין אורט נוט הבן צו זעצן זיי גייא אין מאך איין אורט ביי דעם ים הט ער זוך מטריח גוועז זעקס חדשים פון דם זומור אוז גקומן ארענגן אונ הט דם אליך פר פלייצט אונ ים אריין הט ער זוך ווידר מטריח גוועז זעקס חדשים פון דם ווינטר צו אן גרייטן די סעודה אוז גקומן אווינד אונ הט דם אוועק גטראגן אונ ים אריין הט דר הער גפרעגט צו ר׳ יהושע ווס אוז דם הט ר׳ יהושע אום גענפרט דם זענן די אום קערר ווס גיין פר גאט צו ריין מאכן איין אורט פר אום האט דר הער גזאגט ווען עס אוז אזו וועל אוך נוט קענן פון זיינעט וועגן מאכן אסעודה׃

נופת צופים

אוך גלוטן פון דוא הוידון אבער דם אוז פון אייער טובה וועגן דען דאמוט ווערן אייערו נשמות גריינוגט אונ גלייטערט פון אלו זונד אונ אור וועט ווכה זיין צו דוא אורות העליונים אונ צו דוא גוטו אוצרות אונ טובות וועלכו עס ווארטן אוף אייך לעתיד לבא במהרה בימינו אמן׃

צאינה פרשת מקץ וראינה

(ויהי מקץ שנתים ימים) אונ עס אוז גוועז אונ סוף צווייא יאר וואס יוסף אוז גשטראפט גווארן ווייל ער הט זוך פר לאזט אוף דם שר המשקים הט זוך פרעה גחלומט אחלום דר חזקוני שרייבט אונ דרום אוז ער גשטראפט גווארן דען ער האט גזאלט האבן צוועלוף שבטים אזו וויא זיין פאטור הט ער צעהן פר לורן אונ הט מיין נוט גהאט נאר צוויי אונ אוך דרום אוז אוף אום גגזר גווארן צו זיין צעהן יאר אונ דר תפיסה אונ נאך צוויי יאר ווייל ער הט זוך פר לאזט א״ף דעם שר המשקים נאך דעם האט זוך פרעה גחלומת אחלום דם ער שטייט ביי דעם טייך דר בחיי אונ דער תולדות יצחק שרייבן דרום אוז נוט דר מאנט אונ דר גאנצער פרשה פרעה מלך מצרים ווייל זיין מפלה אוז גוועזן דורך דעם טייך דען דו ערשטו פון דו צעהן מכות אוז גוועזן דם דער טייך אוז ווארן גשלאגן אונ אוז גווארן בלוט אבר באלד ער דר מאנט דאס יוסף זאל אשליט ווערן דער שטייט ביי פרעה אוך (בעמדו לפני פרעה מלך מצרים) כלומר ער אוז אמלך אונ האט גמכט יוסף פר אשליט אונ דר פסוק ווייזט אונז דאס מלכות מצרים האט אקיום גהאט ווייל יוסף האט איין עצה גגעבן מען זאל איין זאמלון קארן אוף דעם הונגר אונ דרום שטייט נוט (על שפת היאור) ער אוז גשטאנן ביי דעם בארטן פון דעם טייך נייערט (על היאור) ער אוז גשטאנן איבור דעם טייך ווייל ער האט

ספר הישר

אין דוא וועלבוגו טעג נאך דעם אז יצחק אוז גשטרבון האט גאט ב״ה גוואלט אז עס זאל זיין איין הונגר אוף דער גאנצר וועלט אונ אין דער וועלבער צייט אוז פרעה דר מלך פון מצרים גזעסן אוף דר שטול האט זוך אום גחלומת פול חלומות. איין חלום האט זוך אום אום גוויזן אז ער שטייט בייא דעם בארטן פון דעם טייך נילוס אונ זעהט אז עס גייט ארוס פון דעם טייך זובן שיינו קוא אונ זענן אויך פעט אונ דער נאך זענן אוף גגאנגן זובן מאגורע קוא אונ האבן איין גשלונגן די פעטו קוא אונ די מאגורע קיא האבן גהאט איין גשטאלט ווי פריר אונ דער נאך הט פרעה זוך אוף גכאפט פון דם שלאף. אין פרעה איז נאך אמאל אנטשלפן גווארן אונ עס הט זוך אום ווייטר גחלומת איין חלום אונ זעהט אז זיבן זאנגן מוט קארן וואקסן פון איין זאנג זייער שיינו אונ פולע אונ גוטע אונ דער נאך זענן ארוס גשפראצט אנדרו זובן זאנגן זייער דונע אונ ליידוגע אין האבן איין גשלונגן די זובן גוטע פולע זאנגן אין ווי עס אוז גווארן טאג האט אונ פרעה גקלאפט דער אטום מחמת די חלומות. אונ דער מלך האט גאיילט אונ הט גלאזט רופן אלו חרטומים אונ אלו חכמים אונ זייא זענן אלו גקומן אונ האבן זוך

זוך גמאכט פאר אגאט אונ האט גזאגט
דם ער איז אובר דעם טייך כלומר ער
הט אום בשאפון אונ ווס ער הט גהאט
אונ זון דם הט זוך אום גחלומת דאס
ער שטייט אובר דעם טייך אונ גאט
האט דער שראקון פרעה מוט חלומות
אונ האט גמאכט זיינו חכמים פר נארון
דם זיי זאלון נוט ווסון וואס דר חלום
בטייט כדי יוסף זאל קומון אונ זאל
זאגון דעם חלום אונ זאל אשריט ווערון
אונ פרעה הט גזעהון אונ חלום דאס
זובון קוא זענון ארום גגאנגון פון דעם
טייך גאנץ פעטו אונ גוזונטו אונ הבון
זיך גפאסוט ביי דעם בארטון אונ דר
נאך זענון זובון קוא מאגורו אויף גגאנגון
אונ זענון זייער דאר גוועזן אונ די זובון
מאגורו קוה האבון איין גושלונגון דוא
זובון פעטו קוא אונ עס איז נוט גוועזן
צו דער קאנון אוב זיי זענון גוקומון אונ
זייער בוך אונ פרעה הט זוך אויף גחאפט
אונ איז ווידר אנשלאפון גווארון האט
זיך ווידער אום גחלומת ווי זובון זנגון
גיין איף אונ איין שטרויי פולו אונ גוטו
אונ זובון שלעכטו זאנגון זענון אויף
גגאנגון נאך זייא אונ די זובון שלעכטו
זאנגון האבון איין גושלונגון דוא זובון
פולו זאנגון (וייקץ פרעה והנה חלום)
אונ פרעה הט זוך אויף גחאפט אונ הט
גזעהן דם עס איז אחלום אונ מען דארף
אום בשיידון דר חזקוני פרעגט ווארום
שטייט נוט ביי דעם ערשטון חלום (והנה
חלום) ער הט דאך דאס ערשטון חלום
אויך גודארפט בשיידן דר תירוץ איז דר
ערשטור חלום וואס די מאגורו קוא הבון
אויף גוגעסון די אנדורו דם איז אום נוט
אזו אחידוש גוועזון ויל די קוא הבון מיילר
אבור זאנגון הבון נוט קיין מיילער איז
אום זייעור אחידוש גוועזן ווס זיי הבון
איין גשלונגון דוא אנדורו זאנגון דרום
הט פרעה זוך דער שרקון (ויהי בבוקר
ותפעם רוחו) אונ עס איז גוועזן אונ דר
פרוא איז פרעה ווארון דר שרקון אונ
זיין אטום הט אונ אום גקלאפט דר בחיי
שרייבט דרום הט פרעה נוט פר געסון
דם חלום אונ נבוכדנצר האט יוא פאר
געסון דם חלום ווייל פרעה זאל גוועזן פר
געסון דם חלום אונ זאל דוא חכמים
פרעגון דעם חלום אזו וואלט דער שר
המשקים גאר נוט דער מאנט צוא יוסף
דען ער וואלט זוך גטרכט יוסף ווייסט
גאר איין חלום צו בשיידון אובער דעם
חלום אליין צו זאגון ווייסט ער נוט דרום
הט גאט גמכט דם פרעה הט נוט פר
געסון דם חלום אונ נבוכדנצר הט נוט
גוואלט זאגון דעם חלום ער האט זוך
גטרכט ווען אויך וועט דם חלום זאגון
אזו וועלון קומון פול חכמים אונ וועלון
אום אוטליכר אנדרש בשיידון וועל אויך
נוט ווסון וועלכר עס איז אמת דרום
וויל אויך דעם חלום נוט זגון אונ וועליכר
חכם עס וועט מור זאגון דעם חלום דר
קען אום בוודאי בשיידון אזו שרייבט
דר חזקוני אונ דר תולדות יצחק אונ דר
אמרי נועם נאך אפשט זגט דר תולדות
יצחק אונ דר אמרי נועם דר חלום פון
נבוכדנצר איז גוועזן דם ווס וועט זיין נאך
פול טוזונט יאר דרום ווען דניאל זאל
אום

ספר הישר

גשטעלט פר פרעה אונ פרעה דער ציילט די חלומות.
זיי ענפרון צו זאמון אונ זאגון צוא פרעה דער מלך
זאל אייבוג לעבון אונ אזו איז דם בשיידנוש פון די
חלומות ווס די האסט גזעהן די גוטע קיה בטייט דם
אז די ווערסט האבון אונ סוף יארון זובון טעכטר אונ
דם ווס די האסט גזעהן די זיבון מאגורע קיא האבון
איין גשלונגן די גוטע קיא בטייט דאס אז זיי וועלין
שטארבין ביי דיין לעבון אונ דם ווס די האסט גזעהן

של"ה הקדוש

(את חטאי אני מזכיר היום) מיינו זונד דער
מאן אויך היינט דער שר המשקים אונ גוועזון אמצרי
אונ הט גוואוסט אז עס איז נוט גוט צו דער ציילן
זיינו חטאים פאר אמענשון אונ בפרט נאך פר זיין
קענוג וועלכר קאן אום דער פור בשטרפון אונ פון
דעסט וועגון הט ער צו לוב פרעה זוך בעשלמון זיינו
זונד צו דער מאנון על אחת כמה דארף יעדור אויך
זיינו עבירות דער ציילן פר גאט וועלכור ער

אום נאר גוועןֿ בשיידון וואלט נבוכדנצר נוט גגלויבט דען ער וואלט גזאגט ווער זאגט עס אז דס איז אמת אובר היינט ווען ער האט גוויסט וואס עס האט זוך אום גחלומת הט ער שון גגלויבט דאס בשיידון איז אוך אמת אובור דער חלום פון פרעה הט גוויזון דס ער וועט זיין אונ אקורצו צייט קען מען פון דעם בשיידונוש אוך וויסון אוב עס איז אמת אוב עס וועט באלד קומון. דרום האט פרעה נוט פר געסון דעם חלום אונ נאך פרעגט דר תולדות יצחק ווארום הט פרעה נוט גהייסון הרגונון די חכמים ווס האבון אום נוט דס בשיידונוש רעכט גזאגט אונ נבוכדנצר הט גהרגות זיינו חכמים וואס האבון דעם חלום נוט גוויסט ווס דס איז שווער צו זגון דר תירוץ איז די חכמים פון נבוכדנצר האבון אום איין עצה גגעבן צו הרגונון די כהנים אונ ווען ער וואלט זיי נוט גהרגות וואלטון זיי אום גזאגט דעם חלום דורך די אורים ותומים דרום האט נבוכדנצר גזאגט אובור איך הב אוך די כהנים גהרגות דרום זאלט איר מיר זאגון דעם חלום אונ אוב נוט וועל איך אייך הייסון הרגונון. דער שר המשקים האט גזאגט צו פרעה מיר אונ דעם בעקר הט זוך איין חלום גחלומת אונ דער תפיסה אונ דרטון איז מוט אונז גוועזן (נער עברי עבד לשר הטבחים) איין יונג איהודי איין קנעכט צום שעכט מיינסטר רש"י זאגט די טובה פון די רשעים איז נוט מוט דעם גאנצון הארץ דען דר שר המשקים הט גוואלט יוסף אטובה טון צו אום צוהון אום פון דר תפיסה הט ער גזאגט ער איז יונג אונ טוג נוט פר אשררה אונ ער איז איהודי אונ קאן נוט אונזר לשון אונ איז אקנעכט אונ ביי אונז שטייט גשריבן דס אקנעכט טאר קיין האר נוט זיין דר חזקוני שרייבט דער שר המשקים האט מורא גהאט ווען יוסף וועט אשליט ווערן וועט ער אוף אום ברוגז זיין ווס ער הט אום אזו לאנג גלאזט זוצון אונ תפיסה דרום הט ער איף אום ביין גרעט נאך אפשט שרייבט דר חזקוני דרום האט דר שר המשקים בייז גרעט אויף יוסף ווייל ער הט מורא גהאט דס פרעה וועט ברוגז זיין מען זאל אזו אחשובון מאן לזון זוצון אונ דר תפיסה אבר דר תולדות יצחק שרייבט פר קערט דאס דער שר המשקים הט דווקא גוואלט צו יוסף איין טובה טון ער זאל ווערון אשליט דרום הט ער גזאגט צו פרעה דער יוסף איז אחכם אונ אנביא דען ער איז נאך יונג אונ הט קיין פול חכמות נוט גלערונט אונ ווייסט אחלום צוא בשיידון אזו מוז ער זיין אנביא אונ אוב די וועסט זאגון ער איז אמכשף זאג אוך דור דס ער איז איהודי וואס ביא זייא איז פאר באטון כישוף אונ אוב די וועסט זאגון ער איז פון די שרים ווס לערנון חכמות זאג אוך דור ער איז אקנעכט אונ אוב די וועסט זאגון ער איז גוועזן ביי איין הער ווס לערונט חכמות זאג אוך דור ער איז גוועזן ביי דם שעכט מיינסטר וואס ער האט קיין חכמות נוט גלערונט (כאשר פתר לנו כן היה) אזו ווי ער הט אונז בשייד אזו איז גוועזן דער מדרש רבתי שרייבט איין אשה איז גוקומון פר רבי אליעזר אונ הט גזאגט איך הב גזעהון אונ חלום דס איין באלקון פון מיין הויז הט זוך איין גבראכון הט ער צוא איר גזאגט די וועסט האבון אזון אונ ער

וועט

שלי"ה הקדוש

בארומט זוך אוף יעדון וועלכור איז זוך מודה אוני זיינו זונד ומכ"ש ווען ער טוט דס פון גאטס וועגון אונ ער מיינט באמת תשובה צו טאן אונ נוט מעו' צו זונדיגון :

ספר הישר

די גוטע זיבון זאנגון בטייט דם אז די וועסט בואון זיבון שטעט אונ סוף פון דיינו יארון אונ דאס ווס די האסט געהן דוא זיבען ליידוגו זאנגון האבון איין נשלונגן די גוטע זיבון זאנגון בטייט דם אז די זיבון

וֶועט לֶעבּון אוּנ אַזוֹ אִיז גְוֶוען אֵיין אַנְדֶערְט מָאל אִיז זוּא גִיקוּמֶן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ פוּן רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹיךְ אַזוֹ אֵיין חָלוֹם צוּ פְרֶעגִין אִיז רַבִּי אֱלִיעֶזֶר נוּט גְוֶוען הָאבּוּן דִי תַּלְמִידִים גְזָאגְט צוּא אִיר זָאג אוּנְז דַיין חָלוֹם הָאט זוּ זַייא גְזָאגְט עֶס הָאט זוּךְ מִיר גְחָלוּמְתְּ וִוי דֶר בַּאלְקִין אִיז אַיין גִבְּרָאכִין גִוָוארִין הָאבּוּן זַייא אִיר גְזָאגְט דַיין מַאן וֶועט שְׁטַארְבּוּן הָט זוּ אָן גְהוֹבּוּן צוּ וַויינוּן אִיז רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אָן גִיקוּמוּן אוּנ הָט גְפְרֶעגְט וָוארוּם וַויינְט דִי אִשָּׁה הָבּוּן דִי תַּלְמִידִים גְזָגְט מִיר הָבּוּן אִיר בַּשַׁייד אַחָלוֹם דָם אִיר מַאן וֶועט שְׁטַארְבּוּן הָט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר גְזָאגְט אִיר הָט אִיר מַאן גְהַארְגוּתְ הֶען אַלִי חָלוֹמוֹת גֵיין נָאךְ דֶם מוֹיל אַזוֹ וִויא מֶען בַּשַׁייד זַיי אַזוֹ וֶוערִין זַיי מְקוּיָם אַזוֹ וִוי אוּנ פָּסוּק שְׁטַייט (וַיְהִי כַּאֲשֶׁר פָּתַר לָנוּ כֵּן הָיָה) אַזוֹ וִוי עֶר הָט אוּנְז בַּשַׁייד אַזוֹ אִיז גְוֶוען (וְאֵין פּוֹתֵר אוֹתָם לְפַרְעֹה) קֵיינֶר הָאט זַיי נוּט גְקֶענְט בַּשַׁיידִין צוּ פַּרְעֹה עֶס זָאל אוּם אוּנ זַיין הַארֶץ אַרַיין גֵיין דֶען עֶס הָאט זוּךְ אוּם גְחָלוּמְתְּ דֶר חָלוֹם מוּט דֶם בַּשַׁיידוּנוּשׁ אוּנ עֶר הָאט גְדֶערְקְט דֶעם חָלוֹם אוּנ דָאס בַּשַׁיידוּנוּשׁ הָאט עֶר פַאר גֶעסִין אוּנ דוּא חֲכָמִים הָאבּוּן אוּם גְזָאגְט דָם עֶר וֶועט הָאבּוּן זוּבּוּן טֶעכְטוּר אוּנ זוּבּוּן טֶעכְטוּר וֶועט עֶר בַּגְרָאבּוּן אוֹבֶּר עֶר הָאט דָאס אַלֶין נוּט אָן גִינוּמֶן וַוייל דָאס הַארֶץ הָאט אוּם אַלֶין גְקְלַאפְּט דֶער בְּחַיֵי אוּנ דֶער תּוֹלְדוֹת יִצְחָק פְרֶעגִין וָוארוּם הָאבּוּן דוּא חֲכָמִים נוּט גְוִויסְט צוּא זָאגִין דָאס דוּא קוּא אִיז אֵיין סִימָן אוּף הוּנְגֶער אוּנ זַאטוּקֵייט דֶען מוּט זַייא אַקוּרְט מֶען אוּנ דוּא זַאנְגִין זֶענִין דָאךְ קָארִין דֶר תִּירוּץ אִיז גָאט הָאט זַייא גוּמַאכְט פַאר נַארִין כְּדֵי יוֹסֵף זָאל קוּמִין אוּנ זָאל זָאגִין דֶעם חָלוֹם (וַיְרִיצֻהוּ מִן הַבּוֹר) מֶען הָאט אוּם גְמַאכְט אַרוּם לוּפִין פוּן דֶעם גְרוּבּ דֶער פוּן לֶערְנוּן אוּנְזוּרוּ חֲכָמִים אָפּ דָאס פוּן אֵיין צָרָה קוּמְט בַּאלְד אֵיין גְאוּלָה דֶען בַּאלְד הָאט מֶען אוּם גְמַאכְט פַאר אֵיין שַׁלִיט (וַיְגַלַּח וַיְחַלֵּף שִׂמְלֹתָיו) עֶר הָאט זוּךְ אָפּ גוּגָלוּט אוּנ הָאט פַר בּוּטוּן זַיינוּ קְלֵיידֶער רַשִׁ"י שְׁרַייבְּט חָאטְשׁוּ עֶר הָאט נוּט גְוִויסְט דָאס מֶען וֶועט אוּם שׁוּן פוּן דֶער תְּפִיסָה אַרוּם לָאזוּן הָאט עֶר דָאךְ זוּךְ אָפּ גְגָאלוּט פוּן כָּבוֹד הַמַּלְכוּת וֶועגִין. פַּרְעֹה הָאט גְזָאגְט צוּא יוֹסֵף אוּךְ הָאבּ גְהֶערְט (תִּשְׁמַע חֲלוֹם וגו') דָאס דוּ פַר שְׁטֵייסְט אֵיין חָלוֹם צוּ בַּשַׁיידִין אוּם הָאט יוֹסֵף אוּם גֶענְפֶרְט דוּא חָכְמָה אִיז נוּט מַיין נַייעֶרְט (אֱלֹהִים יַעֲנֶה אֶת שְׁלוֹם פַּרְעֹה) גָאט זָאל מִיר צוּא שׁוּקִין אֵיין עֶנְפוּר אוּנ מַיין מוֹיל פוּן וֶועגִין דֶם שָׁלוֹם פוּן פַּרְעֹה דָאס אוּךְ זָאל דוּר קֶענִין זָאגִין וואס

אוהל יעקב

(וַיִּשְׁלַח וַיִּקְרָא אֶת כָּל חַרְטֻמֵּי מִצְרַיִם וְאֶת כָּל חֲכָמֶיהָ) פַּרְעֹה הָט גְשׁוּקְט רוּפוּן אַלוּ חֲכָמִים פוּן מִצְרַיִם זַיי זָאלוּן אוּם זָאגוּן וָוס זַיין חָלוֹם בַּטַייט (וְאֵין פּוֹתֵר אוֹתוֹ) קֵיינוּר הָט אוּם נוּט פּוֹתֵר גְוֶוען זָאגְט דֶר מִדְרָשׁ זַייא הָאבּוּן יוֹא בַּשַׁייד גָאר עֶס אִיז אוּם נוּט אַרַיין גְגַאנְגוּן אוּנ דוּא אוֹרוּן זַיי הָאבּוּן גְזָאגְט דוּא זוּבּוּן פֶעטְע קִיהּ וָוס דוּ הָאסְט גְזֶעהֶן אוּנ חָלוֹם בַּטַייט אַז דַיא וֶועסְט הָאבּוּן זוּבּוּן טֶעכְטֶער אוּנ דוּא זוּבּוּן גִיטְע זַאנְגוּן בַּטַייטוּן אַז דוּא וֶועסְט אַיין גֶעמוּן זוּבּוּן מְדִינוֹת אִיז דָם אוּם נוּט גְפֶעלוּן אוֹבֶּר יוֹסֵף הָט פּוֹתֵר חָלוֹם גְוֶוען אַז דוּ זוּבּוּן פֶעטוּ קִיהּ מוּט דוּ זוּבֶּן זַאנְגֶן בַּטַייטוּן אוּף זוּבּוּן זַאטֶע יָארוּן אוּנ דוּ זוּבּוּן מַאגֶרוּ קִיהּ מוּט דוּ זוּבּוּן שְׁלֶעכְטוּ זַאנְגוּן בַּטַייטוּן אוּף זוּבּוּן הוּנְגֶר יָאר דָם אִיז פַּרְעֹה גְפֶעלוּן. אוּךְ וָועל דָם נֶעבּוּן

ספר הישר

שְׁטֶעט וָוס דוּ וֶועסְט בּוֹעֶן וֶועלִין חָרוּב וֶוערִין אוּנ סוֹף פוּן דַיינוּ טֶעג. אוּנ וִוי דוּ חַרְטוּמִים אוּנ דוּ חֲכָמִים הָאבּוּן אוּם גְרֶעט וַוייטֶערוּ רֵייד אַזוֹ הָאט פַּרְעֹה פַאר שְׁטַאנוּן מוּט זַיין חָכְמָה אַז זַייא הָאבּוּן נוּט גוּט פּוֹתֵר גְוֶוען דוּ חֲלוֹמוֹת. אוּנ פַּרְעֹה הָאט צוּ זַיי גְזָאגְט נָאךְ וָוס רֶעט אִיר צוּא מִיר פַאלְשְׁקֵייט וֶועט אִיר מִיר נוּט בַּשַׁיידִין דוּ חֲלוֹמוֹת אִיז רֶעכְט אוּנ אוֹבּ נוּט וֶועט אִיר גְטַייט וֶוערִין אוּנ דֶער מֶלֶךְ פַּרְעֹה הָאט גְבָּאטִין אַז מֶע זָאל אוּם רוּפִין וֶוער עֶס קֶען פּוֹתֵר זַיין חֲלוֹמוֹת אוּנ וֶועט נוּט קוּמִין פּוֹתֵר חָלוֹם זַיין דֶעם מַלְכוּת אוּף זַיינוּ חֲלוֹמוֹת וֶועט גְטַייט וֶוערִין אוּנ וֶועלְכוּר עֶס וֶועט יוֹא פּוֹתֵר חָלוֹם זַיין דֶעם מַלְכוּת אַז עֶס זָאל דֶעם מַלְכוּת ווּאל גְפֶעלוּן וֶועט דֶעם דָאזוּגִין מֶענְשׁ גְגֶעבּוּן וֶוערִין פוּן דֶעם מַלְכוּת וָוס עֶר וֶועט בַּגֶערִין:

וואס דער חלום בטייט דר בחיי שרייבט פרעה אונ זיין פאלק האבון גמיינט דם דו וועלט ווערט גופורט דורך דיא זובון שטערון אונ חס ושלום נוט גאט פורט דיא וועלט דרום האט ער גמיינט דאס דו זובון זאנגון ווייזון דו זובון שטערון וועלון מאכון זעטוקייט אונ הונגר דרום האט יוסף צום ערשטון גזאגט גאט וועט ענפורון דעם שלום פון פרעה כלומר דוא זאלסט נוט טראכטון דאס דוא שטערון טון דאס ניארט עס קומט אליץ פון גאט. פרעה האט גזאגט זיין חלום פר יוסף דאס ער האט גזעהן זובון קוא (בריאות בשר ויפות תואר) פעט פלייש אונ שיין גשטאלט דער בחיי פרעגט ווארום שטייט דא דאס פרעה האט דעם חלום אנדרש גוזאגט צו יוסף וויא אובון שטייט דער תירוץ איז דוא חכמים זאגון יוסף האט גזאגט צוא פרעה דוא האסט נוט גזעהן (ברואות בשר ויפות תואר) ניארט (יפות מראה ובריאות בשר) אונ נאך זאכון האט יוסף גוזאגט צוא פרעה דוא האסט אנדרש גזעהן האט זוך פרעה פר וואונדערט אונ האט צוא אום גזאגט בוסטו דען גוועזן אונ מיין חלום וואס דוא ווייסט אליץ דרום שטייט ווייטור דאס פרעה האט גזאגט (אחרי הודיע אלהים אותך את כל זאת) כלומר גאט האט דוך גלאזט וויסון וואס מור האט זוך גחלומת (חלום פרעה אחד הוא) דער חלום פון פרעה איז איינם דו זאלסט נוט מיינון ווייל דור האט זוך גחלומת זובון קוה אונ דער נאך זובון זאנגון איז דאס צווייא חלומות עס איז נאר איין חלום אונ גאט ווייזט דאס זובון יאר ווערט זיין פול קארון דאס איז דוא זובון פעטו קוה אונ דוא זובון פולו זאנגון אונ דוא זובון ליידוגו זאנגון ווייזון דאס נאך דוא זובון גוטו יאר וועט זיין אגרום הונגער זובון יאר אונ דאס וואס דוא האסט צוויי מאל גזעהן דעם חלום דאס ווייזט דאס גאט וועט דאס באלד טון דער חזקוני פרעגט בייא יוסף איז דאך אוך צווייא חלומות גוועזן אוך דוא ברודור ווארום איז עס נוט באלד גוועזן דער תירוץ איז בייא יוסף איז עס נוט גוועזן אונ איין

אוהל יעקב

צו פר שטיין מוט אמשל עס איז גוועזן איין מלך ער הט גהאט אבן יחיד נוט קיין קלוגור הט דער מלך זיך אזו גטראכט מיין זון וועט זוך בלייבון קונוגן נאך מור אונ ער פר שטייט נאר נוט קיין שום חכמות האט ער זוך מיישב גוועזן אונ הט אום אוועק גשוקט אין אווייט לאנד ווס מען לערונט דורט חכמות איז דער בן יחיד דורט גוועזן כמה יארון בוז ער הט זוך גלערונט פול חכמות נאך דעם האט ער גשוקט צום פאטר איין ברוף ער זאל אום שון אהיים נעמון הט דער פאטער אום אהיים גנומון ווארום ער האט שון גקאנט אלורליי חכמות אז ער איז אהיים גקומון הט דער מלך גמאכט אגרוסו סעודה פר אלו זיינו הארון מיט דו יועצים נאך דער סעודה הט איינר פון דו הארון גוואלט פריוון דעם בן מלך דו חכמות ווס ער הט זוך אום גלערונט פרעגט אום דער שר ווס פאר אחכמות האסטו דוך אום גלערונט ענפרט אום דער בן מלך אוך קאן חכמות מדידה אונ חשבונן אונ נאך אנדערו חכמות נעמט דעם שר אפונגרול אונ דר האנד אין מאכט צו דוא האנט אונ ואגט צום בן מלך דער קען ווס אוך האלט אונ דער האנט הט ער אום אן גנומון דו האנד אונ הט זוך בטראכט מוט דעם כלל ואס מען האט אום גלערונט אונ זאגט צוא אום דוא האסט אונ דער האנט אקאליכונגע זאך אונ אונגווייננג איז הול הט זוך דער שר פר וואנדרט אונ זאגט אום עס איז טאקו אקאליכוגי זאך אונ אונגוויינוג איז הול נאר זאג מור וואס דו קאליכונגע זאך איז זאגט אום דער בן מלך דער כלל פון דער חכמה איז נאר מען זאל וויסון צו דו זאך איז קאליכונג אודר פור עקיכוג אוב עס איז הול אודר נוט אבר מען זאל וויסון ווס פר אמין דם איז קען מען נוט וויסון זאגט אום דער שר פון דעסט וועגון קען מען זוך שון אליין משער זיין אונ פר שטיין ווס דו זאך איז אן אכלל שטייט דער בן מלך אבוסול אונ בטראכט זוך אונ זאגט אום אמוהל שטיין ווארום איין מול שטיין איז קאליכונג אין הול אונ דער מוט הט ער מוט דעם זאגון בוויזון זיין גארושון שכל ווס ער האט אונ זוך אמת טאקו ער איז גלערונט אונ כלל פון דער חכמה אבר ער זאל אליין פר שטיין מוט זיין שכל צו וואס דו זאך איז בעסור צו גלייכון דער צו האט ער שון קיין פר שטאנד נוט ווארום דם איז גוועזנט אונ דעם שכל פון דעם מענש נוט אונ דעם שכל פון דעם לימוד. דר נמשל איז דו חכמי מצרים האבון גווייסט צו בשיידון צו פרעה דעם חלום וועלונג דעם כלל פון דער חכמה איז ווי מור האבון גשמוסט אז די חכמה איז נאר גלערונט על פי כלל. היינו דוא

נַאכְט אָבוּר בַּיי פַּרְעה אִיז גִוועֶן בֵּיידוּ חֲלוֹמוֹת אוּנ אַיין נַאכְט דְרוּם זֶענוּן זַייא בַּאלְד גוּקוּמוּן. יוֹסֵף הָאט גְזָאגְט (וְעַתָּה יֵרֶא פַּרְעה אִישׁ נָבוֹן וְחָכָם) אַצוּנְד זָאל פַּרְעה זֶעהוּן אוּים צוּא קְלוּבּוּן אַיין קְלוּגוּן אוּנ אַפַּר שְׁטַאנְדִוגוּן מַאן וָואס זָאל קָאנוּן פוּרוּן דָאס לַאנְד מוּט גְנוּג בְּרוֹט אוּנ וָואס עֶם וֶועט . אוּבּוּר בְּלַייבּוּן זָאל מֶען פַּר קוֹפוּן אוּנ עֶר זָאל זַיין אַחָכָם צוּ וִויסוּן וָואס מֶען טוּט דָאס דוּא תְּבוּאוֹת זָאלוּן נוּט פַאר פוּלְט וֶוערוּן אוּנ פַּרְעה זָאל דֶעם מֶענְשׁוּן מַאכוּן אוּבּוּר דֶם לַאנְד מִצְרַיִם אוּנ עֶר זָאל אַיין זַאמְלוּן דֶם גָאלְד אוּנ זוּלְבּוּר אוּנ דֶעם אוֹצָר פוּן דֶעם מֶלֶךְ (וַיַּעֲשֶׂה פַּרְעה וְיַפְקֵד פְּקִידִים) פַּרְעה זָאל אַזוּ אַיין מֶענְשׁ מַאכוּן אוּנ דֶר מֶענְשׁ זָאל ווייטוּר זֶעצוּן (פְּקִידִים) צוּ זַאמְלוּן קָארוּן (וְחִמֵּשׁ אֶת אֶרֶץ מִצְרַיִם) אוּנ אוּטְלוּכֶר זָאל פוּן זַיין תְּבוּאָה גֶעבּוּן אַיין פוּפְט חֵלֶק אוּנ דֶעם אוֹצָר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הָאטְשׁוּ מֶען פְלֶעגְט פְרוּר גֶעבּוּן אַיין צֶעהֶנְט חֵלֶק אָבֶר אַצוּנְד דַארְף מֶען גֶבּוּן אַיין פוּפְט חֵלֶק כְּדֵי דוּ לַייט זָאלוּן נוּט שְׁטַארְבּוּן אוּנ הוּנְגֶר (וְיִצְבְּרוּ בָר בְּכָל אֶרֶץ מִצְרַיִם) אוּנ מֶען זָאל אַיין זַאמְלוּן קָארוּן אוּנ דֶעם גַאנְצוּן לַאנְד מִצְרַיִם אוּז דוּ עֵצָה וואֹל גְפֶעלוּן אוּנ דוּ אוֹגוּן פוּן פַּרְעה אוּנ דוּ אוֹגוּן פוּן דוּ הַארוּן הָאט פַּרְעה גְזָאגְט (הֲנִמְצָא כָזֶה אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ אֱלֹהִים בּוֹ) אוּז דֶען צוּ גוּפוּנוּן אַזוּ אַיין מֶענְשׁ וָוס דוּ נְבוּאָה פוּן גָאט אוּז אוּנ אוּם דֶער רמב״ן שְׁרַייבְּט וַוייל דוּ מִצְרַיִם הָבּוּן פַיינְט אַיין יְהוּדִי אוּנ וֶוען אַיין יְהוּדִי רוּרְט אָן אוּנ זַייעֶר בְּרוֹט הַאלְטוּן זַייא אוּם טָמֵא הָאט פַּרְעה זוּךְ גְטְרַאכְט דוּא מִצְרַיִם וֶועלוּן נוּט מַסְכִּים זַיין צוּ מַאכוּן יוֹסֵף פַאר אַיין שֵׁנִי לְמֶלֶךְ דְרוּם הָט עֶר גוּמוּזְט זָאגוּן דָאס צְווִישׁוּן דוּא מִצְרַיִם גוּפוּנְט מֶען נוּט אַזוּ אַיין חָכָם פַּרְעה הָט גְזָאגְט צוּ יוֹסֵף (אַחֲרֵי הוֹדִיעַ אֱלֹהִים אוֹתְךָ אֶת כָּל זֹאת) וַוייל גָאט הָט דוּךְ דָם אַלְץ גְלָזְט וִויסוּן אוּז נוּט פַר הַנְדוּן קַיין גְרֶעסֶרֶר

חכם

אוהל

זיבּוּן קִיה מוּט דִי זִבּוּן גוּטֶע יַאנגוּן וַייזוּן אוּף זִבּוּן טֶעכְטֶר אוּנ זִבּוּן מְדִינוֹת נָאר זַייא הָאבּוּן בַּדַארְפְט בַּרֶעכְנוּנוּן מוּט דֶעם שֵׂכֶל צוּ וָואס דִי זַאךְ אִיז בְּעסוּר צוּ גְלַייכוּן עֶם אִיז בְּעסוּר צוּ גְלַייכוּן דִי זִבּוּן גוּטֶע קִיה מוּט דִי זִבּוּן גוּטֶע יַאנְגְן צוּ זִבּוּן גֶעטוּ יָאר דֶם הָאבּוּן זַיי שׁוֹן מוּט זַייעֶר אַיינִגוּם שֵׂכֶל נוּט גְקָאנְט בַּרֶעכְנוּנוּן דְרוּם אִיז צוּ פַּרְעה נוּט אַיין גְגַאנְגוּן זַייעֶרוּ רֵייד נָאר יוֹסֵף הָט דֶם מוּט זַיין שֵׂכֶל יוֹם נָאט הָאט אוּם גֶנָעבּוּן יוֹא בַּרֶעכְוּנְט דְרוּם הָט פַּרְעה זַיינוּ רֵייד אָן גְנוּמוּן :

(אֵת אֲשֶׁר הָאֱלֹהִים עוֹשֶׂה הֶרְאָה אֶת פַּרְעֹה) יוֹסֵף הָט גְזָאגְט צוּ פַּרְעה וָוס גָאט וִויל טָאן הָט אַיינְגוּ ווייזְט עֶר צוּ פַּרְעה נוּט בְּרֶמֶז דוּא זִבּוּן גוּטוּ יַאנְגְן ווייזְט אוּף דֶער גוּטֶר תְּבוּאָה וָוס וֶועט זַיין אוּנ דוּא זִבּוּן יָאר אוּנ דוּא זִבּוּן גוּטֶע קִיה ווַייזְט אוּף דֶעם שַׁיינוּם גוּשְׁטַאלְט וָוס אַלוּ בַּשֶׁעפְנוּשׁ וֶועלוּן הָאבּוּן אוּנ דִי זִבּוּן גוּטוּ יָארוּן נוּט וִוי דִי חַכְמֵי מִצְרַיִם הָאבּוּן גְזָאגְט בְּרֶמֶז אַיינֶר הָאט גְזָאגְט אַז עֶם ווַייזְט אַז עֶר וֶועט הָאבּוּן זִבּוּן טֶעכְטֶר אוּנ דֶער אַנְדֶרֶר הָט גְזָאגְט אַז עֶר וֶועט אַיין נֶעמוּן זִבּוּן מְדִינוֹת . עֶם אִיז אַמָשָׁל אַזוּ וִויא אַיינֶער הָאט פַאר לוֹרוּן אַיין זַאךְ גֵייט עֶר אַרוּם מוּט אַבּוּטוּר הַארְץ אוּנ זוּכְט . בַּגֶעגְנוּנוּן אוּם זַיינוּ בַּאקֶענְטוּ דֶער זָאגְט אוּם טַאמוּר הָאסְטוּ אוּנ

יעקב

מַארְק פַר לוֹרוּן אוּנ דֶער זָאגְט אוּם טַאמוּר הָאסְט דוּ פַר לוֹרוּן אוּנ דֶער הַיים אוּיף דֶעם גְלֶעגוּר אַיין קְלוּגוּר אוּז גִוועֶן צְווִישׁוּן זַיי אוּנ זָאגְט צוּ אוּם טָאמֶר הָאסְט דוּ נָאר אַיין טָעוּת דוּ הָאסְט נָאר נוּט פַר לוֹרוּן לַיינ נָאר אַרַיין דוּ הַאנְד אוּנ דוּ קֶעשׁוּנֵי אֶפְשַׁר לוּגְט אִין קֶעשׁוּנוּ דוּ זַאךְ וָוס דוּ זוּכְסְט אַזוּ וִוי דוּא הָאסְט אַרַיין גְלֵייגְט דֶם נֶעמְלוּכוּ אוּז גִוועֶן מוּט דֶעם חָלוֹם פוּן פַּרְעה דוּ חַכְמֵי מִצְרַיִם הָאבּוּן גְזוּכְט צוּ פּוֹתֵר זַיין דֶעם חָלוֹם פוּן פַּרְעה מוּט אַפְרֶעמְדוּר זַאךְ נָאר דֶער קְלוּגוּר יוֹסֵף הָאט גְזֶעהְן מוּט זַיין שֵׂכֶל אַז דֶר חָלוֹם וָוס פַּרְעה הָאט גְזֶעהְן דֶם אַייגְנֶע בַּדַארְף זַיין דוּא זִיבּוּן גוּטוּ יַאנְגוּן זֶענוּן זִבּוּן פֶעטוּ יָאר דוּ זִבּוּן פֶעטוּ קִיה וֶועלוּן דוּא מֶענְשׁוּן מוּט דוּא בְּהֵמוֹת אוּם וַייזוּן שַׁיין אוּנ דוּ זַאטוּ יָארוּן אוּנ דוּ זִבּוּן שְׁלֶעכְטוּ יַאנְגוּן זֶענוּן הוּנְגֶר יָאר אוּנ דוּ מָאגֶערוּ קִיה בַּעֲדַייטוּן אַז דוּ מֶענְשׁוּן מוּט דוּ בְּהֵמוֹת וֶועלוּן אוּם וַייזוּן שְׁלֶעכְט אִין דִיא הוּנְגֶער יָארוּן דֶם נֶעמְלוּכוּ וָואס עֶר הָט גְזֶעהְן אִין חָלוֹם דָאס נֶעמְלוּכְע וֶועט זַיין אַזוּ וִוי מוּט דֶער זַאךְ וָואס עֶר הָט גְמֵיינְט אַז עֶר הָאט פַר לוֹרוּן הָאט עֶר גְזוּכְט בִּזוּ עֶם אוּז דֶר קְלוּגֶר גְקוּמוּן אוּנ הָט אוּם גְזָאגְט וִוי דוּ הָאסְט אַרַיין גְלֵייגְט דוּ זַאךְ דוֹרְט לוּגְט דוּא זַאךְ :

חכם פון דור דרום זאלסטו זיין איין האר איבור מיין פאלק אונ פרעה טוט אפ דם פונגורול ווס מען חתמות פון זיין הנד אונ גוט עס אויף דר האנד פון יוסף אונ זאגט דו זאלסט זיין איין שליט נאר דו קונגליכו שטול זאל אויך מער הבון פון דור דער חזקוני שרייבט פרעה הט זיך גטראכט אויך וועל יוסף פרובון טאמור זאגט ער נוט אמת דם בשיידוניש נאר ער וויל זיך ריין מאכון פון דר תפיסה דרום וועל איך אום מאכון פאר אשרה אונ אוב דם בשיידוניש איז נוט אמת וועט ער די שררה שאפט נוט אן נעמון ווייל ער וועט בייא אוי' נוט בלייבון : (וישם רביד

דאס איז וויא מען קריינט יוסף



הזהב על צוארו) אונ פרעה הט גוטון איין גולדינום האלז באנד אויף זיין האלז אונ הט אום גמאכט רייטון אונ דם אנדורון רייט וואגון פון אום אונ מען הט גשריגון

פר אום דא רייט דער יונגר שליט פרעה האט גזאגט צו יוסף (ובלעדיך לא ירים וגו') אן דיין ווייסון זאל קיינור נוט נעמון קיין שווערד אונ זיין האנד אונ פרעה הט גרופון דעם נאמון פון יוסף צפנת פענח דם איז טייטש ער אנפלעקט פר בארגונו זאכון אזו ווי אנביא (ויתן לו את אסנת בת פוטיפרע) אונ דער מלך האט אום געגבון אסנת דיא טאכטור פון פוטיפרע פאר אווייב אונ דרום האט ער גהייסון פוטיפרע וייל ער הט גשטאפט קעלבור צו דר ע"ז דר חזקוני שרייבט יוסף האט דרום גנומון די טאכטור פון פוטיפרע צו ווייזון דם ער איז ביי זיין ווייב נוט גלעגן ווארום זאגסט וואלט ער נוט גטארט נעמון איר טאכטור אויך שרייבט דער חזקוני אונ דר בחיי דם אסנת איז גוועזן די טאכטור פון דינה ווס זי הט גהאט מוט שכם הבון די ברודור זי גוואלט הרגונון פאר חרפה האט יעקב איר אויף גהאנגון אקמיע אונ הט אן גשריבון אונ איר ווער עס וועט זי נעמון זאל ווייסון דם ער איז זיך מתחתן מוט יעקב אונ הט זי פאר טריבון פון זיין הוז אונ זוהט זיך בהלטון צווישון דערנ' דרום הט זי גהייסון אסנת ווייל אדארון איז אויף לשון הקודש סנה אונ דר מלאך גבריאל האט זי גבראכט אונ הוז פון פוטיפרע הט זי דם ווייב פון פוטיפרע אויף גוצוגון אונ הט זי גהאלטון פאר אטאכטור אונ אז יוסף איז ארום

גנאנגין

של"ה הקדוש

(בלעדי אלהים יענה את שלום פרעה) נוט אויך נאר גאט ווייזט ווס נוט איז פאר פרעה מען קאן בטראכטון אונ במערקון וויא יוסף הצדיק איז גוועזון צו גבונדון צו גאט אונ זיין היילוגור נאמון איז שטענדוג גוועזון ביי אום אונ מול אז אפילו פר פרעה הט ער זיך נוט גוואלט קיין שום כבוד נעמון אז ער פאר שפייט עטוואס אונ הט אלץ אן גהאנגון אן גאט דאס הייסט איך בון גאר נוט גענצאצעט ווער בון איך אונ ווס איז מיין לעבון אונ מיין קענטנוס אונ דם בוסול וואס איך קאן ווייסון האב איך נאר פון גאט דער פון קאנון מור זיך אמוסר אראפ נעמון אז מור דארפון דאנקון אונ לובון גאט ביי אלץ וואס מור טואון איין שאפון אונ דארפון פר שטיין אז נאר צו אום אליין געהערט דיא קראפט אונ דוא שטארקייט די הערשאפט אונ דוא חכמה אונ נאר זיין היילוגור ווילון נהערשט אויף דער וועלט :

(וליוסף יולד שני בנים בטרם תבוא שנת הרעב) אונ צו יוסף זענון גבורון גווארון צווייא זון איידור דער הונגר יאר איז גקומון , פון דעם פסוק לערנון דיא חכמים אפ דם אונ אהונגור צייט איז אסור דעם מענשון צו זאמון צו לעבון מוט זיין ווייב . אונ בדרך כלל האבון זייא גזאגט אז יעדור מענש איז מחויב זיך מצער צו זיין מוט דעם צבור אונ אטייל צו נעמון אונ אלי זייערו צרות . ווען אפילו אום אליין איז

גאנגן אויף מצרים זענען אקעגן גגאנגן אלו ווייבור צו זעהן זיין שינקייט אונ אוטלוכו אשה הט אום גווארפן אצורונג אונ אסנת הט נוט געהט וואס צו ווארפן הט זיא אום די קמיע גווארפן דם זו אז דאס איינקול פון יעקב אזו הט ער זו גנומן פר א ווייב אונ דר נאך אז יעקב איז גקומן קיין מצרים צו יוסף האט ער צוא יוסף גפרעגט ווער זענען די קונדר הט ער אום גוויזן די קמיע וואס יעקב האט גשריבן (אוכל שדה העיר וגו׳) מען הט גנומן פון דער ערד וואס דאס קארן האט גוואקסן אונ מען האט גומישט אונ דם קארן עס זאל נוט פאר פולט ווערן (וליוסף יולד שני בנים וגו׳) אונ צו יוסף איז גווארן גובורן צווייא קונדר אייא עס ווארן אהונגער דען ווען עס איז הונגור טאר מען מוט קיין ווייב נוט לוגן חטישו יוסף הט קיין קונדור נוט גהאט אונ ווער עס הט קיין קונדר נוט מעג אונ הונגור אויך מוט זיין ווייב לוגן נאר יוסף הט גזעהן דעם צער פון די לייט וואס ווינן אונ שרייאן דרום האט ער נוט גטארט מוט זיין ווייב לוגן אפילו ווען ער האט קיין קונדר נוט גהאט דר חזקוני פרגט לוי האט דאך מוט דם ווייב גוואנט אונ הונגער דען יוכבד איז ווארן גבורן אונ טועור פון מצרים צווישן די מוערן ווען זיי זענן גוקומן קיין מצרים אונ הונגור דער תירוץ איז יוסף הט גומוזט זיך אפ שיידן וויל ער הט גוויסט דעם צער פון זיינו ברודור אונ פון זיין פאטור אבור לוי הט נט געהן דאס זיי זענן אונ גוטם אונ

עס גייט זיי נוט אפ דרום הט ער זיך פון זיין ווייב נוט אפ גשייד אונ פון וועגן דם צער פון יוסף איז ער נוט מחויב גוועזן אפ צוא שיידן זיך וויל פון איין יחיד וועגן דארף מען זיך נוט אפ שיידן אונ דער דבק טוב שרייבט דאס יוסף האט גהאט גאר דעם קארן אונ דער האנד אונ האט צוא גזעהן דאס גושרייא פון לייט דרום האט ער זיך גומוזט אפ שיידן (כל אשר יאמר וגו׳) אונ אליין וואס יוסף וועט אייך זאגן זאלט איר טואן (והרעב היה על כל פני הארץ) אונ דר הונגור איז גוועזן פרור אונ דוא ארומי לייט אונ דער נאך אונ דוא רייכו לייט (ויחזק הרעב וגו׳) אונ דער הונגער הט זיך גשטארקט אונ לאנד מצרים דען וואס זיי האבן גגעסן האבן זייא נוט געהט קיין זעט אונ בוך (וירא יעקב כי יש שבר במצרים) אונ יעקב האט גזעהן דאס עס איז דא קארן אונ מצרים אונ עס וואלט גדארפט שטיין ער האט געהערט נאר ער האט גזעהן בנבואה דאס ער האט איין האפונג אונ מצרים דען דאס ווארט שבר איז אויך טייטש האפונג (ויאמר יעקב לבניו למה תתראו) האט יעקב גזאגט צו זיינו קונדור ווארום זאלט איר זיך פר מאגורן אונ ווילט נוט גיין קיין מצרים נאך קארן אזו שרייבט רש״י נאך איין פשט זאגט רש״י ווארום זאלט איר אייך ווייזן דאס איר זענט זאט דען חאטשו איר האט נאך גונוג קארן דארפט איר פון לייטן וועגן גיין קיין מצרים נאך קארן אונ אזו אויך שרייבט דער חזקוני

של״ה

גאנץ נוט . אונ ווייסט פון קיין צרה נוט : (ויוסף הוא השליט) אונ יוסף איז דער הערשור דער נביא זאגט אונ נאטם נאמן . כי לא מחשבותי מחשבותיכם . דען מיינו גדאנקן זענן נוט אייערו גדאנקן . דוא מענשליכו גדאנקן זענן הבל הבלים . ער ווייסט נאר נוט וואס ער טראכט אונ וואס ער מאכט וויפול מאל מיינט דער מענש אז דוא אידור דוא זאך איז אום למובה . אונ לאזט זיך אום דם נאר ארעה .

רקדוש

וכמו בן פר קערט . ער מיינט ער טוט איינום ארעה אונ דאס איז גאר זיין טובה מור זעהן פון דוא שבטים וועלכו האבן גוואלט פטור ווערן פון יוסף אונ האבן אום פאר אקנעכט פר קופט . אונ גראר דאס איז גוועזן אסבה אז ער זאל גרוס ווערן אונ זאל עולה לגדולה זיין דערובור מוזן מור נאר גאנץ זיין מום נאט . אונ אונזער ווילן מבטל זיין פאר זיין ווילן :

אונ דער בחיי שרייבט פון וועגן רבינו חננאל יעקב האט גזאגט צו זיינו קונדור וואראום זאלט איר ווערון גזעהן אונ איינם שייד אייך אפ פון איין אנדור אונ דער רמב״ן שרייבט יעקב האט גזאגט וואראום זאלט איר ווערון גזעהן דא אונ איר ווילט נוט גיין נאך קארון דער מדרש שרייבט ער האט זיא גזאגט איר זאלט נוט אריין גיין אלו אונ איין טואור דאס מען זאל אייך קיין עין הרע נוט געבון ווייל איר זענט גבורים אונ שיינו לייט (וירדו אחי יוסף עשרה) אונ דוא ברודור פון יוסף זענון גנודורט צעהן אונ דרום זאגט ער דוא ברודור פון יוסף אונ זאגט נוט דוא קונדר פון יעקב ווייל זייא האבון חרטה גהאט אוף דעם וואס זיי האבון פר קופט זייער ברודר יוסף אונ האבון גזאגט מור וועלון אום אום לייזון פר פול געלד אונ מור וועלון אום גופונון דר בחיי שרייבט זיי זענון דרום גגאנגון צעהון זייא זאלון קענון תפלה טואון מוט איין מנין דאס גאט זאל זייא צו שוקון זייער ברודור יוסף אונ דער רמב״ן שרייבט זיי זענון גגאנגון צעהון ברודור ווייל עס האט גדארפט מקוים ווערון דער ערשטור חלום דאס דו ברודור אליין זאלון זוך צו אום בוקון אונ ווי יוסף האט גזעהון דם בנימין אוז נוט דא מוט זייא האט ער זוך גטראכט דם דער חלום מוז מקוים ווערון עס זלון זוך עלוף ברודור בוקון אונ ווען עס אוז נאך קיין עלוף ברודור נוט דא דארף אוך נוט זאגון דאס אוך בון יוסף אונ דרום האט ער אוף זייא גווארפון איין בלבול כדי זייא זאלון ברענגון בנימין צוא זיין עלוף ברודור דער ערשטור חלום זאל אוועק גיין אונ דר אנדורר חלום זאל אוך קומון וואראום ווען יוסף זאל דאס נוט מיינון וואלט ער זיינו ברודור אונ זיין פאטור נוט מצער גוועזן אונ יוסף וואלט גוועזן גושוקט איין ברוף צוא זיין פאטר צוא שרייבון אום דם ער לעבט נאך אונ אוז

איין שר אונ מצרים דען ווייא יעקב אוז גזעסון אוז נאר גוועזן זעקם טאג וועג אונ אפילו עס זאל זיין טוזונט מייל וואלט דאך יוסף איין ברוף גוועזן גושוקט צוא זיין פאטור דם ער לעבט צוא אום צוהון זיין פאטור פון טרויערקייט נור ער האט גזעהון דער חלום דארף מקוים ווערון דאס זיין פאטור מוט זיינו ברודור זאלון זוך צו אום בוקון אונ דם אוז נוט מעגלוך אונ זייער לאנד נאר ווייל אוך בון איין שליט אונ מצרים שטייט אן דם זיי זאלון זוך צו מור בוקון אונ זיי וועלון מוך נוט דער קענון בפרט ער הט גזעהון דם עס אוז גרום הונגור אונ אלו מדינות מוזון קומון צו אום :

דאס אוז ווי יעקב שוקט זיינו קונדער קיין מצרים קארון קופון :

(ויבואו בני ישראל בתוך הבאים) אונ דוא קונדור פון יעקב זענון גוקומון צווישון דוא לייט וואס זענון גוקומון דען זייא האבון זוך פאר שטעלט מען זאל זיי קיין עין הרע נוט געבון (ויוסף הוא השליט על הארץ) אונ יוסף אוז גוועזן אגוועלטוגור אובור דעם לאנד מצרים ער הט פאר קופט קארון דער רמב״ן שרייבט ער האט דרום אליין קארון פר קופט דען ער האט גהייסון אלו אוצרות צו שליסון נור איין אוצר האט ער אליין פר קופט כדי דו ברודור זאלון צוא אונ

אליין קומין דען ער הט דם געלט אליין גנומין פון אויטלענדישן לאנד אונ נאך אפשט זאגט דער רמב"ן יוסף אליין הט נוט פאר קויפט קיין קארין נור ער האט בפולן דיא פקידים זאלין אונ אויטליכין לאנד אבאזו דורין אוצר פון תבואה מכין אונ דוא קונדיר פון יעדר זענין וואריו גשיקט פון דעם גאנצין לאנד פון כנען מען זאל אונ זייער לאנד אוך איין אוצר מאכין (וירא יוסף את אחיו ויכירם) ווי יוסף האט דער זעהון זיינו ברודור האט ער זייא דער קענט אונ האט מורא גהאט דאס זייא זאלין אום אוך נוט דער קענין הט ער אן גוטואון איין טערקויש הוטיל אויף זיין קאפ אונ האט צו גדעקט דעם שטערין אונ אטייל פון זיין פנים אונ האט מוט זיינו ברודור גרעט הארטו רייד אונ מוט רוגז אונ פרעגט זייא פון וואנין זענט איר האבון זייא גזאגט זייא זענין פון דעם לאנד כנען האט ער זייא שון רעכט דער קענט דאס זייא זענין זיינו ברודור דרום שטייט נאך אמאל (ויכר יוסף את אחיו) דאס היינט האט ער זייא רעכט דער קענט דער חזקוני שרייבט ער האט זייא רעכט דער קענט ווייל ער האט גהערט דאס זייא רופין זיך איינס עם אנדרו מוט דוא נעמין אונ יוסף האט מורא גהאט צוא דער קענין זיך דאס ער אוז יוסף טאמור וועלין זיך דוא ברודור צו לויפין אונ דער וועלט אונ וועלין שון נוט קומין צוא זייער פאטור דרום האט ער גטראכט דאס זייא זאלין ברענגין בנימין (והם לא הכירוהו) אונ דוא ברודור האבון אום נוט דער קענט ווייל זייא האבון שון פון לאנג גהאט איין בארד אובור יוסף האט נאך דענסט מאל קיין בארד נוט גהאט אונ היינט הט ער גהאט איין בארד אזו שרייבט רש"י אונ דער רמב"ן שרייבט ווייל יוסף הט זיך גרעכט דאס דוא ברודור וועלין קומין דרום האט ער זיך רעכט צוא גקוקט אונ האט זייא דער קענט אובור דוא ברודור האבון זיך נוט גרעכט דאס יוסף זאל אזו איין שררה זיין דרום האבון זייא זיך נוט צו גוקוקט אונ האבון אום נוט דער קענט אונ דער חזקוני שרייבט ווייל יוסף הט איין אנדרין נאמין גהאט צפנת פענח דרום האבון זיי אום נוט דער קענט אובור זיי האבון דו אלטו נעמין גוהאט דרום האט ער זייא ווא דר קענט אונ דער מדרש שרייבט יוסף הט דר קענט זיינו ברודור אז זיי זענין אום אונ דו העכט ארייין גפאלין אונ הט זיך דר ברומט אובור זיי אזו ווי אברודור אובור אז יוסף אוז אונ זייערו העכט ארייין גפלין האבין זיי אום נוט דר קענט צו דר ברומין זיך אובור אום אזו ווי א'ך אברודור אונ האבון אום פר קופט (ויזכור יוסף את החלומות) אונ ווי יוסף הט גזעהון דם דו ברודור בוקין זיך צו אום האט ער זיך גטראכט היינט וועלין מקוים ווערין דוא חלומות דם מיינו ברודור זאלין זיך צוא מור בוקין (ויאמר אליהם מרגלים אתם) אונ יוסף האט צו זיי גזאגט איר זענט גקומין אום צו זעהון דם לאנד דר מדרש שרייבט אונ אוך רש"י אונ דער חזקוני אונ דר בחיי אז יוסף הט בפולין מען זאל נוט ארייין לאזין קיין מענש אויף קיין טויער בוז מען וועט פר שרייבין זיין נאמין אונ זיין פאטורס נאמין אונ פון וום פאר אשטאט ער אוז אונ אלו פאר נאכט פלעגין דו שומרים ברענגין דו נעמין צו

של"ה

(אבל אשמים אנחנו) זיי זאגין איינגענטליך זענין מור אליין שולדיג יוספס ברודור האבון זייער שולד גפולט אונ האבון זיך מתודה גוועזין אונ האבון זייערו זונד בפרט עקלערט אונ דער פון לערנין מור דאס מען הארף אונ ווידוי דוא זונד בפרט ער קלערין אפילו נאך דעם וואס זאגט אז עם אוז נוט נייטוג דוא זונד מפורש צו זיין ווען מור אז עם אוז דאך בעסור אונ עס ווירקט מער דוא זונד קלאר מפורש צו זיין ווא יוספס ברודור האבון גוטון אונ האבון גזאגט מור זענין שולדיג קענין אונזר ברודור

הקדוש יוסף

יוסף צוא וויסון ווער עס איז גוקומון אונ שטאט אריין אונ אז די קונדר פון יעקב זענון גוקומון זענון זייא אריין גוגאנגון אויטלובור אונ אב זונדורון טויער אונ הט פאר שרייבון זיין נאמון אונ זיין פאטורס נאמון אונ פאר נאכט הט מען צו יוסף גברכט צעדון בוך פון צעהן קונדר פון יעקב מיט זייערו נעמון אזו באלד האט יוסף גבאטון מען זאל פאר שליסון אלו אוצרות פון תבואה אונ מען זאל נאר איינם אובור לאזון אונ יוסף האט דעם פקיד פון דעם אוצר דעם בוך גוגעבון אונ הט צו אים גזאגט ווען די מענשן וועלון קומון צו דיר זאלסטו זייא צו מיר שוקון אונ דר פקיד ווארט דריי טעג אונ זייא קומון נוט אזו הט יוסף גנומן צעהן גבורים פון דעם הויז פון פרעה אונ הייסט זייא זוכון אונ האבון זיי גבראכט צו יוסף הט יוסף צו זיי גזאגט איר זענט מרגלים איר זענט גוקומון אום זעהון ווי מען קאן דם לאנד איין נעמון דען איר זענט אונ צעהן טורון אריין גגאנגון דער בחיי שרייבט יוסף הט גונומון א בעכור אונ הט אויף אום גקלאפט אונ הט גזאגט מיין בעכור זאגט דם איר זענט מרגלים הבון זייא גזאגט אונזר פאטור האט אונז בפולון מיר זלון נוט אריין גיין אונ איין טויער זאגט יוסף ווס הט איר גוטון אויף דעם מארק הבון זיי געענפורט מיר האבון עפוס פר לורון הבון מיר דארטון גזוכט זאגט יוסף ווידור דר בעכור זאגט מיר דם צוויי פון אייך הבון די שטאט שכם אום גוהרגות אזו באלד זענון זיי ווארון דר שראקון אונ זאגון מיר זענון צוועלף ברודר הט אונזר פאטור גשוקט נאך קארון ווייל עס איז פול גזלנים אונ וועג אובור דעם הונגור אונ ווען מיר זאלון שטארק זיין וואלטון צוויי אויך גונוג גוועזן דר תולדות יצחק פרעגט ווס פר איין ענפור איז דם גוועזן דרויף ווס יוסף הט גזגט זיי זנון מרגלים הבון זיי גזאגט מיר זענון פון איין פאטור דר תירוץ איז זיי האבון גזגט ווי גשוקט זוך דאס אפאטור זאל אלו זיינו קונדור שוקון אונ אסכנה פר מרגלים ער וואלט נאר איינום גושוקט הט יוסף צו זיי גזגט (הוא אשר דברתי אליכם) דרום האב אויך אייך גזאגט דם איר זענט מרגלים דען מרגלים נעמון צווישון זוך נוט צו קיין פרעמדון מענש ווארום זיי האבון מורא טאמר וועט מען אום חאפון אונ מען וועט אום יסורים אן טון וועט ער אום זגון אויף די אובריגו אבור אברודור וועט דעם האלז שטעלון אונ וועט אויף די אובריגו נוט אום זאגון נאך אפשט איז ווייל די ברודור האבון גזאגט (הקטן את אבינו היום והאחד איננו) דר קליינור איז ביי אונזר פאטור דרום הט יוסף גזאגט ער מוז זיין אצדיק אונ הט גפאלגט דעם פאטור קיין מרגל נוט צו זיין אונ איר זענט לצים אונ פאלגט נוט אייער פאטר דען איר זאלט נוט קיין מרגלים זיין וולט ער אויך גוקומון (חי פרעה) דא שווער אויך ביי דעם לעבון פון פרעה אוב איר וועט פון דאנון ארוס גיין אונ ווען ער הט גוואלט שווערון האט ער גשווארון ביא פרעה נאך אפשט איז יוסף הט זיי גזגט ווען איר וועט גופונון יוסף אונ מען וועט פאר אום וועלון פול געלד וועט איר אום אום לייזון זאגון דיא ברודור מיר וועלון אום אום לייזון פאר וויא פול געלד מען וועט וועלון זאגט יוסף אונ אוב מען וועט נוט וועלון אום אייך געבון ווס וועט איר טון זאגון זיי מיר גובון אונזר האלז דרונון אזו באלד זאגט יוסף (הוא אשר דברתי אליכם) דם האב אויך אייך גזאגט דם איר זענט מרגלים דר בחיי שרייבט דם ווס ער הט דם ערשטו מאל גשווארן דם זיי זאלון נוט ארוס גיין דם איז גוועזן אמת דען ער הט גמיינט דם נוט אלו זאלון ארוס גיין נייערט זיי זאלון לאזון איינום פר אמשכון זאגט יוסף (שלחו מכם אחד) שוקט פון אייך איין ברודר ער זאל ברנגן

בנימין אייער קליינום ברודור אונ איר זיצט אוני תפיסה ביז מען וועט אום ברענגן אזו וועלין מיר זעהן דס איר זענט נוט קיין מרגלים אונ ער האט זייא אלו אונ דר תפיסה גזעצט אונ אין דעם דריטון טאג אוז יוסף צו זיי גוקומון אונ זאגט אוך פארכט מוך פאר גאט דרום לאזט איינום זוצון אונ איר אלו גייט צו אייער פאטור ברענגון דעם קארון אונ ברענגט אהער אייער קליינום ברודור צוא מיר (ויעשו כן) האבון זיי אזו גוטון דר בחיי שרייבט זייא האבון גזאגט מיר זענון אז גבריייט אלו מוט אנגדר וועלכון דו ווילסט (ויקח מאתם את שמעון) הט יוסף פון זיי גנומון שמעון (ויאסור אותו וגו׳) אונ הט אום גבונדון פר זייערו אוגון צוא דער שרעקין זיי אובור וויא דו ברודור זענון אוועק גגאנגון הט ער אום א״ף גובונדון אונ הט אום גגעבון עסון אונ טרונקון אונ דרום הט ער גנומון שמעון ווייל שמעון האט אום מוט זיינו הענט אונ דעם גרוב ארײן גוואורפון נאך אפשט אוז ער הט זוך גטראכט צו אפ שיידון אום פון לוי ווייל זיי זענון צוויי גבורים אונ האבון אום גהרגות דו גאנצו שטאט שכם האט ער מורא גוהאט זייא זאלון אום אוך נוט הרגונון אונ דער חזקוני שרייבט יוסף הט בדיעה גוהאט צוא נעמון ראובן ווייל ער אוז דער עלצטור ברודור אונ דער סדר אוז ווע איין חברותה זנון שולדוג נעמט מען דעם עלצטון נור ראובן האט גזאגט איר זאלט נוט פאר גוסון קיין בלוט אונ ער האט אוך גוהערט ווי ראובן מוט זיינו ברודור הבון חרטה גהאט וואס מען האט אום פאר קופט דרום האט ער נוט גונומון ראובן דער בחיי שרייבט (ויקח מאתם את שמעון) יוסף האט אליין גונומון שמעון אובור דוא ברודור האבון קיינום נוט גוואלט געבון פאר אמשכון (אבל אשמים אנחנו) דוא ברודור האבון גזאגט מיר זענון שולדוג ווייל מיר האבון גזעהון דו צרות פון אונזר ברודור אז מיר האבון אום גוואורפון אונ גרוב אונ ער הט צו אונז גבעטון מיר זאלון אום לאזון אונ מיר האבון אום נוט צו גהערט דר בחיי שרייבט דוא צדיקים דער קענון זייערו עבירות אונ טואון תשובה אונ פון דאנון אוז גודרונגון דם זייא האבון אום נוט פר קופט נור זיי הבון אום אונ גרוב גווארפון דען זונסט וואלטון זיי נוט גקענט טואון תשובה ביז זייא וואלטון אום נוט גלייזט דר תולדות יצחק פרעגט ווארום האבון זיי נוט גוטון קיין תשובה ווען זיי זענון גזעסון אונ דער תפיסה אונ ווי מען האט זיי ארום גלאזט האבון זיי גוטון תשובה דר תירוץ אוז ווייל יוסף האט גזאגט אוך האב מורא פר גאט אייך אן טואון צרות האבון זיי גזאגט ער אוז איין עע״ז אונ דר ברומט זוך אובור אונז אונ מיר זענון יהודים אונ יוסף אוז גוועון אונזר ברודור אונ מיר האבון זוך נוט דר ברומט אובור אום (ויען ראובן אתם לאמר הלא אמרתי אליכם לאמר אל תחטאו בילד) האט ראובן גזאגט צו זיינו ברודור אוך האב אייך גזאגט דאס איר זאלט נוט זונדוגון מוט דעם קונד אונ איר האט מוך נוט גופאלגט אונ היינט ווערט זיין בלוט גפארשט אונ חאטשו מיר האבון אום מוט דוא הענט נוט גוהרגות אוז בייא גאט גלייך וויא מיר האבון אום מוט דוא הענט דער הרגות ווייל מיר ווייסון דאס ער אוז נוט גוועון גוויינט צרות צוא ליידון אונ דם אלץ האבון זייא גרעט אוף לשון הקודש אונ האבון נוט גוויסט דאס ער אוז יוסף אונ פאר שטייט לשון הקודש (כי המליץ בינותם) דען יוסף האט זיין זון מנשה גשטעלט פר איין מליץ צווישון אום אונ צווישון זיינו ברודר אז ער האט מוט זיי גורעט דרום הבון זיי גמיינט דאס יוסף פאר שטייט נוט לשון הקודש אונ ווי יוסף הט גהערט דם זיינו ברודור הבון חרטה אוף זיין פאר קופון

הט ער זיך אוועק גקערט פון זיי אונ הט גוויינט (וימלאו את כליהם בר) יוסף הט גהייסון אונ מען האט אן גופולט זייערו כלים מיט קארון אן איין מאס אונ מען זאל זיי דם געלד אונטור דם קארון לייגון זייא זאלון ניט ווישון דער פון אובור דם אנדורו מאל האט יוסף גהייסון זייא אום קערון דם זילבור אונ זיי זאלון יוא ווישון דער פון אונ הט זיי גהייסון געבון שפייז אוף דעם וועג צו ווייזון זייא דאס ער האט זייא ניט פיינט וואר זייא זאלון ברענגון זייער ברודור (ויפתח האחד את שקו) אונ לוי האט א"ף דעם וועג געפונט זיין זאק צו געבון עסון זיין אייזול אונ האט דער זעהן דאס געלד אונ זאק אונ אלו ברודר האבון זיך דער שראקון אונ האבון גזגט וואס האט אונז גאט גוטואון דאס אונזער געלד איז אונ אונזרו זעק אונ זייא זענון גוקומון צו זייער פאטור אונ האבון דאס אליץ אום דער ציילט האט דער פאטור גזאגט אור האט מיך גוטייט יוסף איז ניט דא אונ שמעון איז אויך ניט דא אונ בנימן ווילט אור אויך צוא נעמון דען ער האט זייא חושד גוועזן דם זיי האבון פר קופט צו שמעון אונ ווילון בנימן אויך פר קופון הט ראובן געענפורט (את שני בני תמית) מיינו צווייא קונדער זאלסטו טייטון אוב איך וועל דיר ניט ברענגון בנימן גוב אום אוף מיינו הענט הט יעקב אום גוענפורט דו בוסט אבכור שוטה ווען בנימן וועט ניט זיין זאל איך נאך מיינו אייניקליך איך אום ברענגון זיי זענון ביי מיר גגליכון ווי קונדר דר תולדות יצחק שרייבט ראובן האט דרום גזאגט דו זאלסט טייטון מיינו קונדור כדי אוב יעקב וועט אום ענפורון זיי זענון דאך מיינו קונדור איך וועט ער אום ענפורון בנימן איז דאך אויך מיין ברודר איז געהנטר פון איין איינוקיל דען איין ברודר מיט דעם אנדרון איז ראשון בראשון אונ איין איינוקול ומיט דם עלטר פאטור זענון ראשון בשני דרום וועל איך מן הסתם זעהן צוא ברענגון בנימן אבר יעקב האט דוא רייד ניט צוא גהערט האט יהודה גזאגט צוא זיין

פאטר

של"ה

מיר האבון גזעהן זיין אונגלוק אונ ווי ער הט זיך גבעטון ביי אונז אונ מיר האבון אום ניט גהערט. גם לערנון מיר פון דעם פסוק דאס בשעת דער מענש איז זיך מתודה פר גאט זאל ער וויינון. בעטון אונ טרויערון. דם וואורט אבל. איז אויך פון לשון אבלות. טרוער. דאס הייסט טרוערן דארפון מיר או מיר ווייסון. או מיר זענון שולדיג:

(ויפתח האחד את שקו) ווען מיר בטראכטון דוא גאנצו מעשה פון יעקב פון זיינו קונדר זעהון מיר וויא דוא ווענון פון דער השגחה איז אליץ מדה כנגד מדה. רבקה האט אן גטואון יעקבן אצונגון פעל דעם פאטור צו נארון דרובר האבין יעקבס קונדר איינגוטונקט יוספס ווירנו העמדול אונ בלוט אום אפ צו נארון. אונ יוסף צו פר לייקונון. יעקב הט גורם גוועזון אז זיין פאטור יצחק האט זיך זייער שטארק דער שראקון דריבור הט ער זיך אויך זייער שטארק דער שראקון בשעת זיינו קונדר האבון אום גבראכט יוספס העמדול אונ האבון גזאגט הכר נא דער קען אוב דם איז דם העמדול פון דיין זון אונ דער פר ווידר איז יהודה גשטראפט גוואורון אונ הט זיך דער שראקון בשעת תמר הט אום גשוקט זאגון הכר נא דער קען דוא סימנים. שמעון אונ לוי זענון

הקדוש

גוועזן דוא ערשטו וום האבון דוא עצה גגעבון יוסף צו טייטון דען אוף זיי איז מרמז דער פסוק (ויאמרו איש אל אחיו הנה בעל החלומות הלזה בא) אונ איינור הט גזאגט צו זיין ברודור זעה דער וום הט דוא חלומות גזעהון איז גקומון. דרובור איז שמעון גבליבון תפוס אונ מצרים. אונ לוי הט גהאט דוא שרעק צו גפונון אונ זיין זאק דם געלד. דען וויא רש"י מאכט אוף (ויפתח האחד את שקו) אונ דער איינור הט געפונט זיין זאק. דם איז גוועזן לוי וום איז גבליבון איינור אליין פון זיין בן זוג. אונ מיט דעם זעלבונגון וואורט וואס ער הט אן גפאנגון צו טואון קעגון יוסף אונ הט גזאגט (הנה בעל החלומות) הט ער זיך אצונד מתודה גוועזן אונ הט גזאגט (הנה הוא באמתחתי) אונ אויך אלו ברודר האבון זיך מתודה גוועזן מיט דעם זעלבונגון וואורט מיט וועלכון וויא האבון אור חטא בגאנגון זייא האבון גזאגט זייער פאטור אויף דעם העמדול (זאת מצאנו) דם האבון מיר גפונון. אונ דער פאר האבון זייא גזאגט אונ זייער טרויערונו לאנג (מה זאת עשה אלהים לנו) דם הייסט וויא גרוס איז דוא עבירה וום מיר האבון גטון מיט דעם וואורט זאת:

פָּאטוּר אוּב בִּנְיָמִין וֶועט מוּט אוּנְז גֵיין אִיז אֵיין סָפֵק אוּבּ עֶר וֶועט דָּרְטוּן בְּלַייבּוּן אוֹדֶר עֶר וֶועט קוּמוּן אַהֵיים אָבֶּער וֶוען בִּנְיָמִין וֶועט מוּט אוּנְז נוּט גֵיין קֶענוּן מוּר נָאךְ קֵיין קָארוּן נוּט גֵיין אַזוֹ וֶועלוּן מוּר גְוִוים אַלוּ פַאר הוּנְגֶער שְׁטַארְבּוּן דְּרוּם אִיז בֶּעסוּר אַז בִּנְיָמִין זָאל יוֹא מוּט אוּנְז גֵיין (אָנֹכִי אֶעֶרְבֶנּוּ) יְהוּדָה הָאט גְזָאגְט צוּ יַעֲקֹב אוּךְ בּוּן עָרֵב צוּא בְּרֶענְגוּן דוּר בִּנְיָמִין אוּנ צוּ שְׁטֶעלוּן אוּם פַר דוּר אוּנ אוּבּ נוּט וֶועל אוּךְ זַיין זוּנְדוּג אַלוּ מַיינוּ טֶעג אוּנ וֶוען מוּר וָואלְטוּן נוּט גְזוּמְט וָואלְטוּן מוּר שׁוֹן צְוַוייא מָאל קָארוּן גִבְּרַאכְט דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דוּא בְּרוּדֶר הָאבּוּן גוּלוּטוּן הוּנְגֶר אוּנ הָאבּוּן נוּט אָן גְשְׁרוּגוּן אוּנ זַייעֶר פָּאטוּר עֶר זָאל זַייא גֶעבּוּן בִּנְיָמִין נַייאֶרְט זַייא הָאבּוּן גְוַוארְט בּוּז דֶער פָּאטוּר אַלֵיין הָאט זַייא גְהֵייסוּן נֶעמוּן בִּנְיָמִין מוּט זוּךְ אוּנ יַעֲקֹב הָט פוּנוּף זַאכוּן אָן גְזָאגְט דוּ קוּנְדֶר דָאס עֶרְשְׁטוּ נֶעמְט אַשֵׁיינוּ מַתָּנָה פוּן פֵּירוֹת אוּנ גוּטוּן וַויין מְכַבֵּד צוּ זַיין דֶעם הַאר פוּן מִצְרַיִם אוּנ נֶעמְט מוּט טָאפּוּל גֶעלְד וִויא פְּרוּר טָאמוּר אִיז טַייעֶרוּר גְוָוארוּן קָארוּן אוּנ נֶעמְט מוּט דָאס גֶעלְט וָואס אוּר הָאט גְפוּנוּן אוּנ אַייֶערוּ זֶעק טָאמוּר הָאט דֶער מִצְרִי פַאר גֶעסוּן אוּנ נֶעמְט מוּט אַייךְ אַייעֶר בְּרוּדוּר בִּנְיָמִין אוּנ טוּט תְּפִלָּה (וְאֵל שַׁדַּי וגו׳) אוּנ גָאט זָאל אַייךְ גֶעבּוּן דֶער בַּארוּמְהֶערְצִיקַייט אוּנ חֵן פַר דֶעם מֶענְשׁוּן וָואס אוּבּוּר דֶעם קָארוּן אוּז גְזֶעצְט (וְשִׁלַּח לָכֶם אֶת אֲחִיכֶם אַחֵר) אוּנ עֶר זָאל אַייךְ אַייעֶר אַנְדוּרוּן בְּרוּדֶער אַרוֹיס לָאזוּן פוּן דֶער תְּפִיסָה דָאס אִיז גְמֵיינְט שִׁמְעוֹן אוּנ דְרוּם הָט עֶר נוּט אַרוּס גֶרֶעט שִׁמְעוֹן וַוייל עֶר הָאט אוּם פַיינְט גְהַאט וָואס עֶר הָאט גְהַרְגוּת דוּא שְׁטָאט שְׁכֶם אוּנ וֶוען עֶר זָאל גְוֶוען הָאבּוּן קָארוּן וָואלְט עֶר נוּט גוּשׁוּקְט בִּנְיָמִין עֶר וָואלְט בֶּעסוּר גְלָאזְט שִׁמְעוֹן זוּצוּן אוּנ דֶר תְּפִיסָה אִזוּ שְׁרַייבְּט דֶר רמב״ן אוּנ רש״י שְׁרַייבְּט (אֶת אֲחִיכֶם) הָט עֶר גְמֵיינְט שִׁמְעוֹן אוּנ (אַחֵר) הָאט עֶר גְמֵיינְט יוֹסֵף עָ״ו הָט זוּךְ גְטְרַאכְט טָאמוּר לֶעבְּט עֶר נָאךְ הָט עֶר אוּף אוּם אוּךְ גְבֶּעטוּן גָאט עֶר זָאל אוּם אַרוּם שׁוּקוּן אוּנ אַז דוּ בְּרוּדֶר זֶענוּן גְקוּמוּן צוּ יוֹסֵף (וַיַּרְא יוֹסֵף אִתָּם אֶת בִּנְיָמִין) הָאט יוֹסֵף גְזֶעהֶן מוּט זַיי בִּנְיָמִין הָט עֶר גְזָאגְט צוּ זַיין פָּקִיד וָואס אִוז גְוֶוען מְמוּנֶה אוּבֶּר זַיין הוּז בְּרֶענְג דוּ לַייט אוּנ מַיין הוּז אוּנ הָט גְהֵייסוּן דָם מְנַשֶּׁה זָאל קוּלוּן אַבְּהֵמָה דֶען דוּ יוּנְגֶר פוּן יַעֲקֹב עֶסוּן נוּט אָן שְׁחִיטָה אוּנ הָאט גְהֵייסוּן דוּ אָדוּרוּן אַרוּם נֶעמוּן פוּן דֶעם פְלֵייש אַזוֹ ווי דֶר סֵדֶר פוּן יְהוּדִים אִיז (כִּי אִתִּי יֹאכְלוּ הָאֲנָשִׁים בַּצָּהֳרָיִם) דֶען מוּט מוּר וֶועלוּן דוּ מֶענְשׁוּן עֶסוּן אוּנ מוּטַן טָאג (וַיִּירְאוּ הָאֲנָשִׁים כִּי הוּבְאוּ בֵּית יוֹסֵף) אוּנ דוּא מֶענְשׁוּן הָאבּוּן זוּךְ גְפָארְכְטוּן וַוייל זַיי זֶענוּן וָוארוּן גְבְּרַאכְט אוּנ הוּז פוּן יוֹסֵף דֶען עֶס אִיז נוּט דֶר סֵדֶר דָם אוֹרְחִים זָאלוּן אַיין שְׁטֵיין בַּיי יוֹסֵף אוּנ הוּז דְרוּם הָבּוּן זַיי גְמֵיינְט עֶס מוּס גְוִוים זַיין אוּבּוּר דֶעם גֶעלְד וָואס מוּר הָאבּוּן גְפוּנוּן אוּנ אוּנְזֶר קָארוּן אוּנ עֶר וִויל אוּנְז נֶעמוּן פַאר קְנֶעכְט מוּט אוּנְזֶערוּ אֵייזְלוּן אוּנ זַיי הָאבּוּן גוּזָאגְט צוּ דֶעם וָוס אִוז גְוֶוען מְמוּנֶה אוּבּוּר דֶעם הוּז פוּן יוֹסֵף מוּר בֶּעטוּן דוּךְ מוּר הָאבּוּן דָא פְּרוּר גְקוּפְט קָארוּן זֶענוּן מוּר גְקוּמְן אוּף דֶם הַרְבּוּרוּג הָאבּוּן מוּר גְפוּנוּן דָם גֶעלְד אוּטְלוּכוּר אוּנ זַיין זַאק אוּנ אַצוּנְד הָאבּוּן מוּר דָם גֶעלְד אוּם גְקֶערְט אוּנ אוּךְ אַנְדֶר גֶעלְד צוּ קוּפוּן קָארוּן אוּנ מוּר וַוייסוּן נוּט וֶוער עֶס הָט גְטוּן דָם גֶעלְד אוּנ אוּנְזֶערוּ זֶעק הָט דֶר מְמוּנֶה צוּ זַיי גְזָגְט פַארְכְט אַייךְ נוּט אַייעֶר גָאט אוּנ דֶר גָאט פוּן אַייעֶר עֶלְטוּרוּן הָט אַייךְ גֶגֶעבּוּן דָם גֶעלְד אָבֶּר אַייאוּר גֶעלְד פַר דֶם קָארוּן אִיז גְקוּמַן אוּנ מַיין הַאנְד אוּנ עֶר הָט צוּ זַיי אוּם גְצוֹגוּן שִׁמְעוֹן (וַיָּכִינוּ אֶת הַמִּנְחָה) אוּנ זַיי הָבּוּן גַאנְץ שֵׁיין אָן גְבְּרֵייט דוּ מַתָּנָה צוּ גֶעבּוּן צוּ יוֹסֵף אוּנ ווי יוֹסֵף אִיז גוּקוּמוּן הָבּוּן זַיי

זיך גבוקט מיט דר מתנה אקעגן יוסף האט
ער זיי גפרעגט אויב זייער פאטער איז גזונד
האבן זיי גזאגט ער איז גזונד אונ האבן זיך
ווידער גבוקט צו אים ווייל ער פרעגט אויף
זייער פאטערס גזונד אונ ווי יוסף האט דר
זעהן זיין ברודר בנימין פון זיין מוטר האט ער
גפרעגט איז דאס אייער קליינער ברודער
וואס איר האט גזאגט האבן זיי גזאגט דאס איז ער
האט יוסף גזאגט גאט זאל דיך לייט זעליגן
מיין זון אונ האט זיך זייער דער ברומט
איבר בנימין אונ האט גוואלט וויינן אונ
איז אריין גגאנגן אונ איין קאמור אונ
האט דארטן גוויינט אונ האט אפ
גווישט דאס פנים אונ איז ארויס גגאנגן
אונ האט גהייסן צו טיש גרייטן צוא
אים בזונדער אונ צו די ברודר בזונדער
אונ צוא דוא מצרים פון זיין הויז בזונדר
בזונדר דען דוא מצרים עסן נוט מיט
קיין יהודי קיין ברוט ווייל דוא יהודים
עסן שאף אונ די מצרים דינן דר צוא
(וישבו לפניו הבכור כבכורתו והצעיר
כצעירתו) אונ יוסף האט גנומן דעם
בעכור אונ דער האנד אונ האט גקלאפט
אונ זאגט ראובן שמעון לוי יהודה יששכר
זבולון זענן פון איין מוטר זעצט אייך
ביי אננדר אונ אזו אלו אונ אז ער איז
גוקומן צוא בנימין זאגט ער דוא האסט
קיין מוטר אונ איך האב נוט קיין מוטר
זעין דיך לעבן מיר (ויתמהו האנשים)
האבן דוא ברודר זיך פר וואונדרט דר
תולדות יצחק שרייבט זייא האבן זיך
פר וואונדרט פון וואס פר איין אומה ער
איז דען ער עסט נוט מיט אונז אונ אויך
נוט מיט די מצרים (וישא משאות) אונ
יוסף האט אוטליכן ברודר גגעבן
מתנות אונ צו בנימין האט ער גגעבן
פונף מתנות איין חלק אזו ווי די ברודר
אונ איין חלק האט אסנת גגעבן אונ
צווייא חלקים האבן מנשה ואפרים גגעבן
(וישתו וישכרו עמו) אונ דוא ברודר
זענן וואורן פאר טרונקן מיט יוסף דען
יוסף האט אנדר גטוואן ער זאל קיין
וויין נוט טרונקן ביז ער וועט זעהן זיינע
ברודר אונ וועט וויסן אוב זיין פאטר
לעבט אונ ווי ער איז גוואר גוואורן האט
ער גטרונקן וויין אונ די ברודר האבן
אויך איין נדר גטון זיי זאלן נוט טרונקן
קיין וויין ביז זיי וועלן גוואר ווערן ווי
יוסף איז אונ חאטשע זיי האבן נאך נוט
גוויסט ווי יוסף איז האבן זיי דאך גטרונקן
ווייל זיי האבן מורא גהט ווען זיי וועלן
קיין וויין נוט טרונקן וועט יוסף זאגן זיי
זענן גוויס מרגלים אונ האבן מורא וויין
צו טרונקן כדי זיי זאלן זיך עפיס נוט אויס
ריידן דרום פון סכנה וועגן האבן זיי
גטרונקן וויין (ויצו את אשר על ביתו)
אונ יוסף האט גבאטן דעם וואס איז
איבר זיין הויז ער זאל דר פילן זייארו
כלים מיט קארן ווי פיל זיי קענן דר
טראגן מער פון זייאר געלד אונ מען
זאל אוטליכן זיין געלד אונ זיין זאק
אריין לייגן אונ מען זאל זיי זאגן דאס
ווייל יוסף האט אייך חושד גוועזן פאר
מרגלים דרום בעט ער אייך איבר מיט
דעם געלד דס איר זאלט אים מוחל זיין
דר רמב"ן אונ דר בחיי שרייבן ווען מען
זאל דאס געלד אן זייער וויסן אונ די
זעק אריין לייגן אזו וויא דעם בעכר אזו
וואלטן זייא גקענט זאגן דס זיי האבן
דעם בעכור נוט גגנבות גייערט עס איז
אונ אונזרו זעק גוקומן אן אונזר וויסן
אזו וויא דס געלד וואס מיר האבן אונ
ריין האנד גגעבן אונ עס איז אונ אונזרו
זעק אונ יוסף האט גהייסן נעמן דעם
בעכור וואס ער טרונקט מיט אים אונ
מען זאל אים אריין לייגן אונ דעם זאק
פון בנימין דר חזקוני שרייבט דרום האט
ער גהייסן דעם בעכער אריין לייגן
אונ זאק פון בנימין ווייל ער האט גטרכט
טאמור האבן די ברודר גנומן איין
פרעמדן אונ זאגן ער איז בנימין דרום
האט ער גהייסן אום דעם בעכור אריין

ליגן ווען זיא וועלן זייער האלז פאר אום שטעלן אוז דאס גווים בנימן (הבוקר אור והאנשים שלחו) אז עס איז טאג גוואָרן האט מען די מענשן אוועק גשיקט פון דאנן לערנן אונזרו חכמים אף דאס מען זאל ארום גיין פון דער שטאט אז עס איז שון טאג אונ מען זאל אריין גיין אונ שטאט אז עס איז נאך טאג (לא הרחיקו) די מענשן זענן נאך נוט וויט אוועק גגאנגן פון דר שטאט האט יוסף גהייסן נאך יאגן כדי מען זאל זיא נוט מטריח זיין פון וויט אום צו קערן זיי אונ מען זאל זיי זאגן וואָרום האט אור בצאלט בייז פאר דעם גוטס וואס מען האט אייך גוטואן צוא גנבונן דעם בעכער (הלא זה אשר ישתה אדני בו) פאר וואר דס איז דר בעכער וום מיין האר טרונקט מוט אום אונ ווער עס נעמט עפוס פונדם טוש פון דם שליט איז חייב מיתה (והוא נחש ינחש בו) אונ ער טוט מוט אום כושוף דרום איז ער אום זייער לוב. דער רמב"ן שרייבט דר נאך יאגער האט גזאגט מיין האר האט גפרעגט די מכשפים האבן זיי גזאגט דר בעכר איז בייא אייך דרום האט ער אייך גהייסן נאך יאגן האבן דוא ברודור גענפורט וויא גשוקט זוך דם מור זאלן טואן אזו איין זאך צו גנבונן דם בעכור דען דם געלד וואס מור האבן גפונן אונ אונזרו זעק האבן מור אום גקערט צו דור אונ ווי זאלן מור גנבונן פון דיין הרן געלד אודור זולבר דרום ביי וועמן דו ווסט גפונן דם בעכער דער זאל ווערן גטייט אונ מור אלו וועלן זיין קנעכט צו מיין הערן הט דר נאך יאגר גזאגט עס איז אמת ווען מען גפונט ביי איין חברותה איין גניבה דארף מען זיי אלו נעמן פר קנעכט נור איך וועל מוט אייך חסד טואן ווי איך וועל מיין גניבה גפונן דר וועט זיין איין קנעכט אונ איר וועט גיין לשלום צו אייער פאטר אונ דר

רמב"ן שרייבט אזו האבן די ברודור גזאגט ווען מען גפונט אגניבה בייא איינם פון זיין חברותה זענן אלו פטור ווען זיי האבן דר פון נוט גוויסט נור מור זענן צעהן ברודור ווען דו וועסט בייא איינם דוא גניבה גפונן וועלן מור זוך אלו אונטער געבן פאר קנעכט האט דער נאך יאגר גזאגט (כדבריכם כן הוא) עס איז אמת אזו וויא אור זאגט ווען מען גפונט איין גניבה בייא איינם פון איין חברותה זענן אלו פטור דרום וויל איך אייך אוך אלו מאכן פטור נאר בייא דם וום איך וועל גפונן די גניבה דם וועל איך נעמן פאר איין קנעכט (ויחפש בגדול החל) הט דר נאך יאגור אן גהובן צוא זוכן בייא דעם עלצטן ברודור אונ הט אום גלאזט בייא דעם קלענסטן כדי זיא זאלן נוט דער קענן דם ער הט אריין גלייגט דעם בעכור אונ זאק פון בנימין אונ דער בעכור איז וואָרן גפונן אונ זאק פון בנימין האבן די ברודור זוך פר שעמט אונ האבן אום גשלאגן אונ האבן צו אום גזאגט דו בוסט גבורן גוואָרן צו זיין אגנב דען דיין מוטור רחל האט אוך גגנבות בייא לבן די בולדער אונ ווייל זיי האבן אום חושד גוועזן אומזוסט דרום הט ער זוכה גוועזן אז דם בהמ"ק איז וואָרן גבואוט אונ זיין חלק לאנד (הרעותם אשר עשיתם) אור הט שלעכט גוטון. (הננו עבדים לאדוני וגו' גם אשר נמצא הגביע בידו) מור אלו וועלן זיין קנעכט צו מיין האר אונ אוך דער וואס מען הט בייא אום גפונן דעם בעכור פרעגט דר תולדות יצחק וום האבן זיי נאך גדארפט זאגן דר וום מען הט ביי אום גפונן דעם בעכור ווערט אוך זיין אקנעכט קען דען אנדרש זיין דר תירוץ איז זיי האבן גזאגט דם שטראפט אונז גאט ווייל מור האבן גזינדגט צו פר קופן יוסף דרום וועלן מור אלו זיין קנעכט אונ נוט אזו מור אפלו דר וום מען האט

ביא אום דעם בעכור גיפונן וואס ער איז נוט גוועזן ביא דעם פאר קופן פון יוסף דר וועט אוך זיין א־געבט אונ דרום האבן זיא גזאגט גם אנחנו כלומר מיר אוך וואס מיר האבן קיין עבירה נוט גטון מיט דעם בעכור וועלן מיר אוך זיין קנעכט (ויקרעו שמלותם) אונ זיי האבן צו ריסן זייערו קליידר ווייל זיי האבן גורם גוועזן אז זייער פאטר זאל צוא רייסן זיינו קליידר פון וועגן יוסף דרום הט זיי גאט גשטראפט זיא זאלן אוך צו רייסן זייערו קליידר אונ בנימין וואס הט אום זוסט צו ריסן זיינו קליידר הט ער זוכה גוועזן דאס פון אום איז ארוס גקומן מרדכי וואס איז גגאנגן אונ בגדי מלכות אונ דו צייטן פון אחשורוש אונ דר נאך יאנור איז גוועזן מנשה אונ ווייל ער הט גורם גוועזן אז דו ברודר האבן צו ריסן זייערו קליידר דרום איז זיין נחלה וואורן צו ריסן אונ צו טיילט דס ער הט האלב גונומן פון דר זייט ירדן אונ האלב אונ ארץ ישראל (ויפלו לפניו ארצה) אונ דו ברודר זענן גפאלן פר יוסף צו דער ערד אונ בנימין איז אוך גפאלן דא איז מקוים גוואורן דס אלו עלוף ברודר האבן זוך גבוקט צו אום אזו וויא דו עלוף שטערן האבן גוויזן (מה נאמר לאדוני) וואס זאלן מיר זאגן אוף דעם ערשטן געלד וואס איז גוקומן אונ אונזרו זעק אן אונזר וויסן (מה נדבר ומה נצטדק) וואס זאלן מיר אצונד ריידן אוף דעם בעכור גאט הט אצונד גופונן איין אורט צו שטראפן אונז אוף אונזרו עבירות דער אבן שואב פרעגט וואורום הט יוסף גוואלט אוועק שוקן זיינו ברודר אן בנימין מצער צו זיין דעם פאטר אונ ווארום הט ער נוט גזאגט באלד אז ער איז יוסף דר תירוץ איז יוסף הט גוויסט דס עס איז שווער צו יעקב ארוס צו גיין פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ קיין מצרים דרום הט ער נוט גוואלט מאכן דס יעקב זאל קומן קיין מצרים דורך אום נאר אז יהודה הט אום דר צערונט מיט הארטו רייד הט ער זוך גומוזט דר קענן אונ יעקב איז דורך דעם גוקומן קיין מצרים דא הט יוסף גטראכט דס איז פון גאט אונ אוך בין נוט שולדוג אונ יעקב הט זוך פרור אן גפרעגט אונ גאט אוב ער זאל גיין קיין מצרים הט גאט אום גזאגט (אל תירא מרדה מצרימה) דוא זאלסט דוך נוט פארכטן צו נודורן קיין מצרים אונ גאט הט נוט גלאזט וויסן צו יעקב צוויי אונ צוואנצוג יאר דאס יוסף איז אונ מצרים דען עס איז נאך נוט גוועזן דו צייט פון דעם גלות מצרים ווייל יצחק הט גלעבט דרום הט יעקב נוט גדארפט קומן קיין מצרים אונ דס האט יוסף אוך גוויסט דס אובור יצחק קען יעקב נוט קומן קיין מצרים דרום האט ער גפרעגט זיינו ברודר (השלום אביכם הזקן) דאס איז טייטש לעבט נאך אייער עלטער פאטער יצחק דען אז יוסף הט גזאגט צו זיינו ברודר דס זיי זענן מרגלים האבן זיי גזאגט אז זיא קומן ארוס פון חשובו לייט פון אברהם אונ יצחק דרום האט ער זייא גפרעגט לעבט נאך אייער עלטר פאטור יצחק האבן זייא אום גענפרט (שלום לעבדך לאבינו עודנו חי) אונזר פאטער לעבט נאך ער זאל פר שטיין דס דער עלטור פאטור לעבט שון נוט דען זייא האבן נוט גוואלט קיין בייזו בשורה בשיידלוך זאגן פון דאנון לערנן מור אפ אז א בייזו בשורה זאל מען נוט זגן בשיידלוך נאר בדעקט אזו ווי אונ דער גמרא שטייט רבי חייא הט גפרעגט צוא רב לעבט מיין פאטור האט ער גזאגט דיין מוטור לעבט כדי ער זאל פר שטיין אז זיין פאטור לעבט נוט (ויאמר חלילה לי מעשות זאת) הט יוסף גזאגט חלילה

דָם אוּךְ זָאל אַייךְ אַלוּ נֶעמוּן פַר קְנֶעכְט נָאר בַּיי דֶעם וָוס מֶען הָט דֶעם בֶּעכֶר גְפוּנְן דֶר זָאל זַיין אַקְנֶעכְט אוּנ אִיר גֵייט לְשָׁלוֹם צוּ אַייֶער פָאטֶער :

הפטרת מקץ

(וַיִּקַץ שלמה וְהִנֵּה חֲלוֹם) שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ אוּף גְחַאפְּט פוּן זַיין שְׁלָאף אוּנ הָאט פַּר שְׁטַנְן דָם זַיין חָלוֹם אִיז אֱמֶת הָט עֶר אוּךְ פַּר שְׁטַנְן וָוס עֶר זָגְט דְרוּם אִיז עֶר גְקוּמֶן קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אוּנ הָט זִיךְ גְשְׁטֶעלְט פַר דֶעם אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ פוּן גָאט אוּנ הָט מַקְרִיב גְוֶוען עוֹלוֹת אוּנ שְׁלָמִים אוּנ הָט פַר שִׂמְחָה גְמַכְט אַסְעוּדָה צוּ אַלוּ זַיינוּ קְנֶעכְט וַוייל עֶר הָט פַר שְׁטַנְן דָם דֶער חָלוֹם אִיז אֱמֶת (אָז תָּבֹאנָה שְׁתַּיִם נָשִׁים זוֹנוֹת אֶל הַמֶּלֶךְ) דֶעמְצְמָאל אַז שְׁלֹמֹה אִיז גְוֶוען אוּנ יְרוּשָׁלַיִם זֶענִן גְקוּמֶן צְוֵויי ווייבֶּר זוֹנוֹת פַאר דֶעם מֶלֶךְ צוּם מִשְׁפָּט אוּנ הָאבּן זִיךְ גְשְׁטֶעלְט פַר אִים הָט אֵיין אִשָּׁה גְזָאגְט אוּךְ בֶּעט דוּךְ מַיין הַאר אוּךְ אוּנ דוּא אִשָּׁה זִיצִן מִיר אוּנ אֵיין הוֹיז אוּנ אוּךְ הָאבּ מוּט אִיר גְוִוינְן אוּנ הוֹיז אוּנ עֶס אִיז גְוֶוען דֶם דְרִיטֶן טָאג פוּן מַיין גְוִוינְן הָט דוּ אִשָּׁה אוּךְ גְוִוינְן אוּנ מִיר זֶענִן נָאר אַלֵיין אוּנ הוֹיז קֵיין פְרֶעמְדֶר אִיז נִיט דָא אוּנ הוֹיז נָאר מִיר בֵּיידוּ אוּנ עֶס אִיז גְשְׁטָארְבְּן דֶער זוּן פוּן דֶר אִשָּׁה בַּיי נַאכְט וַוייל זִיא הָט זִיךְ גְלֵייגְט אוֹף אִים אִין שְׁלָאף אַזוֹ אִיז זִיא אוֹף גְשְׁטַאנְן בַּיי דֶער נַאכְט אוּנ הָט צוּ גְנוּמֶן מַיין זוּן פוּן מִיר אוּנ אִיךְ בִּין גְשְׁלָאפְן אוּנ זִיא הָאט דָאס קִינְד גְלֵייגְט אוּנ אִיר שׁוֹס אֵין אִיר טוֹטְן זוּן הָט זִיא גְלֵייגְט אוּנ מַיין שׁוֹס אוּנ אִיךְ בִּין אוֹיף גְשְׁטַנְן אִין דֶר פְרוּא צוּ אִן זֵייגְן מַיין זוּן הָאבּ אִיךְ גְזֶעהְן דָם עֶר אִיז טוֹט הָב אוּךְ מִיךְ צוּ אִים צוּ גְקִיקְט אִיז דָם נִיט מַיין זוּן וָוס אִיךְ הָב

גְוִוינְן הָט דוּ אַנְדֶרוּ אִשָּׁה גְזָגְט עֶס אִיז נִיט אַזוֹ וִוי דוּא זָאגְסְט נֵייאֶרְט מַיין זוּן אִיז דֶער לֶעבֶּדִיגֶער אוּנ דַיין זוּן אִיז דֶער טוֹטֶער אוּנ דוּ אִשָּׁה זָאגְט עֶס אִיז נִיט אַזוֹ נָאר דַיין זוּן אִיז דֶר טוֹטֶער אוּנ מַיין זוּן אִיז דֶר לֶעבֶּדִיגֶער הָט דֶר מֶלֶךְ גְזָאגְט דוּ אִשָּׁה זָאגְט דֶר לֶעבְּדִיגֶער זוּן אִיז מַיין אוּנ דַיין זוּן אִיז דֶר טוֹטֶער אוּנ דוּ אִשָּׁה זָאגְט דַיין זוּן אִיז דֶר טוֹטֶער אוּנ מַיין זוּן אִיז דֶער לֶעבְּדִיגֶער פוּן דַאנְן לֶערְנְן מִיר אָפּ דָאס אוּטְלוּכֶר דַיָּין דַארְף אִיבֶּער רֵיידְן דוּא טַעֲנוֹת פוּן דוּ בַּעֲלֵי דִינִים אֵיי עֶר וֵויל זֵייא זָאגְן דֶעם פְּסַק צוּא וַוייזְן זֵייא דָאס עֶר פַר שְׁטֵייט זֵייעֶרוּ טַעֲנוֹת אוּנ וֶועט זִיא רֶעכְט פַּסְקְנֶן נָאךְ זֵייעֶרוּ טַעֲנוֹת נָאךְ אַזוֹ הָט דֶער מֶלֶךְ גְזָאגְט בְּרֶענְגְט מִיר אֵיין שְׁוֶוערְד הָאט מֶען גְבְּרַכְט אֵיין שְׁוֶוערְד פַר דֶם מֶלֶךְ הָט דֶר מֶלֶךְ גְזָאגְט צוּ שְׁנַייד דָם לֶעבְּדִיגוּ קִינְד אוֹף צְוֵויי חֲלָקִים הַלְבּ צוּ אֵיין אִשָּׁה אוּנ הַלְבּ צוּ דֶר אַנְדֶרֶר הָט דוּ אִשָּׁה וָוס אִיר זוּן אִיז דֶער לֶעבְּדִיגֶער גְזָגְט צוּם מֶלֶךְ וַוייל עֶס אִיז וְוארְן דֶר הוּצְט אִיר דֶר בַּרוּמְקֵייט אוֹף אִיר זוּן אוּנ זוּ הָט גְזָאגְט אוּךְ בֶּעט דוּךְ מַיין הַאר גִיט אִיר דָאס לֶעבְּדִיגוּ קִינְד אוּנ אִיר זָאלְט אִים נִיט טֵייטְן אוּנ דוּ אַנְדֶרוּ אִשָּׁה הָט גְזָאגְט נִיט צוּ מִיר אוּנ נִיט צוּא דִיר זָאל עֶר זַיין צוּא שְׁנַייד אִים הָט דֶר מֶלֶךְ גְעֶנְפֶערְט אוּנ הָט גְזָאגְט גִיט אִיר דָם לֶעבְּדִיגוּ קִינְד אוּנ אִיר זָאלְט דָם נִיט טֵייטְן דֶען דָאס אִיז זַיין מוּטֶער דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט אֵיין בַּת קוֹל אִיז גְקוּמֶן פוּן דֶעם הִימְל

אוּנ

נופת

פְּתַח רַבִּי יֵיסָא הָט אָנְגְהוֹבְּן דַרְשְׁנֶן דָם פָּסוּק (וַה׳ נָתַן חָכְמָה לִשְׁלֹמֹה כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לוֹ וַיְהִי שָׁלוֹם בֵּין חִירָם וּבֵין שְׁלֹמֹה וגו׳) דָאס טֵייטְשׁ גָאט הָאט גְגֶעבְּן חָכְמָה צוּ שְׁלֹמֹה אַזוֹ וִוי עֶר הָט אִים צוּ גְזָאגְט אוּנ עֶס אִיז גְוָוארְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אִים אוּנ צְוִוישְׁן חִירָם מֶלֶךְ צוֹר מַ״ט, מוּז פַארְשְׁטֵיין וָוס דָאס אוּנ פְּלוּג פַאר אַסְמִיכוּת זַיין חָכְמָה צוּ חִירָמְס שָׁלוֹם. אֶלָּא דוּ מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹ דֶער חִירָם הָאט זִיךְ אֵיין גְרֶעט אַז עֶר אִיז אַגָאט וִויא יְחֶזְקֵאל זָאגְט אוֹיף אִים (מוֹשַׁב אֱלֹהִים יָשַׁבְתִּי וגו׳) אוּנ מִיר הָאבְּן גְלֶערְנְט רַבִּי יִצְחָק זָאגְט

צופים

פוּן רַבִּי יְהוּדָהְס וֶועגְן שְׁלֹמֹה הָאט צוּ אִים גְשִׁיקְט אֵיינֶעם אַגִיוֹוִיסְן שֵׁד וָואס עֶר הָאט אִים גְמַאכְט אַרָאפּ גְדֶערְן אוּנ אַלוּ שִׁבְעָה מְדוֹרֵי גֵיהִנָּם אוּנ צוּרִיק אִים אוֹף גְבְּרַאכְט אוּךְ פְּלֶעגְט עֶר דוּרְךְ דֶעם שֵׁד טָאג פַר טָאג שִׁיקְן צוּ חִירָם צֶעטְלוּךְ גְשְׁרִיבְּן וֶועגְן דֶעם בִּיז עֶר הָט אִים אַרָאפּ גְפוּרְט פוּן דוּא מַחְשָׁבָה אוּנ חִירָם הָאט אִים מוֹדֶה גְוֶוען אַז עֶר אִיז גְרֶעכְט וַוייל שְׁלֹמֹה הָאט אַלֶעם גְוואוּסְט אֲפִילוּ דוּא חָכְמָה וָואס מִצַּד טוּמְאָה וְסִטְרָא אַחֲרָא אוּךְ אוּנ מוּט זַיין חָכְמָה הָאט עֶר אִיבֶּער אַלֶם דוּנְג שְׁלִיטָה גְהַאט דְרוּם שְׁטֵייט וַה׳ נָתַן חָכְמָה

און האט גזאגט דס איז זיין מוטר דען שלמה הט רעכט גפסקנט (וישמעו כל ישראל את המשפט אשר שפט המלך) אונ כל ישראל הבן געהערט דעם משפט וום דער מלך הט גמשפט האבן זיי זיך גפרכטן פר דעם מלך דען זיי הבין גזעהן דאס דוא חכמה פון גאט איז אונ אום צוא טאן משפט אונ זיי האבן מורא גהאט צו טאן ביין אפילו אונ פר בארגנויש דען זיי האבן זיך גטראכט ער ווערט דם גוואר ווערין מיט חכמה אזו ווי ביי דוא צוויי ווייבור אונ דער מלך שלמה איז גוועזן אמלך איבור כל ישראל דען אז זיי האבן גזעהן זיין חכמה האבן זייא זיך גפרייט מיט זיין מלוכה אוך לערינט מען אפ פון דר הפטורה וום ווייבור

נופת

וגו׳ ויהי שלום וגו׳ צו לוב זיין חכמה איז גוואורן שלום צווישן זייא היינו חירם הט אים מודה גוועזן אז עס איז דא איין בורא יחיד וג״יו״ד ואגט דער זוהר הקדוש דאס גלייכן ר׳ שמעון בן יוחאי דורך זיין גרוס חכמה האט ער ממשלה אוף דער גאנצער וועלט אונ ווער עס ווערט נתעלה צו איין מדרגה איז נאר כדי מען זאל מיט אים שלום מאכון אונ מסכים זיין צו זיין דעה . יתיב ר׳ שמעון איז אמאל גזעסן אונ זיין זון ר׳ אלעזר איז גשטאנון אונ מפורש גוועזן סודות החכמה . זיין פנים הט גשיינט וויא די זון אונ זיינו ווערטר זענון גפלוגן אונ הזמול אונ ביידו האבין ניט גוואוסט אוב עס איז טאג אדר נאכט לסוף האבון זייא וויך דער וואוסט אז עס איז שון אוועק צווייא טעג אונ זייא האבון קיין זאך אונ מול ניט גהאט אז ר׳ חייא האט דאס דער ציילט צו רבי הט ער זיך שטארק פאר וואונדרט זאגט זיין פאטור ר׳ שמעון בן גמליאל צו אים . מיין זון ר׳ שמעון בן יוחאי איז איין לייב אונ זיין זון ר׳ אלעזר איז אלייב אונ ניט וויא אלו לייבון . אוף ר׳ שמעון איז גזאגט גוואורן דער פסוק אריה שאג מי לא יירא וגו׳ ווען אלו עולמות עליונים צוטערון פר אים מכל שכן דאס מיר דארפון ציטרון פאר אים . ער איז איין מאן וום קיין מאל הט ער ניט גוזר תענית גוועזן דען אז ער איז וואס גוזר איז הקב״ה תיכף מקיים אונ ווען הקב״ה איז גוזר קען ער מיט זיין זכות מבטל זיין דער זוהר ברענגט אראיה דארוף פון

האבן גרונגו דיעות דען די אשה הט געהייסן צו האקון דס קונד גאר אים זוסט דאס וזאט שלמה המלך גזאגט אונ קהלת (ואשה בכל אלה לא מצאתי) עס איז ניט צוא קריגן קיין גוטו אשה דער מדרש שוחר טוב שרייבט רבי שמואל בר נחמני זאגט דם מויל פון שלמה האט גרעט חכמות ער הט גזאגט גאט האט גוויסט דס אזו אדין ווערט קומון מיט צווייא ווייבור אונ צוויי קונדר דרום הט ער דעם מענשון בשאפון מיט צווייא אוגון אונ מיט צוויי אוערון אונ מיט צוויי נאז לעכור אונ צוויי פוס כדי מען זאל אום קענון גלייך צו טיילון דרום צו הקט דאס קונד דאן ווערט אור קענין איטליכר אשה איין גלייך חלק געבון :

צופים

אפסוק תנן מור האבון גלערונט אז עס איז ניט דא אזו איין גלובטו זאך פאר הקב״ה וויא דוא תפלה פון דוא צדיקים אונ פון דעסט וועגון פרעפט אמאל אז ער מוט ניט זייער בקשה אזו וויא מיר גפונון דם אמאל האט די וועלט באדארפט האבון רעגון האט רבי אליעזר גוזר גוועזן פערצוג תעניתים אונ מתפלל גוועזן אונ עס האט פארט ניט גרעגונט הט ר׳ עקיבא זיך אנודור גשטעלט דאווינון וויא ער הט אום גרעט דוא ווערטר משיב הרוח איז גוואורן אווינט . מוריד הגשם הט אן גהובון רעגנון אז ר׳ אליעזר גוואורן בייא זיך אראפ גפאלון האט ר׳ עקיבא אן גהובון זאגון פארון עולם אזו . אוך וועל אייך זאגון איין משל אליעזר איז גגלוכון צו דעם בעסטון גוטור פריינד פון מלך . ווען ער קומט וום בעטון גיט ער אום ניט תיכף זיין בקשה דען דער מלך וויל ער זאל וואס מער בייא אום אונ פאלוק פאר זאמון אונ איז מקבל נחת פון זיינו זוסו רייד אונ אוך בון גלייך צו איין קנעכט וואס דער מלך וויל נאר ניט ער זאל אריין צו אום אונ פאלוק אונ אפשיטא שון ריידון מיט אום . וויא דער מלך דער וערט אום הייסט ער אום תיכף געבון זיין בקשה אונ ער זאל ניט אריין קרובון צו אום דאמוט איז ר׳ אליעזר ריהוג גוואורן נאכהער הט ר׳ אליעזר פר אום דער קלערט על פי סוד דעם טעם פאר וום ער איז ניט גענטפערט גוואורן :

צאינה פרשת ויגש וראינה

(ויגש אליו יהודה) אונ יהודה הט גגענט צו יוסף מיט ווייכו רייד צו שטולון אום זיין צארון אזו ווי אונ פסוק שטייט (מענה רך משיב חמה) ווייכו רייד קערון אום דעם צארון אונ ער האט גזאגט צו יוסף דוא אלו רייד וואס דא ווייטער וועלון שטיין כדי יוסף זאל זיך איבור זייא דער בארומון אונ יהודה האט זיך

אן גוגרייט צו משפט אונ צו גוטורייד
אונ צוא מלחמה דרום האט ער גזאגט
(כי אדוני) אונ מור וועסטו אלץ גפונון
אודער משפט אודער ווייכו רייד אודער
מלחמה וועסטו אויך נוט קענון בשטיין
אקעגון מור אונ נאך איין פשט אוז יהודה
האט גוזאגט (כי אדוני) אונ מור לאז
זיין דוא עבירה פון דעם בעכור אוך
וועל אויך זיין אורט איין קנעכט זיין
אונ אוב דוא וועסט פרעגון ווארום נעם
אוך מוך פר אום אן מיין פון אלו ברודר
(כי עבדך ערב את הנער) ווייל אוך
האב צוא מיין פאטור ערב גוועזן פאר
אום צוא ברענגון אום אהיים (כי כמוך
כפרעה) דוא בוסט אונ מיינו אוגון חשוב
אזו וויא פרעה נאך איין פשט אוז דוא
וועסט גשלאגון ווערון אובור בנימין אוב
דוא וועסט אום האלטון אזו וויא פרעה
אוז ווארון גושלאגון ווייל ער האט שרה
גהאלטון אוז ער מצורע גווארון אזו
וועסט אוך מצורע ווערון (אדוני שאל
את עבדיו לאמר היש לכם אב או אח)
דו האסט אונז גפרעגט אוב מור האבון
איין פאטער אודור איין ברודור וואס
האסטו אונז גודארפט פרעגון האבון
מור דען גוואלט ביי דור איין טאכטר
נעמון אונ ווייל דוא האסט אונז גפרעגט
האבון מור דור דעם אמת גוזאגט דאס
מור האבון איין אלטון פאטור אונ איין
קליינום ברודור אונ איין ברודור אוז
גשטארבון אונ אין פרשת מקץ האבון
זיי גזאגט ער אוז ווארון פר לארון נאר

ספר הישר

אין ווי יהודה הט דער זעהן וואס דער שני למלך
האט גטון צו זיי הט יהודה גנעמט צו יוסף אונ
הט גזאגט אוך בעט דעם הארון אז דער הער זאל
צו הערון ווס דער קנעכט וועט ריידון הט יוסף אום
גענפרט רייד אונ אוך וועל צו הערון הט יהודה צו
אום גזאגט פר וואר בשעת אז מור זענון גקומון צום
ערשטון קופון קארון בייא דור האסטו אונז גמאכט
פאר אום שפעהרם אונ האסט אונז גהייסון ברענגון
אונזר יונגסטון ברודער האבון מור אום גבראכט צו
דיר אונ אצונד מאכסטו ווייטור איין בלבול אוף אונז
אצונד בעט אוך דעם הערון אז דער הער זאל אונז
אום קערון אונזר ברודר אונ מור וועלון גיין מוט
פרוד צו אונזר פאטר אונ איב נוט וועלון מור פר
וויסטון מצרים . אונ יוסף הט גענפרט צו יהודה ווס
עפונסטו דיין ברייט מויל אונ רעטסט אן הכנעה דא
שווער אוך אז ווי פרעה לעבט אז אוך וועל הייסון
אז מיינו גבורים זאלון מלחמה האלטון מוט אייך
וועסטו מוט דיינו ברודער דער טרונקון ווערון אונ
דייער שפייעכץ ווס אוטלוכר פון זיי וועט איין שפיי
טון אונ ער הט ווייטר גזאגט צו יוסף גאט אוז איין
עדות אז אוך וויל נוט מלחמה האלטון (הדר כבודך)
אין אוך בעט אז דו זאלסט אפ געבון אונזר ברודר
אין מור וועלון אוועק גיין אונ יוסף הט ווייטר גענפרט
צוא אום אוך האב דור שוין לאנג גזאגט אפילו דוא
וועסט קומון מוט אלו שרים פון כנען וועסטו ביי מור
ניט אפ נעמון דיין ברודר אונ יוסף האט אן גהובון
צוא ריידון אונ האט גזאגט יוסף יוסף קום וועסטו
דיך זעהן מוט דיינו ברודר אונ ווי יוסף האט אזו
גזאגט האבון זוך דו ברודר ארום אום גקוקט אהון
אין אהער צוא זעהן פון וואנוט יוסף וועט אן קומון
אין יוסף הט צוא זיי גזאגט נאך וואס בדארפט אור
קוקון אהון אונ אהער פר וואר אוך בון יוסף וואס
איר הט מוך פר קופט קיין מצרים אונ אצונד לאז
אייך גוט באנק טון אונ אייערו אוגון ווס אור הט מוך
פר קופט דען צוא איין דער נערונג האט גאט מוך
גשוקט אהער אונ ווי זיי האבון דס דר הערט זענון
זיי דער שראקון גווארון אונ יהודה אוז נאך מין דר
שראקון גווארון אונ ווי בנימין הט דער הערט דוא
דאזוגע רייד אוז בנימין צו גלאפון צו יוסף אונ הט
אום גהאלזט אונ גוויינט אונ וויא דו ברודער האבון
דס דער זעהן זענון זיי אוך גפאלון אוף יוספס האלז
האבון אוך גוויינט . אונ אלו האבון זוך צו זאמון
זייער גפרייט אונ דו זאך אוז גהערט גווארון אונ דם
הוז פון פרעה אז דו לייט זענון דו ברודר פון יוסף
איז אום זייער וואל גפעלון דו זאך . אונ פרעה הט
גשוקט זיינו שררות אונ גבורים צו יוסף אז זיי זאלון
זיך פרייאון מוט זיינו ברודר אונ פרעה הט גשוקט
צו יוסף אז ער זאל זאגון זיינו ברודר אז זיי זאלון
ארום פארון קיין מצרים אונ אוך זאל יוסף געבון צו
זיינו ברודער גרוסו מתנות אונ זאל אוטלוכן אן
קליידון פיינו קליידור אונ זאל געבון צוא אוטלוכין
דריי הונדרט שטוק זולבר אונ יוסף הט זיי גהייסון
אן טון דו גוטע קליידר אונ האט זיי גובראכט פאר
פרעה אונ ווי פרעה הט דער זעהן דו ברודער פון
יוסף אונ אז זיי זענון אלו גרוסו גבורים אונ זייער
שיינו מענשון האט ער זוך דרוף זייער גופרייט אונ
דער נאך זענון זיי אוועק גגאנגון פון פרעה אונ גיין
צום לאנד כנען צוא זייער פאטור :

דא האבן זיא מורא גהאט ווען זיא
וועלן זאגן ער איז ווארן פאר לארן
וועט יוסף זאגן זוכט אים אונ ברענגט
אים אהער דרום האבן זיא גזאגט מיר
זענן גיווער גווארן דאס דער ברודור
איז גשטארבן האסטו גזאגט ברענגט
אהער אייער קליינים ברודור האבן
מיר דיר גוענפרט ווען דער יונג וועט
אוועק גיין פון זיין פאטור קען זיין דס
דער פאטור זאל פאר צער שטארבן
אונ דער יונג אוך האסטו צוא אונז
גזאגט איר זאלט נוט מער זעהן מיין
פנים אוב אייער קליינר ברודור וועט
נוט זיין מיט אייך אונ אז מיר זענן גקומן
צו אונזר פאטור אונ האבן אים דאס
אלין דער ציילט האט אונזר פאטור צו
אונז גזאגט איר ווייסט וואל (כי שנים
ילדה לי אשתי) דס מיין ליבסט ווייב
רחל האט מער נוט גהאט נאר צווייא
קינדור יוסף אונ בנימין אונ יוסף איז נוט
דא אונ אוב איר וועט בנימין אוך צוא
נעמן (וקרהו אסון) אונ טאמור וועט
אים הלילה עפוס טרעפן אויף דעם וועג
אזו ווי צו זיין ברודער וייל ער איז נוט
גוויינט צו גיין אונ וועג וועל אוך פר צער
שטרבן ווארום אז בנימין איז ביי מור
טרייסט אוך מוך מוט אים אויף זיין מוטר
אונ אויף זיין ברודור אונ ווען איר וועט
בנימין פר לורן וועט מור גלייך זיין דס
זיא זענן אלו דרייא אונ איין טאג
גשטארבן דער בחיי שרייבט יהודה הט
גזאגט צוא יוסף הוט דוך פר מיין פאטור
דען ער האט גשאלטן צו רחל וואס זו
האט גנומן די בולדר פון לבן איז זוא
אונ וועג גשטארבן וועט ער דוך אוך
שעלטן אונ בנימין איז היילוג דס דאס
בהמ"ק וועט גבויאט ווערן אונ זיין חלק
דרום גוב אים אונז ארום (כי עבדך ערב
את הנער) דען אוך האב פאר אים ערב
גווען צוא ברענגן אים אונ ווען נוט
(והטאתי לאבי כל הימים) וועל אוך זיין

פאר זונדוגט צוא מיין פאטור פון ביידו
וועלטן פון עולם הזה אונ פון עולם
הבא ענפרט יוסף אוך זעה אונ מיין
בעכור אז איר הט איין ברודור פר קופט
ווארום האסטו פר אים נוט ערב גוועון אונ
ווי יהודה הט דאס גוהערט זאגט ער צו
נפתלי גיי אונ זעה ווי פול מארקן אונ
גאסן איז אונ מצרים איז נפתלי גוקומן
אונ זגט עס איז פר הגדון צוועלוף מארקן
זאגט יהודה אוך נעם אויף מור דריי מרקן
אונ איר נעמט אוטליכור איין מארק זאגן
די ברודור צו יהודה אז די וועסט מצרים
חרוב מאכן איז גלייך ווי די האסט די
גאנצו וועלט חרוב גמאכט דען זיא אלו
לעבן פון מצרים הט יהודה זוך ווידור אן
גהובן צו קריגן מוט יוסף אונ זגט די בוסט
גקומן פון דם אן הוב מוט איין בלבול
אונ האסט גזאגט מור זענן מרגלים אונ
דר נאך האסטו גזאגט מור האבן דעם
בעכור גגנבות דא שווער אוך ביי מיין
מיין פאטור אזו ווי די הסט גשווארן ביי
פרעה דס אוך וועל מצרים בלד פרבן
מוט בלוט זגט יוסף איר זענט שון לאנג
פארבורם דען איר האט דם העמד פון
יוסף אוך גפארבט אונ בלוט אונ איר הט
גזגט צום פטור אחיה רעה הט אים אויף
געסן אונ ווי ער האט דם גרעט האבן
אלו ברודר מסכים גווען מען זאל מצרים
חרוב מאכן הט יוסף זוך גפארכטן אונ
הט זוך גומכט דר קענן צו זיי אונ הט
גהייסן אלו זלון ארום גיין נאר די ברודור
זאלן בלייבן כדי זיא זאלן נוט פאר
שעמט ווערן פאר דוא מצרים ווס זיא
האבן אים פאר קופט אונ צו אים וועט
דאס אוך אחרפה זיין דס ער הט אעלכו
ברודור אוך וועלן די מצרים נוט לאזן
זיי וואגן אונ מצרים אוך הט ער גהייסן
ארום גיין וייל פול ישרים פון פרעה הבן
גבעטן פר בנימן אונ ער הט נוט גקנט
פאר זיא זאגן דרום הט ער אלו גהייסן
ארום גיין רבי שמואל בר נחמני זאגט

יוֹסֵף אִיז אוּנ אַסְכָּנָה גִוֶוען וָוס עֶר הָט גְהֵייסוּן אַלוּ אַרוּס גֵיין ווִי עֶר הָט קֵיין מוֹרָא נוּט גוּהַאט טָאמוּר וֶועלוּן זֵיי אוּם דֶער הַארְגוּנוּן אוּנ קֵיין מֶענְש וָואלְט דֶער פוּן נוּט גְווִיסְט דֶר מֶדְרָשׁ שְׁרַייבְּט יוֹסֵף הָט צוּ זֵיי גְזָאגְט אוּר זָאגְט דֶער בְּרוּדוּר פוּן בִּנְיָמִן אִיז גְשְׁטָרְבּוּן אוּךְ וֶועל אוּם אַייךְ וַוייזוּן אוּנ הָאט אָן גוּהוּבּוּן רוּפוּן יוֹסֵף הָאבּוּן זוּךְ דוּ בְּרוּדוּר אַרוּם גוּקוּקְט אוּף אַלוּ זַייטוּן זָאגְט יוֹסֵף וָואס קוּקְט אוּר אַייךְ אַרוּם אוּךְ בּוּן יוֹסֵף הָבּוּן דוּ בְּרוּדוּר נוּט גֶקֶענְט עֶנְפוּרוּן צוּ יוֹסֵף אַז עֶר הָט זֵייא גְווִיזוּן זֵייעֶר עֲבֵירָה מִכָּל שֶׁכֵּן לְיוֹם הַדִּין וֶוען גָאט וֶועט דוּ לַייט אַרוּם וַוייזוּן זֵייעֶרוּ עֲבֵירוֹת וֶועלוּן זֵייא בְּוַודַּאי נוּט קֶענוּן עֶנְפוּרוּן דֶער תּוֹלְדוֹת יִצְחָק שְׁרַייבְּט דְרוּם הָאט יוֹסֵף גְזָאגְט לֶעבְּט נָאךְ מַיין פָאטוּר חָאטְשׁוּ דוּ בְּרוּדוּר הָבּוּן אוּם שׁוּן לַאנְג גְזָאגְט דָאס דֶער פָאטוּר לֶעבְּט נָאר יוֹסֵף הָאט זוּךְ גְטְרַאכְט דוּא בְּרוּדוּר וֶועלוּן מוֹרָא הָאבּוּן אוּךְ זָאל זֵיי נוּט הַארְגוּנוּן וַוייל זֵיי הָאבּוּן מוּךְ פַאר קוֹפְט דְרוּם הָט עֶר זֵיי גְזָאגְט מַיין פָאטוּר לֶעבְּט נָאךְ דֶען אַף לוּ עֵשָׂו הָרָשָׁע הָאט אוּךְ נוּט גְוָואלְט קֵיין בֵּייז טוּן צוּא יַעֲקֹב אַז יִצְחָק הָאט גוּלֶעבְּט כְּדֵי עֶר זָאל נוּט אוּם מְצַעֵר זַיין מִכָּל שֶׁכֵּן אוּךְ וֶועל בְּוַודַּאי קֵיין בֵּייז נוּט טוּן אוּנ ווִי עֶר הָט גְזֶעהוּן ווִי דוּ בְּרוּדוּר וֶוערוּן דֶר שְׁרָאקוּן הָאט עֶר צוּ זֵיי גְזָאגְט :

דָא הָער קֶענְט זוּךְ יוֹסֵף צוּא דוּא בְּרוּדֶר :

(גְשׁוּ נָא אֵלַי) גְנֶענְט נָאר צוּ מוּר דֶען אוּךְ בּוּן יוֹסֵף וָואס אוּר הָאט מוּךְ אַהֶער פַאר קוֹפְט אוּנ שְׁרֶעקְט אַייךְ נוּט דֶען גָאט הָאט מוּךְ גוּשׁוּקְט אַהֶער אוּךְ זָאל אַייךְ דֶער נֶערוּן אוּנ נוּט אוּר הָט מוּךְ גוּשׁוּקְט קֵיין מִצְרַיִם נָאר גָאט אוּנ דָאס קֶענְט אוּר פַאר שְׁטֵיין דֶען אוּר הָאט מוּךְ פַר קוֹפְט פַאר אַקְנֶעכְט אוּנ גָאט הָאט מוּךְ גְמַכְט פַאר אַשַׁלִּיט אוּנ מִצְרַיִם הָאבּוּן דוּא בְּרוּדוּר צוּ אוּם גְנֶענְט דֶר בְּחַיֵּי שְׁרַייבְּט עֶר הָאט גְזָאגְט אוּךְ בּוּן יוֹסֵף אַייעוּר בְּרוּדוּר הָאטְשׁוּ אוּר הָט מוּךְ פַר קוֹפְט בּוּן אוּךְ דָאךְ אַייעֶר בְּרוּדוּר אוּנ ווִיל אוּבּוּר אַייךְ קֵיין שְׂרָרָה נוּט הָאבּוּן דֶער אֶבֶן שׁוֹאֵב שְׁרַייבְּט (וְאַחֲרֵי כֵן דִּבְּרוּ אֶחָיו אִתּוֹ) אוּנ דֶער נָאךְ הָאבּוּן דוּא בְּרוּדוּר מוּט אוּם גוּרֶעט דֶען זֵייא הָאבּוּן

אום

אוהל יעקב

(וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם כִּי מְכַרְתֶּם אוֹתִי הֵנָּה כִּי לְמִחְיָה שְׁלָחַנִי אֱלֹהִים לִפְנֵיכֶם) יוֹסֵף הָאט גְזָאגְט צוּ דוּא בְּרוּדוּר אַצוּנְד זָאלְט אוּר נוּט טְרוּרוּן אוּנ עֶס זָאל אַייךְ נוּט זַיין פַאר דְרָאסוּג וָוס אוּר הָאט מוּךְ אַהֶער פַאר קוֹפְט וָוארוּם גָאט הָט מוּךְ אַהֶער גְשׁוּקְט פוּן אַדֶר נֶערוּנְג וֶועגוּן צוּ פַאר אַייךְ עֶס אִיז אַמָּשָׁל אֵיין גְרוֹסוּר שַׂר הָאט גְהַאט אַמַייעֶרוּן שְׁטֵיין אוּנ עֶס הָאט זוּךְ אוּף אוּם גְמַאכְט אַקְרוּץ. הָט זוּךְ דֶער שַׂר אֵיין עֵצָה גְהַאלְטוּן מוּט גְרוֹסוּ בַּעַל מְלָאכוֹת וָואס אַרְבּוּטוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. אוּב מֶען קֶען דֶעם שְׁטֵיין פַאר רֶעכְטוּן הָאבּוּן זֵייא צוּ אוּם גְזָאגְט אֲפִילוּ מֶען וֶועט אוּם פַר רֶעכְטוּן וֶועט אַלְץ דֶער

של"ה הקדוש

(וְלֹא יָכְלוּ אֶחָיו לַעֲנוֹת אוֹתוֹ) אוּנ זַיינוּ בְּרוּדֶר הָבּוּן אוּם נוּט גְקֶענְט עֶנְפֶרוּן (מִדְרָשׁ רַבָּה) זָאגְט רִ' אַבָּא כֹּהֵן בַּרְדְּלָא. אוֹי וַויי אִיז אוּנְז פַר דֶעם טָאג דֶם גְרוּכְט (יוֹם הַדִּין) אוֹי וַויי אִיז אוּנְז פַר דֶעם טָאג דֶר שְׁטְרָאף (יוֹם הַתּוֹכְחָה) יוֹסֵף אִיז גְוֶועזוּן דֶר יוּנְגְסְטֶר אוּנְטֶר זַיינוּ בְּרוּדוּר אוּנ פוּן דֶעסְט וֶועגוּן הָאבּוּן זַיינוּ עֶלְטוּרֶע בְּרוּדֶר נוּט גְקָאנְט דֶר טְרָאגוּן זַיינוּ שְׁטְרָאף רֵייד ווִיא עֶס שְׁטֵייט אוּנ זַיינוּ בְּרוּדֶער הָאבּוּן נוּט גְקָאנְט אוּם עֶנְפֶרוּן. הַיינְט ווִי וֶועט זַיין אַז הקב"ה וֶועט קוּמוּן אוּנ וֶועט יֶעדוּן בַּזוּנְדֶער שְׁטְרָאפוּן אוּנ יֶעדוּן זַיינוּ חֲטָאִים פָאר הַאלְטוּן ווִיא עֶס שְׁטֵייט (אוֹכִיחֲךָ וְאֶעֶרְכָה לְעֵינֶיךָ) אוּךְ וֶועל דוּךְ שְׁטְרָאפוּן אוּנ

אום גבעטן ער זאל פאר יעקב נוט אום
זאגן דאס זיי האבן אום פאר קופט דען
זייא האבן מורא גהאט יעקב זאל זייא
נוט שעלטן אונ יעקב הט בוז אונ טוט
נוט גוויסט דאס דוא ברודור הבן אום
פאר קופט אזו ווי מור וועלן אונ פרשת
ויחי שרייבן אונ אזו שרייבט דר רמב"ן
אוך דען ווען יעקב זאל וויסן פון דעם
פאר קופן וואלט יעקב גבאטן פאר
דעם טוט דאס יוסף זאל זייא מוחל זיין
אונ דרום הט יוסף פרור נוט גלאזט וויסן
דעם פאטור דאס ער איז פאר קופט
גווארן כדי ער זאל נוט שעלטן דוא
ברודור אונ אוך ווייל זייא האבן איין
חרם גגעבן מען זאל דם נוט אום זאגן
אונ חאטשו יוסף איז נוט גוועזן ביא דם
חרם האט ער אום דאך גמוזט האלטן
ווייל צעהן ברודור האבן דעם חרם
גגעבן (מהרו ועלו אל אבי) יוסף זאגט
גייט באלד צו אונזור פאטור אונ זאגט
דאס גאט האט מוך גמאכט פאר אהאר
אונ מצרים אונ קום באלד אונ אוך וועל
דוך זעצן אונ בעסטן לאנד דאס איז
גושן דער בחיי שרייבט יוסף הט גוויסט
דם יעקב וועט נוט וועלן זוצן אונ דר
מלוכה שטאט אונ דרום הט ער גזאגט ער
וועט אום זעצן אונ גושן (וכלכלתי אותך
שם פן תורש) אונ אוך וועל דוך דארטן
שפייזן טאמור וועסטו פר ארומט ווערן
דער רמב"ן שרייבט דרום האט יוסף נוט
גשפייזט זיין פאטור אונ לאנד כנען אונ

הט אום גהייסן גיין קיין חוץ לארץ ווייל
ער האט מורא גהאט דער מלך מוט די
שרים וועלן זאגן ער וויל אוצרות מכון
אונ לאנד כנען אונ וועט ארום אהון
(והנה עיניכם רואות ועיני אחי בנימין)
אייערו אוגן זעהן דאס אוך בון אייער
ברודר דען אוך בון גמלות אונ רייד מוט
אייך לשון הקודש (ועיני אחי בנימין)
ער האט אלו ברודור גגליכן צו אננדר
צו ווייזן אזו וויא אוך האב קיין שנאה
נוט אוף בנימין דען ער איז נוט גוועזן
ביי מיין פר קופן אזו האב אוך אוף
אייך אוך נוט קיין שנאה דער חזקוני
שרייבט יוסף האט גזאגט צוא דוא
ברודור אוב אור ווילט צו אייער פאטר
נוט זאגן דאס אוך לעב ווייל אור האט
גשוורן לאז בנימין זאגן ווס ער הט נוט
גשווארן דער תולדות יצחק פרעגט ווס
הט ער פר איין סימן גזאגט דם ער רעט
לשון הקודש עס קען דען נוט זיין דאס
פול מצרים קענן לשון הקודש דער
תירוץ איז יוסף האט גזאגט גייט זאגן
אונזער פאטור ער זאל קומן אהער דען
עס וועט נאך פונוף יאר זיין הונגר
אונ אוב אור ווילט נוט גלובן קענט אור
זעהן מוט אייערו אוגן דאס דער חלום
וואס האט זוך מור גחלומת עלוף בונד
קארן בוקן זוך צוא מור אונ דם האט
גוויזן דאס דוא עלוף ברודור וועלן זוך
צו מור בוקן אונ דרום האב אוך גהייסן
ברענגן בנימין כדי אור זאלט אלו זוך צו
מיר

שלה הקדוש

דיינו מעשים פר דיינו אוגן שטעלן :
(וינשק לכל אחיו ויבך עליהם) אונ ער הט גקושט
אלו זיינו ברודור . אונ הט אוף זיי גוויינט
זעהט ווי ווייט מור זענן מחויב מוחל צו זיין אונזרו
שונאים . מוט ווס פר איין ווארמן אונ אוף ריכטוגן
גיפול דארפן מור אונזר פר דרום פר געסן . יוספס
ברודער האבן קענגן אום זייער אונ זייער שטארק
גזונדוגט אונ פון דעסט וועגן הט ער זיי גקושט אונ
() ער האט אוף זיי גוויינט :
(ואת יהודה שלח לפניו) אונ יהודה הט ער פאר אום
גושוקט דר מדרש זאגט יעקב הט זיין זון יהודה

אוהל יעקב

קרוץ בליבן . בוז עס איז גקומן איין גרוסור בעל
מלאכה איין חכם אונ הט גזאגט צום שר אוך וועל
דור איין עצה געבן . דער שטיין איז נאך אצונד אוך
איין טייערור שטיין נאר עס וועט אבור נאך טייערור
ווערן אז אוך וועל אוף אום אום קרוצן שיינו
צורות מוט טייערו בלאמן אונ אוך וועל אום קרוצן
דיין נאמן אוף אום אונ זאלסט וויסן אז מיין אן
הייב מלאכה וועט זיין פון דעם קרוץ ווארום פון דעם
קרוץ וועט זוך אוועק נעמן אונ די זייטן שטרומן
פון דוא בלאמן ווענן אונ נאך כרוכה אונ דער
חסרון וועט דער נאך ווערן צו איין מעלה אז אוך

מור בוקון אונ עס איז אזו גוועזן דרינון
קענט איר וויסון דס ווס אויך זאג עס
וועט נאך פינוף יאר הונגור זיין איז אויך
אמת דם זאגט דר פסוק (כי פי המדבר
אליכם) כלומר איר קענט פאר שטיין
ווס מיין מול זאגט איז אמת דרום ברענגט
מיין פאטור צו מור אונ אויך וועל אום
שפייזון ר׳ איסריל שרייבט יוסף הט גזאגט
(אני יוסף העוד אבי חי) כלומר אויך יוסף
לעב נאך גאר אויך ווייס נוט אוב מיין
פאטור לעבט נאך מוט זיין נבואה דען
ווען ער זאל לעבון מוט זיין נבואה וולט
ער גוויסט אז אויך לעב נאך (ויפול על
צוארי בנימין אחיו ויבך) אונ יוסף איז
גפאלון אויף דעם האלז פון זיין ברודור
בנימין אונ האט גוויינט ווייל צוויא בית
המקדשים וועלון זיין גבואוט אונ לאנד
פון בנימין אונ וועלון חרוב ווערון אונ
בנימין הט גוויינט אויף זיין האלז אויף
משכן שילה ווס איז גשטאנון אונ לאנד
פון יוסף אונ איז חרוב גווארון אונ יוסף
הט גוקושט אלו זיינו ברודור צו ווייזון זיי
דם ער הט אויף זיי קיין שנאה נוט (והקול
נשמע בית פרעה) אונ דם קול איז ווארון
גהערט אונ הויז פון פרעה דס דו ברודור
פון יוסף זענון גוקומון אזו הט זוך פרעה
מוט דו שרים גפרייט דען בוז אהער הבון
זיי זוך גושעמט זיי הבון גמיינט יוסף איז
אקנעכט אונ איז אשליט גווארון אובור
זיי אבור היינטווי זיי הבון גזעהן דס ער
הט חשובו ברודור אונ אחשובון פאטור
איז זיי וואל גפעלון (טענו את בעירכם)
פרעה הט גזאגט צו יוסף זאג צו דיינו
ברודור זיי זאלון אן לאדון זייערו בהמות
מוט תבואה אונ זאלון גיין אונ לנד כנען
דען פרעה הט גוויסט אז יוסף איז איין
עניו אונ אנאמן ער וועט אליין נוט שוקן
דרום הט פרעה גהייסון נעמון תבואה אונ
שוקון אונ לאנד כנען אונ הט גהייסון
ברענגון דעם פאטור מוט דעם הויז גוזונד
קיין מצרים (ואכלו את חלב הארץ) אונ

איר וועט עסון דם בעסטו פון דעם לאנד
דו חכמים זאגון ער הט נבואות גוזאגט
ווען דו ישראל וועלון אום גליזט ווערון
וועלון זיי אום ליידוגון דם בעסטו פון דם
לאנד מצרים (ויתן להם יוסף עגלות) אונ
יוסף הט זיי גגעבון אסימן צו יעקב ער
זאל גלייבון אז ער איז יוסף דען ווען ער
הט אום בלייט הט ער אום גלערנט דם
עס איז אגרוסו מצוה איין אורח צוא
בלייטון דען דורך דעם ווערט דר אורח
ניצול פון גזלנים אויף דעם וועג דרום הט
דוא תורה גזאגט ווען מען גופונט איין
הורג אונ וועג זאלון דו לייט ווס זענון
נאהונט ברענגון איין קאלב פר אכפרה
אונ זאלון אום דעם קאפ אפ האקון אונ
זאלון זאגון מור הבון דם בלוט נוט פאר
גאסון דען מור האבון דעם אורח בלייט
אונ הבון אום גגעבון ברוט אויף דעם וועג
דרום זאגט דער פסוק (ויתן להם יוסף
עגלות) יוסף הט זיי גגעבון קעלבר כלומר
ער הט גושוקט צו זיין פאטר אסימן
דם ער האט מוט אום גלערונט דעם דין
פון עגלה ערופה ווען ער האט זוך מוט
אום פון אננדר גשייד (לכולם נתן לאיש
חליפות שמלות) צוא אוטלוכון ברודור
הט יוסף גגעבון קליידור ווייל זיי האבון
זייערי קליידר אובור דעם בעבור צורוסון
הבון זיי זוך גשעמט גיין אונ זיי (ולבנימין
נתן שלש מאות כסף) אונ צו בנימין הט
יוסף גגעבון דריי הונדרט שטוק זולבור
ווייל ער איז נוט גוועזן ביי דעם פר קופון
פון יוסף אונ צו דו ברודור האט ער נוט
גגעבון דען ער האט זייא גירנסית דער
תולדות יצחק שרייבט דרום האט ער
גגעבון דריי הונדרט שטוק זולבור ווייל
ער הט אויף זיינו ברודור דריי בייזו זאבן
גרעט פאר דעם פאטור אונ דר דין איז
גוועזן ווען איינור רעט בייז אויף זיין חבר
דארף ער געבון הונדרט שטוק זולבור
אונ ער הט דם נוט גגעבון צו דו ברודור
ווייל זיי האבון אום פר קופט אונ ער הט

געבון צו בנימין פונף קליידר איינם וייל ער הט צו רוסון זיינו קלי ידור אונ איינם וייל ער אוז געוועז זיין ברודור פון איין מוטור אונ איינם וייל ער האט אום דעם בעבור אריין גלייגט אונ הט אום גמאכט פר אגנב אונ צווי פר כפל וייל ער הט אום גמאכט פר אגנב דרום הט ער אום גצאלט כפל אזו שרייבט דר חזקוני אונ דר בחיי אינ דר תולדות יצחק שרייבט יוסף הט גוויזון מוט די פונף קליידר אז פון בנימין וועט ארוס קומון מרדכי ווס וועט ארוס גיין אונ פונף בגדי מלכות פר דעם מלך אחשורוש אונ יוסף האט גושוקט צעהון איזלון מוט שפייז צוא זיין פאטור אונ גוטון אלטון ויין אונ אלרליא שפייז וואס אינ דר וועלט אוז אונ גוטו פירות אונ אלו ברודור זענון גגאנגון צו זייער פאטור אונ יהודה אוז גגאנגון מוט בנימין וייל ער הט פר אום ערב גוועזן צו ברענגון אום אונ הט דרוף אוף זוך חרם גונומון דר בחיי שרייבט אובור דעם חרם האבון די ביינור פון יהודה נוט גרואט אונ ארין פערצוג יאר האטשו ער האט אום גבראכט וייל ער האט נוט גדארפט קיין חרם אויף זוך נעמון טאמור וועט אום יוסף נוט וועלון לאזון דרום אוז ער גשטראפט גווארון. יוסף הט צו זיי גזאגט (אל תרגזו בדרך) אור זאלט אייך נוט פארכטון אוף דעם וועג האטשו אור פורט פול גוטס אונ עס אוז אהונגר צייט אוז דאך שבח פול גזילה דארפט אור דאך קיין מורא נוט

דיר גגבון די בכורה די זאלסט איין חלק
מיין האבון פון דיינו ברודור דאס אפרים
ומנשה זאלון צוויי חלקים נעמון אזו וויא
ראובן אונ שמעון אונ דעם לאנד וואס
מען וועט אוועק נעמון ביא אמורי אונ
ווייל איך בין דוך מטריח צוא טראגון
מוך אונ לאנד כנען דער פאר גיב איך
דיר דוא שטאט שכם די זאלסט דארטין
בגראבון ווערן אונ יעקב האט גרופון
זיינו קונדור אונ הט זייא גוואלט זאגון
וואס עם וועט זיין (באחרית הימים) אונ
סוף טעג ער האט זייא גוואלט זאגון ווען
משיח וועט קומון האט זוך די שכינה פון
אום

של"ה הקדוש

פון מנשה אונ אפרים דאס הייסט זייא וועלון אויך
פרומו אונ ערלובו קונדר זיין ווי אפרים אונ מנשה
(לך יהיו) אונ דם אלק גוהער צו דור רען וואל איז
דעם פאטר ווס לאזט פרומע אונ ערליבע קונדר :
(ויאמר האספו ואגידה לכם) אונ ער האט גזאגט
זאמולט אייך איין אלו צוא זאמון וועל איך
אייך זאגון ווס אייך וועט טרעפון . יעקב האט זיי
גוואלט מגלה זיין דעם קץ. הט ער זיי גהייסון זיי
זאלון זוך אלו פר זאמלון זיי מרמז צו זיין אז זייא
קענן נוט האפון אויף דוא אמתי ישועה . ווען זייא
וועלון נוט זיין אלו צו זאמון. דם הייסט אז זיי וועלן
נוט זיין פאר בונדון מוט פריינדשאפט איינור צום
אנדרון. אונ צווישן זייא וועט זיין שנאת חנם . גם
הט יעקב מוט דעם ווארט האספו מרמז גוועזן זייא
זאלון זוך הוטון פון לשון הרע ווארום ביי אמצורע
ווס זיין צרעת קומט פון לשון הרע שטייט אוך ואסף
את המצורע. אונ יעקב הט זיי גדארפט דרוף מרמז
זיין אובר דוא קרוג ווס איז געווען צווישן זיי. וואס
איז ארום גקומן פון לשון הרע ווי עם שטייט (ויבא
יוסף את דבתם רעה) דרובור איז רעכט וואס מור
גפונון אז די ברודור פון יוסף זענון גקומון צו יוסף
נאך יעקבס טוט אונ האבון אום גזאגט (אביך צוה
לפני מותו לאמר וגו׳) דיין פאטר הט אונז פר זאגט
פר זיין טוט אז מור זאלון דוך בעטון די זאלסט אונז
מוחל זיין וואס מור האבון קעגון דור גוטון . אונ
אייגנטלוך גפונון מור נאר נוט אז יעקב הט דם פאר
זאגט. נאר דער אמת איז זייער כוונה איז גוועזן אויף
דעם ווארט האספו ווס יעקב הט גזאגט פאר דם טוט
וועלכור ווייזט אז עם זאל צווישן זייא קיין לשון
הרע נוט זיין אונ זייא זאלון צוא זאמון זיין אונ איין

אוּם אָפּ גוּטוּאוּן הָאט עֶר אַנְדוּרוּ רֵייד אָן גוּהוֹבּוּן צוּ רֵיידוּן אוּנ הָאט גְזָאגְט (רְאוּבֵן בְּכוֹרִי אָתָּה) רְאוּבֵן דוּ בּוּסְט מַיין בְּכוֹר פוּן דֶער עֶרְשְׁטוּ קְרַאפְט דֶען בּוּז עֶר אוּז בַּיי לֵאָה גְלֶעגוּן הָאט עֶר נוּט רוֹאֶה קֶרִי גְוֶועֶן (יֶתֶר שְׂאֵת וְיֶתֶר עָז) דוּ וָולְסְט וֶוערְט גְוֶועֶן צוּא הָאבּוּן מֶער פוּן דַיינוּ בְּרוּדוּר דוּא בְּכוֹרָה כְּהוּנָה אוּנ מַלְכוּת דֶער תּוֹלְדוֹת יִצְחָק שְׁרַייבְּט וַויל רְאוּבֵן אוּז גְוֶועֶן דֶר בְּכוֹר דְרוּם הָט עֶר בַּדַרְפְט הָאבּוּן דוּ כְּהוּנָה צוּ נֶעמוּן תְּרוּמָה דָאס עֶרְשְׁטוּ פוּן דֶער תְּבוּאָה אוּנ חַלָּה דָם עֶרְשְׁטוּ פוּן דֶעם טֵייג אוּנ דָאס עֶרְשְׁטוּ פוּן קָרְבָּנוֹת אוּנ וַויל יַעֲקֹב אוּז דֶענְסְט מָאל זֵייעֶר שְׁטַארְק גְוֶועֶן דֶען עֶר הָאט דֶעם שְׁטֵיין פוּן דֶער בְּרוּנוּ אַרָאפּ גוּנוּמוּן וָוס פוּל לַייט הָאבּוּן אוּם נוּט גוּקָאנְט אַרָאפּ נֶעמוּן אוּנ דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר גְנוּמוּן לֵאָה אוּנ הָט בַּאלְד מוּט אוּר גְהַאט רְאוּבֵן דוּ גְדוּלָּה וָואלְסְט גַדַארְפְט הָאבּוּן מֵ"ן פוּן דַיינוּ בְּרוּדוּר נוּר וָוארוּם הָסְטוּ דָאס נוּשְׁט וַויל דוּ הָאסְט גְאַיילְט מוּט דַיין צָארוּן אַזוֹ וִוי וַואסוּר אַיילְט צוּ לוֹפוּן דְרוּם בּוּסְטוּ נוּט רָאוּי אַמֶלֶךְ צוּ זַיין אוּנ זָאלְסְט דוּ בְּכוֹרָה נוּט הָאבּוּן וַויל דוּא הָאסְט פַאר שְׁטֶערְט דָם גְלֶעגוּר פוּן דַיין פָּאטוּר מוּט בִּלְהָה דוּ הָאסְט גְזָאגְט דוּ בּוּסְט אַבְּכוֹר וֶועט דוּר מֶער אָן קוּמוּן וֶוען עֶס וֶועט וַוייניגוּר קוּנְדוּר זַיין דְרוּם זָאלְסְטוּ דוּא בְּכוֹרָה נוּט הָאבּוּן אוּנ וַויל דוּא הָאסְט פַאר שְׁוֶועכְט אוּנ אוּם הַיילוּג גְמַאכְט דָאס בֶּעט פוּן דַיין פָּאטוּר דְרוּם זָאלְסְטוּ נוּט הָאבּוּן דוּ כְּהוּנָה אוּנ זָלְסְט אוּם הֵיילוּג זַיין דֶר חִזְקוּנִי שְׁרַייבְּט פוּן דֶעם מָאל אָן וָואס רְאוּבֵן הָאט גוּטוּאוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן בִּלְהָה אוּז יַעֲקֹב שׁוֹן מֶער נוּט גוּלֶעגוּן בַּיי בִּלְהָה (יְצוּעִי עָלָה) יַעֲקֹב זָאגְט צוּ זַיינוּ קוּנְדוּר זֶעהְט דָאס עֶר אוּז אוּף גְגַאנְגוּן אוּף דֶעם בֶּעט וָואס אוּךְ פְלֶעג לִיגוּן דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט (כִּי עָלִיתָ מִשְׁכְּבֵי אָבִיךָ) דוּא הָאסְט פַאר שְׁוֶועכְט צְוַויי א גְלֶעגוּר אֵיינְס אוּז דָם גְלֶעגוּר פוּן דֶער שְׁכִינָה וָואס זוּא פְלֶעגְט זַיין אוּף דֶם בֶּעט אוּנ מַיין גְלֶעגוּר דֶר מִדְרָשׁ זָגְט יַעֲקֹב הָאט גְזָאגְט צוּא רְאוּבֵן דוּ וֶועסְט נוּט גְהֵיילְט וֶוערוּן פוּן דֶער חֶרְפָּה בּוּז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֶועט דוּךְ צֵיילוּן צוּם עֶרְשְׁטוּן צוּא שְׁטֶעלוּן דוּךְ אוּף דֶעם בַּארְג עֵיבָל בַּייא דוּ קְלָלוֹת וָואס מֶען וֶועט שֶׁעלְטוּן וֶוער עֶס וֶועט דוּ תּוֹרָה נוּט הַאלְטוּן אוּנ מֶען וֶועט זָאגוּן (אָרוּר שׁוֹכֵב עִם אֵשֶׁת אָבִיו) פַאר שָׁאלְטוּן זָאל זַיין דֶער וָואס לוּגְט מוּט זַיין פָּאטוּרְס וַוייבּ אַזוֹ וֶועלוּן כָּל יִשְׂרָאֵל וִויסוּן דָאס מֶען הָט דוּר דוּ דוּ עֲבֵירָה פַר גֶעבּוּן וֶוען מֶען הָאט דוּךְ גְשְׁטֶעלְט אַנְדוּרוּ צוּ שֶׁעלְטוּן דְרוּף אוּנ דֶר נָאךְ הָט יַעֲקֹב גוּרוּפוּן צוּ שִׁמְעוֹן וְלֵוִי אוּנ הָט גְזָאגְט צוּ זֵיי (שִׁמְעוֹן וְלֵוִי אַחִים) אוּר זֶענְט בְּרוּדוּר אוּנ אֵיין עֵצָה אוּף שְׁכֶם אוּנ אוּף יוֹסֵף דֶען אוּר הָאט נוּט גַדַארְפְט אוּם הַרְגוּנוּן דוּ שְׁטָאט שְׁכֶם נָאךְ אַפְּשַׁט אוּז (שִׁמְעוֹן וְלֵוִי אַחִים) פַאר דִינָה הָאט אוּר זוּךְ גוּשְׁטֶעלְט וִוי בְּרוּדוּר אוּנ הָט אַייעֶר הַאלְז גְשְׁטֶעלְט פַר אוּר אוּבֶּר מוּט יוֹסֵף זֶענְט אוּר נוּט גְוֶועֶן אַזוֹ וִוי בְּרוּדוּר דֶען אוּר הָט אוּם אוּנ גְרוּבּ אַרַיין גְוָורְפוּן אוּנ הָט אוּם פַר קוֹפְט אוּנ דְרוּם הָט יוֹסֵף אוּנ מִצְרַיִם שִׁמְעוֹן אוּנ דֶער תְּפִיסָה אַרַיין גְוָוארְפוּן כְּדֵי עֶר זָאל אַכַּפָּרָה הָבּוּן אוּף זַיין עֲבֵירָה וָוס עֶר הָט אוּם פַר קוֹפְט (כְּלֵי חָמָס מְכֵרֹתֵיהֶם) אוּר הָאט גְגַזוּלְת דוּ שְׁוֶוערְד פוּן עֵשָׂו (בְּסוֹדָם אַל תָּבֹא נַפְשִׁי) אוּנ דֶר עֵצָה פוּן זִמְרִי זָאל נוּט קוּמוּן מַיין ווַיילוּן וֶוען עֶס וֶועט זוּךְ אַיין זַמְלוּן שֵׁבֶט שִׁמְעוֹן אוּנ וֶועלוּן בְּרֶענְגוּן אַמִּדְיָנִית פַר מֹשֶׁה אוּנ וֶועלוּן אוּם פְרֶעגוּן אוּז מוּתָּר בַּיי אוּר צוּ לִיגוּן אוּדוּר אָסוּר אוּנ אוּבּ דוּ וֶועסְט זָאגוּן זוּ אוּז אָסוּר וֶוער הָט דוּר מַתִּיר גְוֶועֶן צוּ נֶעמוּן דוּ טָאכְטוּר פוּן יִתְרוֹ דוּרְךְ דֶעם הָט יַעֲקֹב גְזָאגְט בַּיי דֶר מַעֲשֶׂה זָאל נוּט וֶוערוּן גְדַאכְט מַיין נָאמוּן אַזוֹ וִוי אוּנ פָּסוּק שְׁטֵייט (זִמְרִי בֶּן סָלוּא נְשִׂיא בֵית אָב לַשִּׁמְעֹנִי) עֶר אוּז גְוֶועֶן אַנָשִׂיא צוּ שֵׁבֶט שִׁמְעוֹן אוּנ עֶס שְׁטֵייט נוּט בֶּן יַעֲקֹב

און ביי דער קרוג פון קרח וואס ער וועט
זיין פון שבט לוי זאל אויך נוט גידאכט
ווערין מיין נאמן אזו ווי און פסוק שטייט
(קרח בן יצהר בן קהת בן לוי) און עס
שטייט נוט בן יעקב (ארור אפם) עס
זאל זיין פאר שאלטן זייער צארן דם
גאט זאל געבין זיי זאלין קיין מול נוט
הבין צו שעלטון כדי זיי זאלין נוט קאנון
טון מוט זייער צארן אזו שרייבט דער
חזקוני און רש"י שרייבט אפילו ווען זייא
זענין ווערט גוועזן צו שעלטון האט דאך
יעקב זיי נוט גשלטון נאך זייער צארן
(אחלקם ביעקב) אויך וועל זיי צו טיילון
צווישן יעקב דם פון שבט שמעון זאלון
זיין מלמדים און סופרים וועלון זייא זיין
פר שפרייט און צו לוי הט ער געבין
זיין פאר שפרייטונג מוט כבוד דם זיי
זאלין זוך פר שפרייטון אויף די שייארון
צו נעמון תרומות און מעשרות און ווי
יהודה האט געזעהן דאס דער פאטור
שטראפט די ברודור מוט הארטי רייד הט
ער אן גוהובון צו גיין אונטר זוך הט אום
דער פאטור צורוק גורופון מוט גוטי רייד
און זאגט די בוסט נוט אזו ווי דיינו ברודור
(אתה יודוך אחיך) דיינו ברודור וועלון
דוך לובון (ידך בעורף אויביך) דיין האנד
וועט זיין און אקין פון דיינו פיינד דען
זיי וועלון פון דור אוועק לופון פון דער
מלחמה און וועלון זוך צו דור אום קערון
מוט דעם אקון (ישתחוו לך בני אביך)
דיין פאטורס קונדר וועלון זוך צוא דור
בוקין און דרום הט ער גזאגט בני אביך
ווייל ער הט פול ווייבור גהאט און פון
אוטליכר הט ער גהאט קונדר דרום הט
ער גזאגט אלו דיין פאטרס קונדור וועלון
זוך צו דור בוקון אפילו דו ווס זענון נוט
פון איין מוטור (גור אריה) יעקב האט
נבואות גזאגט דם פון יהודה וועט ארום
קומון דוד דם ער וועט פרור זיין אזו ווי
איונגור לייב און די צייטון פון שאול און
וועט אריין ברענגון און ארום פורון די

ישראל צו דער מלחמה און דער נאך אז
שאול וועט שטארבון וועט ער זיין אזו וויא
איין אלטר לייב כלומר ער וועט אליין
זיין אמלך (מטרף בני עלית) פון דעם פר
צוקין פון מיין זון האסטו דוך אפ גוטון
דען אויך האב דוך חושד גוועזן דו האסט
מיין זון פאר צוקט און גהרגות אבור עס
איז נוט אזו נייערט דו האסט אום מציל
גוועזן פון דעם טוט און האסט גזאגט ווס
פאר אגעלד וועלון מור גווינון ווען מור
וועלון הרגנון אונזר ברודור און ביי די
מעשה פון תמר האסטו מודה גוועזן דם
זו איז פון דור וואורון טראגון און האסט
זו מציל גוועזן פון דעם טוט דרום וועסטו
זוכה זיין עס וועט פון דור ארום קומון
שלמה המלך ווס און זיינו צייטון וועלון
ישראל גרום מנוחה האבון אזו שרייבט
רש"י און דער חזקוני שרייבט מטרף בני
עלית איז טייטש דו בוסט געווארן גלויבט אז
דו קענסט פאר צוקון און הרגנון דיינו
פייגד מען פרעגט אויף רש"י ווארום האט
ער גלובט יהודה וואס ער הט גזאגט
וואס פאר איין געלד וועלון מור גווינון
די גמרא זאגט דאך דער וואס לובט דער
פר יהודה דער איז זוך טועה דען ער הט
גזאגט וואס פאר איין געלט וועלון מור
גווינון אובר ווען זיי זאלון גווינון געלט
איז רעכט אום צו הרגנון ווי גשוקט זוך
עס דרום זאגט מען דעם פשט אזו יהודה
האט גזאגט (מה בצע כי נהרוג) וואס
וועט אונז ארום קומון דאס מור וועלון
איין מענשן הרגנון ער זאל אפילו נוט
זיין אונזור ברודור בפרט (את אחינו)
ער איז דאך אונזור ברודור אפילו ווען
עס זאל אונז פול געלד ארום קומון
דארפון מור אויך קיין מענש נוט הרגנון
און דם וואס ראובן הט אייך איין עצה
גגעבון דם אור זאלט קיין בלוט מוט די
הענט נוט פר גוסון נאר אור זאלט אום
און איין טופון גרוב אריין ווארפון דאס
איז אויך נוט רעכט דרום זאגט יהודה

(וכסינו את דמו) וועלין מיר דען קענין און דעם גרוב צוא דעקין זיין בלוט עס וועט דאך שרייאין פון דער ערד און דוא גמרא זאגט פון וועגין מה בצע דארף מען אום נוט לובין אובר פר דו אוברוגו רייד וואס ער הט גזאגט אחינו הוא ער איז אונזור ברודור דרום טאר מען אום קיין בייז נוט טואון אפילו ווען מיר זאלין פול געלט גווינון דער פר הט אום יעקב גלובט און האט גזאגט מטרף בני עלית האסט אום נוט גוואלט פר צוקין דרוף בוסטו גולובט (לא יסור שבט מיהודה) עס וועט נוט אפ גטון ווערין איין מלכות פון שבט יהודה און נשיאים און ארץ ישראל וואס זענין פון שבט יהודה (עד כי יבא שילה) און דם וועט אליין זיין בוז דער מלך המשיח וועט קומין וואס דוא מלוכה איז זיין און אלו ווערין ברענגין מתנות און קרבנות צוא אום און דער בחיי שרייבט (עד כי יבא שילה) איז טייטש עס וועט גווערין דאס מלכות פון יהודה בוז עס וועט קומין משה און וועט זיין איין מלך אזו וויא און פסוק שטייט (ויהי בישורון מלך) משה וועט זיין איין מלך איבור ישראל און שילה בטרעפט ווי משה אזו ווייזט עס אויף משה און נאך איין פשט זאגט דער בחיי (לא יסור שבט מיהודה וגו׳) עס וועט נוט קומין דם מלכות צו יהודה בוז עס וועט חרוב ווערין דם משכן פון שילה און דער נאך וועט קומין שמואל און וועט זאלבין דוד פר איין מלך וום ער איז פון שבט יהודה און נאך איין פשט שרייבט דער בחיי (לא יסור שבט מיהודה עד) עס וועט נוט אפ גטון ווערין דאס מלכות פון שבט יהודה בוז אייבוג (כי יבא שילה) פון דם מאל אן וואס משיח וועט קומין איבור פרור מעג זיין דם עס וועט אפ גוטון ווערין דען (עד) איז טייטש אייבוג אויך זאגט דר בחיי (עד כי יבא שילה) ווייזט אזו ווי משה הט גופורט דוא ישראל פון מצרים אזו וועט ער זיי פורין פון דם אונטרשטין גלות מוט אליהו דען שילה בטרעפט משה אזו וויא דער מדרש רבתי זאגט דם גאט זאגט צו משה אזו ווי דו האסט דוך מוסר נפש גוועזן פון וועגין ישראל און מצרים אזו ווען אליהו וועט פורין ישראל פון דעם אונטרשטין גלות וועסטו מוט אום אויך קומין אזו וויא און פסוק שטייט (יי בסופה ובסערה דרכו) בסופה מיינט מען משה וואס מען האט אום גוורפין און וואסור צווישין טשערוט וום הייסט סוף און סערה מיינט מען אליהו וואס ער איז מוט אשטרום ווינט לעבודוג און הומול ארויין דען איין שטרום ווינט הייסט סערה (מטרף בני עלית) דר בחיי שרייבט ווייל יהודה הט מציל גוועזן יוסף פון דעם גרוב דם ער זאל דארטין נוט שטרבין דרום הט גאט מציל גוועזן דניאל פון דעם לייבין גרוב וואס ער איז ארוס גוקומין פון יהודה און ווייל יהודה האט מודה גוועזן דאס תמר איז פון אום טראגונדוג גווארין און דורך דעם האט ער זוא מציל גוועזן מוט דוא צווייא קונדער פון דעם פייער וואס מען האט זוא גוואלט פאר ברענין דרום האט גאט מציל גוועזן חנניה מישאל ועזריה וואס זענין ארוס גוקומין פון יהודה פון דעם קאלוך איבין און זיי זענין לעבודוגרהייט ארוס גגאנגין אויך אלו ביידו בהמ״ק זענין ווארין גבואוט דורך יהודה דען דאס ערשטו בהמ״ק איז ווארין גבואוט דורך שלמה המלך וום ער איז ארוס גקומין פון יהודה און דאס אנדורו איז ווארין גבואוט דורך זרובבל וואס איז אויך ארוס גוקומין פון יהודה און דר דרוטור וועט ווערין גובואט דורך משיח וואס ער וועט אויך זיין פון שבט יהודה (אוסרי לגפן עירה) עס וועט און לאנד יהודה גרוסו ויין טרובין זיין דם צו איין ויין טרוב וועט מע בדארפן איין שפאנין איין איזול צוא פורין זוא (חכלילי עינים מיין) און לאנד יהודה וועט

זַיין פול וַויין דָם דו אויגן וֶועלין וֶוערין רוט פון פיל טְרוּנְקִין (וּלְבֶן שִׁנַּיִם מֵחָלָב) אונ עֶס וֶועט זַיין פיל מולוּך דָם דו צֵיין וֶועלין זַיין ווַייס פון וֶועגין מילוך אונ נָאך אַפְּשַׁט איז חַכְלִילִי עֵינַיִם מִיַּיִן דו בֶּערְג וֶוערין זַיין רוט פון וַויין וָואס עֶס וֶועט רוּנִין פון דוא וַויין טְרוֹבִּין (וּלְבֶן שִׁנַּיִם מֵחָלָב) אונ דוא טָאלִין וֶועלין זַיין וַויים פון מולוּך וָום עֶס וֶועט רונין פון דוא בְּהֵמוֹת הֶער בְּחַיֵּי שְׁרַייבְּט דְרוּם שְׁטֵייט אונ הֶער פַּרְשָׁה פון יְהוּדָה אַלוּ אוֹתִיּוֹת פון דֶעם א״ב נָאר נוּט קֵיין זיי״ן צוּא וַוייזִין דָאס אַלוּ מִלְחָמ ת וָום מַלְכוּת בֵּית דָוִד הָאבִּין אַיין גוּנוּמִן איז נוּט גִוֶועִן מוּט כְּלֵי זַיין נָאר מוּט דֶעם נָאמוּן פון גָאט אונ דרוּם איז אונ דֶעם נָאמוּן פון יְהוּדָה אַלוּ אוֹתִיּוֹת פון דֶעם נָאמוּן פון גָאט אונ אֵיין דל״ת מֶער צוּ וַוייזִין דָאס עֶר איז דֶער פֶערְדוּר זוּן בַּיי יַעֲקֹב אונ דָם מַלְכוּת פון יְהוּדָה איז גִלֶעבּוּן צוּא דֶר זוּן אַזוֹ וִוי אונ פָּסוּק שְׁטֵייט (וְכִסְאוֹ כַשֶּׁמֶשׁ נֶגְדִּי) זַיין שְׁטוּל איז אַזוֹ וִוי דוּ זוּן אַקְעגִין מוּר דֶען אַזוֹ וִוי דוּ זוּן איז וָוארוּן בַּשַׁאפִין אונ דֶעם פֶערְדִין טָאג אַזוֹ איז יְהוּדָה גִוֶועִן דֶער פֶערְדוּר זוּן בַּיי יַעֲקֹב אונ אַזוֹ וִוא דוּ זוּן וֶוען זוּ שַׁיינְט בַּייא טָאג שְׁטַארְקְט זוּא זוּך אַלוּ מָאל גְרֶעסוּר צוּ שַׁיינִין אַזוֹ וֶועט זוּך דָם מַלְכוּת פון יְהוּדָה שְׁטַארְקִין אַלוּ מָאל גְרֶעסוּר (זְבוּלֻן לְחוֹף יַמִּים יִשְׁכֹּן) זְבוּלוּן וֶועט הָאבִּין זַיין לַאנְד בַּייא דֶעם יַם אונ וֶועט פוּרִין סְחוֹרָה מוּט שׁוּפִין אונ וֶועט גֶעבִּין עֶסִין צוּ יִשָּׂשׂכָר וָום עֶר וֶועט לֶערְנִין תּוֹרָה אונ דֶער שָׂכָר פון זְבוּלוּן איז גְרֶעסוּר פון יִשָּׂשׂכָר דֶען עֶר זָאל אוּם נוּט גֶעבִּין קֵיין עֶסִין וָואלְט עֶר נוּט גוּלֶערוּנְט אונ דְרוּם שְׁטֵייט דוּ פַּרְשָׁה פון זְבוּלוּן פַר יִשָּׂשׂכָר צוּ וַוייזִין דָם דֶער שָׂכָר פון דֶעם וָואס הֶעלְפְט תּוֹרָה צוּא לֶערְנִין אונ גוּט עֶסִין דוּא בַּחוּרִים וָואס לֶערְנִין תּוֹרָה לְשֵׁם שָׁמַיִם איז מֶער פון דוּ וָואס לֶערְנִין אַלֵיין (יִשָּׂשׂכָר חֲמוֹר גָּרֶם) יִשָּׂשׂכָר איז גְלַייך וִוי אֵיין אֵייזוּל דֶען אֵיין אֵייזוּל הָאט גְרוֹסוּ בֵּיינוּר אונ וֵויינוּג פְלֵייש אַזוֹ זֶענוּן דוּ וָואס לֶערְנוּן תּוֹרָה דוּא הָאבּוּן וֵויינוּג פְלֵייש אוּף זֵייעֶר גוּף דֶען דוּ תּוֹרָה מַאכְט שְׁלַאף דֶעם כֹּחַ אונ זַיין פְלֵייש וֶוערְט גוּמוּנוּרְט (רֹבֵץ בֵּין הַמִּשְׁפְּתָיִם) אַזוֹ וִויא אֵיין אֵייזוּל גֵייט טָאג אונ נַאכְט אונ וֶוען עֶר וִויל רוּאוּן לֵייגְט עֶר זוּך אַנוּדֶר צְוִוישִׁין דוּגוּמַארְקִין פון דֶער שְׁטָאט אַזוֹ אוּך זֶענוּן דוּא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זֵייא רוּאוּן נוּט טָאג אונ נַאכְט אונ לֶערְנוּן תּוֹרָה אונ רוּאוּן נוּט אוּף זֵייעֶר גְלֶעגֶר (וַיַּרְא מְנֻחָה כִּי טוֹב) אונ עֶר הָאט גְזֶעהוּן דָאס צוּא לֶערְנוּן תּוֹרָה דַארְף מֶען הָבּוּן מְנוּחָה מֶען זָאל נוּט נָאך גֵיין נָאך סְחוֹרָה אונ נוּט נָאך מִלְחָמָה אונ דְרוּם בֶּעטוּן מוּר אונ שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה הָשִׁיבָה שׁוֹפְטֵינוּ כְּבָרִאשׁוֹנָה וְיוֹעֲצֵינוּ כְּבַתְּחִלָּה וְהָסֵר מִמֶּנּוּ יָגוֹן וַאֲנָחָה דָאס איז טַייטְשׁ דָם גָאט זָאל אוּנְז בַּזֶעצוּן אונ יְרוּשָׁלַיִם אונ זָאל פון אוּנְז אָפּ טוּן טְרוֹעֶרְקֵייט אַזוֹ וֶועלוּן מוּר הָאבּוּן רוּה וֶועלוּן מוּר הָאבּוּן שֵׂכֶל צוּ לֶערְנוּן תּוֹרָה תָּמִיד אַזוֹ וִוי אונ פָּסוּק שְׁטֵייט (כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת יְיָ) אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמוּן וֶועלוּן אַלוּ קֶענוּן לֶערְנוּן תּוֹרָה דְרוּם שְׁטֵייט פַאר דֶער בְּרָכָה הָשִׁיבָה תְּקַע בְּשׁוֹפָר דָאס וַויזְט וֶוען מֶען וֶועט בְּלָזוּן מוּט דֶעם שׁוֹפָר אונ מָשִׁיחַ וֶועט קוּמוּן וֶועט זַיין שֵׂכֶל דָאס מֶען וֶועט רֶכְט קֶענוּן לֶערְנוּן (וַיֵּט שִׁכְמוֹ לִסְבֹּל) אונ עֶר הָט גְנֵייגְט דֶעם אַקְסוּל צוּ לֵיידוּן דָם לֶערוּנְט אוּנְז דָאס אֵיין תַּלְמִיד חָכָם דַארְף קֶענוּן לֵיידוּן וֶוען מֶען איז אוּם מְבַזֶּה (וַיְהִי לְמַס עֹבֵד) אונ יִשָּׂשׂכָר וֶועט זַיין צוּא יִשְׂרָאֵל צוּ מַס דָם עֶר וֶועט מוּט זֵיי לֶערְנוּן אונ וֶועט זֵיי שְׁאֵלוֹת פַּסְקוּנוּן אונ דֶר מִדְרָשׁ זָאגְט (יִשָּׂשׂכָר חֲמוֹר גָּרֶם) איז טַייטְשׁ דָם אֵייזוּל הָט גוֹרֵם גִוֶועִן יִשָּׂשׂכָר זָאל גִבּוֹרוּן וֶוערוּן דֶען אַז יַעֲקֹב איז גוּקוּמוּן פון דֶם פֶעלְד אוּף זַיין אֵייזוּל הָאט לֵאָה גִהֶערְט דָם קוֹל פון דָם אֵייזוּל איז זוּ אוּם אַקֶעגוּן

גגאנגגון אונ זו אוז מעוברת גווארון מוט יששכר (דן ידין עמו) שמשון הגבור וואס ער וועט ארוס קומון פון שבט דן דער וועט זיין אשופט אובור ישראל אונ וועט זייא פורון אזו וויא איין מלך אונ וועט הארגונון פול פלשתים נוט מוט כלי זיין וואר מוט איין קין באק פון איין אייזול וועט ער דער שלאגון טוזונט מאן אונ דרום הט דער פסוק גגלוכון שמשון צו אשלאנג הען אזו וויא אשלאנג גייט אליין שטולור הייט אונ טייט פול לייט אזו אוך וועט שמשון גיין אליין אן גשריי אונ וועט טייטון פול פלק פון דו פלשתים אונ נאך אפשט אוז ער אוז גגלוכון צוא אשלאנג אזו וויא אשלאנג האט אגופט ווי פייאור אזו אוך שמשון וועט פאר ברענון דאס קארון פון דוא פלשתים דען ער האט גהאפט דריי הונדורט פוקסון אונ הט אונ זייא אן גבונדון פלאם פייאור אונ האט זייא גוטריבון אוף דעם קארון פון דוא פלשתים אונ האט עם פאר ברענט אונ וויא דוא פלשתים זענון גוואר גווארון זענון זייא גוקומון צוא ישראל מלחמה האלטון זענון דוא ישראל גוקומון צוא שמשון דריי טוזונט מאן אונ הבון אום גוואלט בונדון צוא געבון אום צוא דוא פלשתים זייא האבון גזאגט דוא פלשתים בגערון נוט קיין מענשון נאר דוך האט שמשון גזאגט שווערט מור דאס אור זאלט מוך נוט טייטון וועל אוך מוך לאזון בונדון האבון זייא אום גשווארון דאס זייא וועלון אום נוט טואון אונ האבון גונומון צווייא נייאו גראבו שטרוק אונ האבון אום גובונדון אונ האבון גטראגון אום צו דו פלשתים אונ ווי דו פלשתים הבון דר זעהן דאס מען טראגט שמשון האבון זייא טרומייטורט אונ גטאנצט פאר שמחה אזו אוז גוקומון דער רוח פון גאט אוף שמשון אונ דוא שטרוק פון זיינו הענד זענון גווארון אזו ווי פר ברענט פלאקס אונ זענון צוא גאנגון אוף זיינו הענד האט

ער גונומון אקון באק פון איין אייזול אונ האט מוט דעם דער הרגות דרייא טוזונט מאן פון דו פלשתים אונ דר נאך אוז ער זייער דארשטוג גווארון אונ הט נוט גוהאט וואס צוא טרונקון האט ער תפלה גוטואון צוא גאט אונ האט גזאגט האר פון דער גאנצר וועלט דוא האסט מור גהאלפון פון דו פלשתים אונ היינט זאל אוך שטארבון אונ דארשט אונ זאל פאלון פאר דו פלשתים האט גאט אום גוטואון אנם דם פון דעם קין באק הט גרונון וואסור ווי פון אקוואל אונ שמשון האט זוך אן גטרונקון אונ אוז גבלובון לעבון דער מדרש שרייבט דרום גלייכט דער פסוק שמשון צוא אשלאנג דען אשלאנג האט קיין פוס נוט אזו אוך הט שמשון גהונקון (לישועתך קויתי יי) יעקב האט גזעהון דאס שמשון וועט זיין דער אונטערשטור שופט פון ישראל חאטשו שמואל אוז גוועזן נאך אום האט ער דאך אזו פול מלחמה נוט גוהאט ווי שמשון דרום האט יעקב גזאגט חאטשו שמשון וועט שטארבון אונ דער מלחמה פון דעסט וועגון (לישועתך קויתי יי) טוא אוך האפון צו דור גאט דם דו וועסט אונז ווייטור אוך העלפון פון אונזרו פיינד אזו שרייבט דער רמב"ן אונ רש"י שרייבט שמשון אליין הט גזאגט (לישועתך קויתי יי) ווען ער הט אן גונומון דו זיילון פון דם הוז צו אום ווארפון דם הוז הט ער תפלה גוטון צו גאט ער זאל אום העלפון דם הוז אום ווארפון אונ עם הט אום נוט באנג גטון דם ער וועט גהרגות ווערון גאר ער זאל אנקמה טון אונ דו פלשתים אזו ווי עם שטייט (תמות נפשי וגו') לאם אוך ווערון גטייט מוט דו פלשתים (גד גדוד יגודנו) יעקב זאגט שבט גד וועט מוט זיינו ברודור אובור פארון דעם ירדן צו הלטון מלחמה מוט דו עובדי ע"ז אונ ער וועט דר הארגונון פול עובדי ע"ז אונ ער וועט זוך אומקרון פון ארץ ישראל אונ וועט

אין גענומן זיין חלק אונ חוצה לארץ אונ
ווערט קומן אחיים בשלום אונ עס וועט
פון זיא קיין מענש נוט גומוגרט ווערון
(מאשר שמנה לחמו) ביי אשר וועט זיין
אפעט לאנד מוט אייל בורטון אונ פון אום
וועט מען קופון בום אייל (נפתלי) דם
זיין לאנד וועט גוך פארטוג מבון פירות
אזו ווי אהורש וואס לופט גוך (הנותן
אמרי שפר) מען וועט אובור זיינו פירות
אברכה מאכון אונ נאך אפשט אוז יעקב
האט גזאגט בנבואה אז עס וועלון זוך
איינזאמלון צעהן טוזונט מאן פון שבט
נפתלי צו גיין גוך מלחמה האלטון מוט
סיסרא אזו ווי איין אונד וואס לופט גוך
(הנותן אמרי שפר) וואס דורך דעם האט
דבורה אונ ברק שירה גזאגט דר מדרש
זאגט עשו הט נוט גלאזט בגרבון יעקב
אונ דר הייל הט מען גשוקט נפתלי וויל
ער לופט גיך אזו וויא איין אונד קיין
מצרים צו ברענגון די בריף וואס עשו הט
זיין חלק אונ דר הייל פר קופט אונ אי ער
אוז גוקומון אוז גגאנגנו חושים בן דן אונ
הט גהרגת עשו אונ דער רמב"ן אונ דר
תולדות יצחק שרייבון דרום גלייבט ער
נפתלי צו איין אונד דען דר סדר אוז גוועען
פון די אונדון דם מען הט גשוקט זיא
מוט בריף דם אוז דער פשט (הנותן אמרי
שפר) דער אמרי נועם שרייבט (נפתלי
אילה שלוחה) נפתלי גייט גוך אונ וועג
דען קיין מענש פר האלט אום נוט (הנותן
אמרי שפר) ווי ל ער גוט אוטלויבון מענש
וואס ער בגעגנט גוטו רייד (בן פורת יוסף)
יוסף אוז אזון וואס הט חן (בן פורת עלי
עין) דם אוטלובר וואס זעהט יוסף האט
ער ביי אום חן (בנות צעדה עלי שור) די
טעכטור פון מצרים האבון גטרעטון אוף
די מורון צו זעהן דם שיינקייט פון יוסף
אונ נאך אפשט אוז (בן פורת יוסף) דען
ווען עשו אוז גוקומון צו יעקב אונ הט
גזעהן אלו ווייבור אונ קונדר הט זוך יוסף
גשטעלט פר זיין מוטור אונ הט זוך אום
גצוגון אונ דר הייך כדי עשו זאל זו נוט
זעהן וויל זו אוז געווען זייער שיין ער זאל
זו נוט וועלון נעמון דרום זגט יעקב וויל
די האסט דוך אום גשטרעקט אונ גרוס
גמאכט צו פר שטעלון דיין מוטור דרום
האסטו זוכה געוועזן אז אלו ווייבור וועלון
זעהן דיין שינקייט (עלי עין) דוא וועסט
זיין אובור דעם אונ כלומר דו וועסט זוכה
זיין דם מען וועט דור קיין מאל קיין
עין הרע נוט געבון דער בחיי שרייבט
דרום זאגט דער פסוק צוויי מאל בן פורת
צו ווייזון אז פון די צוויי קונדר פון יוסף
וועלון זוך מערון פול לייט צווישן ישראל
אזו ווי משה הט גזגט אונ (וזאת הברכה
והם רבבות אפרים וגו') (בנות צעדה עלי
שור) דוא טעכטור פון מצרים האבון
גטרעטון אוף די מורון צו זעהון דם
שונקייט פון יוסף אובור יוסף אוז געוועזן
בצניעות אונ האט נוט גוואלט קוקון
אוף קיין שום אשה דרום הט ער זוכה
געווען צוא גרוס גדולה דר מדרש זאגט
בן פורת יוסף אוז טייטש דורך די כוא
וואס האט זוך פרעה גחלומת אוז יוסף
גקומון צוא דער גדולה אונ אוז גוואורון
אשלט (וימררוהו) אונ זיי בוטורון אום
פוטיפר מוט זיין ווייב (ורובו) אונ זייא
קריגון זוך מוט אום די ברודור (וישטמוהו
בעלי חצים) אונ זיינו טיילר כלומר זיינו
ברודור וואס דארפון זוך מוט דר ירושה צו
טיילון הבון אום פיינד גהט (ותשב באיתן
קשתו) אונ זיין בוגון אוז ווארון איינגוזעצט
אונ שטארקייט כלומר ער אוז איין שליט
גווארון (ויפוזו זרועי ידיו) אונ זיינו הענד
זענון ווארון בגלדוט מוט גון גאלד דם דר
מלך הט גגעבון אוף זיין האנד דם גולדונו
פונגורול דם אלין הט יוסף גהאט (מידי
אביר יעקב) פון דם שטארקון גאט פון
יעקב (משם רועה אבן ישראל) פון דרטון
הט ער זוכה געווען צו זיין איין האר אובור
ישראל דר תולדות יצחק שרייבט (ותשב
באיתן קשתו) אוז טייטש ווען פוטיפרם

ווייב הט אום אנגורעט ער זאל ביי אור לוגן הט ער זוך גשטרקט אוף זיין שטנד נוט צו לוגן ביי אור דרום הט ער זוכה גוועזן (ויפזו זרעי ידיו) דס דר מלך הט אום דס גולדונו פונגורול אן גוטון אוף זיין הנד (מידי אביר יעקב) אונ דרום אוז יוסף ביי אור נוט גלוגן ווייל עס הט זוך אום דר פטור בוויזן אונ הט אום גזגט ווען דו ווערסט ביי אור לוגן ווערסטו הייסן רועה זונות אונ ווען דו ווערסט נוט לוגן ווערסטו הייסן (רועה אבן ישראל) איין האר אובור ישראל אונ אוך הייסט יוסף (אבן ישראל) ווייל דו צוועלוף שבטים אוטלוכור הט גהאט אשטיין אונ חושן פון דם כהן גדול אונ זיין נאמון אוז גוועזן דרוף אום גקרוצט אונ דער שטיין פון יוסף אוז גוועזן איין שוהם אונ אוף דו א־סול באנד פון דעם אפוד וס דער כהן גדול הט גטרגן אוז גוועזן צוויי שטיינור פון שוהם אונ אוף זיי אוז גוועזן אום גקרוצט אלו נעמון פון דו צוועלוף שבטים אונ דער שוהם אוז דאך גוועזן דער שטיין פון יוסף דרום הייסט ער אבן ישראל איין שטיין וואס אלו ישראל זענון אויף אום אוף גקרוצט (מאל אביך ויעזרך) דס אוז דור אלץ גוקומון פון דעם גאט פון דיין פאטור אונ ער ווערט דור העלפון (ואת שדי ויברכך) אונ ווייל דו בוסט תמיד גוועזן מוט גאט אונ האסט נוט גוואלט לוגן מוט פוטיפרס ווייב דרום ווערט דוך גאט בענשון (ברכות שדים ורחם) גאט ווערט בענשון דיינו פטור אונ מוטור כלומר איין מאן מוט איין ווייב וס ווערלון זיין פון דור ווערלון זייא נוט פאר ווארפון זייערו קונדער אונ עס ווערט פון דור פול קונדר זיין אוף דער וועלט (ברכות אביך גברו על ברכות הורי) דיין פאטרס ברכה אוז שטרקור אונ בעסור פון דער ברכה פון מיינו עלטורון דען גאט הט מוך גבענשט אן מאס אונ אן צאל (תהיין לראש יוסף) דו ברכות לאזון זיין אוף דעם קאפ פון

יוסף (בנימין זאב יטרף) יעקב הט גזאגט בנבואה דאס שבט בנימין ווערט מוזון חאפון ווייבור דען מען הט זיי אונ חרם גלייגט אובור דער מעשה פון פילגש בגבעה הט זיי קיינור נוט גוטארט קיין ווייב געבון האבון זיי גמוזט חאפון ווייבור אזו ווי איין וואלף (בבוקר יאכל עד) צום ערשטון ווערט זיין שאול המלך פון שבט בנימין אונ ווערט רובון דם גוטי"ם אונ געלט פון עובדי ע"ז (ולערב יחלק שלל) אונ צו דעם אוטע־שטון ווערט זיין מרדכי אונ אסתר פון שבט בנימין וום ועלון נעמון דם געלט אונ גוטי"ן פון המן (וזאת אשר דבר להם אביהם ויברך אותם) דאווייזט אונז דר פסוק חאטשו יעקב הט עטלוכו קונדור מבזה גוועזן פון דעסט וועגון הט ער אלו גלייך גבענשט יעקב הט צוואה גלאזט (אני נאסף אל עמי) אוך וועל שטארבון זאלט אור מוך בגרבון ביא מיינו עלטורון אונ דר הייליג דער רמב"ן שרייבט חאטשו יוסף אליין אוז ווארון בשוורון צו טראגון אום אונ דער הייל' האבון אום דאך אלו קונדור גטרגון (שמה קברו אברהם ושרה אשתו) דארטון הט מען בגרבון אברהם מוט זיין ווייב שרה (ושמה קברו את יצחק ואת רבקה אשתו) אונ דורטון אוז ווארון בגראבון יצחק מוט זיין ווייב רבקה אונ דרום זאגט ער מען הט בגראבון יצחק חאטשו ער אליין הט אום בגראבון נאר ווייל עשו הט אום אויך גוהלפון וויל ער זוך נוט אליין דר מאנון נאר גלייך מוט עשו אונ זאגט מען האט בגרבון אונ דורטון האב אוך בגראבון לאה אזו הב אוך אחזקה גטון אונ דר הייל כדי עשו זל קיין חזקה נוט האבון אונ אור דען עס קען מער נוט לוגון נאר דריי פאר דרום הט זוך יוסף נוט גהייסון לייגון אונ דער הייל אונ אז מען הט יעקב גטראגון צו בגרבון אוז גקומון צפו בן אליפז דאס איינוקול פון עשו מוט אגרום פאלק אונ האבון מלחמה

גְדַאכְטְן מוּט יוֹסֵף אוּנ מוּט זַיין פָאלְק
הָט יוֹסֵף דִי מִלְחָמָה גְוִינוּן אוּנ פוּן זַיינֵי
לַייט אִיז נִיט גוּמוּקֶערְט גְוָוארוּן נוּט אֵיינוּר
אוּנ הָאט צְפוֹ מוּט זַיינֵי הוּפְט לַייט אוּנ
תְפִיסָה גְנוּמוּן אוּנ הָט אִים גְהַלְטוּן תָפוּס
אוּנ מִצְרַיִם בִּיז עֶר אִיז גְשְׁטָארְבוּן (וַיִגְוַע
וַיֵאָסֶף אֶל עַמָיו) יַעֲקֹב אִיז וָוארוּן פַאר
גַאנְגוּן אוּנ אַיין גוּטוּן צוּ זַיין פָאלְק דוּא
גְמָרָא זָאגְט דְרוּם שְׁטֵייט נוּט קֵיין מִיתָה
בַּייא יַעֲקֹב וַוייל יַעֲקֹב אִיז נוּט גְשְׁטָרְבוּן
דֶר רמב"ן אוּנ דֶר תוֹלְדוֹת יִצְחָק אוּנ דֶר
בְּחַיֵי שְׁרַייבוּן וֶוען מֶען הָאט דֶעם גוּף
גְפַלְמוּסְט מוּט בְּשָׂמִים עֶר זָאל נוּט פַאר
שְׁטוּנְקוּן וֶוערוּן מוּז זַיין דָאס עֶר אִיז
גְשְׁטָארְבוּן נָאר יַעֲקֹב אִיז זַייעֶר הֵיילוּג
גְוֶוען פְלֶעגְט דוּא נְשָׁמָה אַלוּ צַייט קוּמֶן
אוּנ גוּף גְלַייךְ וִויא עֶר לֶעבְּט דֶם מֵיינְט
דוּא גְמָרָא עֶר אִיז נוּט גְשְׁטָארְבוּן אַזוּ
וִויא מוּר גוּפוּנוּן בַּייא רַבִּי דָאס עֶר הָאט
צַוָואָה גְלָאזְט מֶען זָאל אַלוּ פְרַייטוּג דֶעם
טוּשׁ גְרֵייטוּן אוּף שַׁבָּת אוּנ דוּ לוּכְט אָן
צוּנְדוּן דֶען עֶר וֶועט אַהֵיים קוּמוּן קִידוּשׁ
מַאכוּן אוּנ אַזוּ אִיז גְוֶוען אַיין מָאל הָאט
אַנַייבּ פוּן אַשְׁכֵּן גְקְלַאפְט אוּנ דֶער טוּר
וִויא רַבִּי אִיז גְוֶוען אִיז אַרוּם גְגַאנְגוּן דוּא
דוּנְסְט מוּד אוּנ זָאגְט שְׁוַוייג רַבִּי אִיז דָא
וִויא עֶר הָט דָאס דֶער הֶערְט הָט עֶר נוּט
גְוָואלְט מֶער קוּמוּן כְּדֵי לַייט זָאלוּן נוּט
גְוָואר וֶוערוּן דֶער פוּן אַזוּ וֶועט עֶס זַיין
אַחֲרָפָּה צוּ דוּ אַלְטֶע צַדִיקִים וָואס קֶענוּן
נוּט אַהֵיים קוּמוּן אוּנ נָאךְ אֵיין פְּשַׁט אִיז
וַוייל יַעֲקֹב הָאט גְלֶערְנְט תּוֹרָה מוּט
תַלְמִידִים אוּנ וֶוען זֵייא זָאגוּן אֵיין פְּשַׁט
פוּן זַיינוּט וֶועגוּן רוּרוּן זוּךְ דוּ לֶעפְצוּ אוּנ
כְּבֶר גְלַייךְ וִויא עֶר לֶעבְּט דְרוּם שְׁטֵייט
נוּט בַּיי אִים קֵיין מִיתָה (וַיִבְכּוּ אוֹתוֹ מִצְרַיִם
שִׁבְעִים יוֹם) אוּנ דוּא מִצְרַיִם הָאבוּן אִים
בַּאוֵויינְט זוּבּוּצוּג טָאג פֶערְצוּג טָאג וָואס
מֶען הָט אִים גוּפַלְמוּסְט אוּנ דְרַייסוּג טָאג
פוּן אֲבֵילוּת (וַיַחַנְטוּ הָרוֹפְאִים אֶת יִשְׂרָאֵל)
דוּא רוֹפְאִים הָאבוּן גְזָאגְט וִויא אַזוּ מֶען
פַלְמוּסְט אוּנ דִי קוּנְדוּר פוּן יַעֲקֹב הָאבוּן
גְפַלְמוּסְט דֶען מֶען הָאט נוּט גוּלָאזְט דוּא
רוֹפְאִים אָן רוּרוּן אוּנ דֶם גוּף פוּן יַעֲקֹב
(בְּקִבְרִי אֲשֶׁר כָּרִיתִי לִי) יוֹסֵף זָאגְט צוּ
פַרְעֹה יַעֲקֹב הָט צַוָואָה גְלָזְט אוּר זָאלְט
מוּךְ בַּגְרָאבוּן אוּנ דֶער הֵייל וָואס אוּךְ
הָאבּ מוּר גוּקוֹפְט אוּנ דְרוּם שְׁטֵייט כָּרִיתִי
דָאס אִיז טַייטְשׁ הוּפוּן דֶען יַעֲקֹב הָאט
גְנוּמוּן גָאלְד אוּנ זוּלְבּוּר אוּנ הָאט גְלֵייגְט
אַהוּפוּן פַאר עֵשָׂו אוּנ הָאט גְזָאגְט וֶועם
דוּר דָאס פַאר דַיין חֵלֶק אוּנ דֶער הֵייל
(וַיֹאמֶר פַּרְעֹה) פַּרְעֹה הָאט גְזָאגְט צוּא
יוֹסֵף גֵייא אוּנ בַּגְרָאבּ דַיין פָאטֶר וַוייל
עֶר הָאט דוּךְ בַּשְׁוואָרוּן דֶען עֶר זָאל
הוּךְ נוּט בַּשְׁוֶוערוּן וָואלְט אוּךְ דוּךְ נוּט
גְלָאזְט גֵיין וָואר קֵיין שְׁבוּעָה קָאן אוּךְ
דוּר נוּט הֵייסוּן עוֹבֵר זַיין (וַיַעַל יוֹסֵף
לִקְבּוֹר אֶת אָבִיו) יוֹסֵף אִיז אוּף גְגַאנְגוּן
צוּא בַּגְרָאבוּן זַיין פָאטוּר אוּנ זַיין עֶרְלֵייא
זֶענוּן גְגַאנְגוּן צוּם עֶרְשְׁטוּן יוֹסֵף אַלֵיינְדֶר
נָאךְ דִי שָׂרִים פוּן פַּרְעֹה דֶער נָאךְ דִי
זְקֵנִים דֶער נָאךְ דִי עֶלְצְטוּ פוּן מִצְרַיִם
דֶער נָאךְ דָאס הוּז גוּזוּנְד פוּן יוֹסֵף דֶר
נָאךְ זַיינוּ בְּרוּדוּר דֶער נָאךְ זַיין פָאטֶרְס
הוּז גוּזוּנְד דֶער נָאךְ זֶענוּן גְגַאנְגוּן רַייט
וֶועגוּן דֶער נָאךְ זֶענוּן גְגַאנְגוּן צוּא פוּס
פוּל פָאלְק (וַיְהִי הַמַחֲנֶה כָּבֵד מְאוֹד) אוּנ
דוּא מַחֲנֶה אִיז גְוֶוען זַייעֶר שְׁוֶוער דֶען
מַלְאָכִים פוּנוּם הוּמוּל זֶענוּן גְגַאנְגוּן נָאךְ
דֶם פֶלְק דוּ מַלְאָכִים וָוס הָבוּן גוּהוּט יַעֲקֹב
בַּיי זַיין לֶעבּוּן דוּ הָבוּן אִים גוּהוּט נָאךְ זַיין
טוּט (גוֹרֶן הָאָטָד) דֶען אַלוּ מְלָכִים פוּן
כְּנַעַן אוּנ פוּן יִשְׁמָעֵאל זֶענוּן גוּקוּמוּן צוּ
מִלְחָמָה אֵיינוּר מוּט דֶם אַנְדוּרוּן אוּנ ווי זֵיי
הָבוּן גְזֶעהוּן דֶם יוֹסֵף הָט זַיין קְרוֹן אוּף
גְהַנְגוּן אוּף דֶם אָרוֹן הָבוּן זֵיי אַלוּ זַייעֶרוּ
קְרוֹנוּן אָן גְהַאנְגוּן בַּיי דֶעם אָרוֹן דְרוּם
הָט מֶען דֶם אוֹרְט גְרוּפוּן (גוֹרֶן הָאָטָד)
דָם אִיז טַייטְשׁ מֶען הָט דֶעם אָרוֹן פוּן
יַעֲקֹב אַרוּם גְהַאנְגוּן מוּט קְרוֹנוּן. דוּא
קוּנְדוּר פוּן יַעֲקֹב הָאבוּן אִים גְטְרָאגוּן

(באשר צום) אזו ווי ער הט זיי גבטון דם ערשטו הט ער אן גזגט אז קיין איינקליך זאלין אום נוט טראגון ווייל עס איז גוועזן עטליכו איינקלוך פון דוא טעכטער פון כנען אונ קיין מצרי זאל אוך נוט טראגן דעם ארון אונ האט גהייסון אז דרייא קונדר זאלין גיין ביי אוטלוכור זייט אונ אזו ווי זיי זענון גנגגון ביי זיין ארון אזו אוך זענון זיי גגאנגון אונ דר מדבר ביי דעם ארון מוט דו לוחות אוך הט ער אן גזאגט אז לוי זאל נוט טראגון ווייל זיינו קונדר וועלון טראגון דעם ארון מוט דו לוחות אונ יוסף זאל אוך נוט טראגון ווייל ער איז אשליט אונ אוף זייער אורט זאל זיין אפרים אונ מנשה (וישב יוסף מצרימה הוא ואחיו) אונ יוסף האט זוך אום גקערט קיין מצרים מוט דו ברודור אונ אלו דו ווס זענון גוגאנגון צו בגראבן זיין פאטור רש"י שרייבט דרום ווען זייא זענון גוגאנגן אום בגראבון זענון דוא מצרים פרור גגאנגון אונ צו רוק זענון דו ברודור פרור גגאנגון ווייל זיי האבן גזעהן אז אלו מלכים הבון אף גהנגון זייערו קרונון פון יעקבס כבוד וועגון דרום האבון זיי דו קונדר אוך כבוד אן גטון אונ הבון זיי גלאזט גיין פרור (ויראו אחי יוסף כי מת אביהם) דו ברודור פון יוסף האבון גזעהן אז זייער פאטר איז גשטארבון ווייל יוסף הט זוך אבזונדורן טוש גמאכט אוף צו עסון הבון זיי גמיינט אז ער הט זיי פיינד אונ וועט זוך אונ זיי נוקם זיין אבר יוסף הט דם נוט בדיעה גהאט נור אז יעקב הט גלעבט פלעגון זיי ביי איין טוש עסון אונ יעקב פלעגט המוציא מאכון אונ אז יעקב איז גשטארבון וואלט יוסף גדארפט המוציא מכון ווייל ער איז דר בעל הבית נאר ער איז אבר גוועןן דר יונגסטר צווישון דו ברודר דרום הט ער זוך אבזונדורון טוש גמאכט אונ דר חזקוני שרייבט ווען זיי זענון גגאנגן צו בגראבון יעקב זענון זיי גוקומון צו דעם גרוב ווס מען הט יוסף אריין גוורפון הט יוסף זוך אנודר גשטעלט אונ האט אברכה גמאכט ווס גאט הט אום אנס גטון אונ הט אום ארום גהאלפון פון דעם גרוב אונ דו ברודור האבון דאס גזעהון האבון זיי מורא גהאט דם יוסף וועט זוך דר מאנון אונ דו צרות ווס זיי הבון אום אן גטון אונ וועט זוך אונ זייא נוקם זיין דרום הבון זיי גשוקט דו קונדר פון בלהה זיי זאלון זאגון צו יוסף דער פאטור הט צוואה גלאזט דם יוסף זאל זיי מוחל זיין אוף דעם וואס זיי האבון אום פאר קופט חאטשו דאס איז איין לוגונט ווארון יעקב האט פון דעם פאר קופון נאר נוט גוויסט אונ ער האט אוך גוויסט דאס יוסף איז איין צדיק אונ וועט זיי קיין בייז נוט טון ווען שון זייא האבון אום גוטון בייז נאר פון שלום וועגון מעג מען איין לוגונט זאגון דאס קיינום שאדון טוט דער תולדות יצחק שרייבט דרום האבון זייא גזאגט (עבדי אלהי אביך) פר גוב דוא עבירה פון דוא קנעכט פון דעם גאט פון דעם פאטור ווייל יוסף הט זיי ביי דעם דער קענון גוזאגט נוט אור האט מוך פאר קופט נאר גאט האט מוך גשיקט

של"ה הקדוש

בונד אונ מוט דעם גאנצון הארצון גרום פריינדשאפט : (אנא שא נא פשע אחיך) מור בעטון דוך פר גוב דו שולד פון דיינו ברודר . מען בדארף בטראכטון אונ זעהון וויא וויכטוג עס איז מחילה צו בעטון אוף אהבא ווס מור האבון באגאנגון קעגון אמענשון. זעהט נאר דו שבטים ווס זענון גוועזון היילוגו אונ געטלוכו מענשון . ווי פול האבון זיי זוך מכניע גוועזון קעגון זייער ברודר יוסף זיי זענון אום צו דו פוס גפאלון אונ האבון זוך פאר קנעכט גמאכט . כדי ער זאל זיי מוחל זיין . על אחת כמה וכמה מור זונדיגו מענשון ווי פול דארפון מור בעטון אונ וויינון מען זאל מוחל זיין ווען מור טון ארעה אמענטשון אודער מור בליידוגון אום אונ קרענקון דורך זלזולים אודר דורך לשון הרע אונ ווען דער בליידוגטער איז שון אפילו מרוצה אונ וויל שון מוחל זיין דארפון מור תשובה טון אונ בעטון גאט זאל אונז אוך מוחל זיין .

גשיקט אהער צו דער גערן איך דרום האבן זיי גזאגט מיר זענן געוועזן שלוחים אונ גשיקט פון גאט וואס מיר האבן דיך פר קופט דרום האבן מיר קיין עבירה נוט דער בהיי שרייבט דו ברודר האבן פון אים מחילה גבעטן אונ מיר גופינן נוט דאס ער האט זיי מוחל גוועזן אונ דו גמרא זאגט ווען איינר טוט איין עבירה אקעגן זיין חבר אפילו ער טוט תשובה העלפט נוט ביז דער חבר איז אים מוחל. אונ דוא ברודער זענן גשטארבן אונ האבן קיין מחילה נוט גהאט דרום זענן אים גוקומן צעהן חשובו רבנים פון ישראל פון דער עבירה וועגן זייא זאגן (עבדי אלהי אביך) ווען דיין פטור איז גשטארבן איז דאך דא דער גאט פון דיין פטור אונ מיר זענן זיינו קנעכט (ויבך יוסף בדברם אליו) הט יוסף גוויינט וויא זייא האבן צו אים גורעט אונ דער נאך זענן דו ברודר אליין גגאנגן אונ זענן גפאלן פר אים אונ האבן גזאגט מיר זענן דיינו קנעכט הט יוסף צו זיי גזגט פארכט איך נוט בין איך דען גאט ווען איך זאל איך וועלן בייז טואון קען איך נוט אן גאט אזו וויא איר האט גוואלט מיר בייז טואון אונ גאט האט עם פאר אטובה גוטון מיר אונ איך צו דר גערן אונ הונגער דרום פארכט איך נוט איך וועל איך נאך ווייטר שפייזן מוט אייער הויז גוזינדפון דאנון לערנן מיר אפ דאס וויא באלד יעקב איז גשטארבן האט זיך דער הונגער ווידור אן גהובן דען אז יעקב איז גוקומן קיין מצרים הט דר הונגער אוף גוהערט פון זיין זכות וועגן אונ היינט האט זוך ווידור אן גוהובן דרום האט יוסף גזאגט איך וועל איך שפייזן אונ הונגער אונ יוסף הט גזגט צו דו ברודור איך בין דורך איך אמיוחס גוואָרן דען פרור האט דו גאנצו וועלט גזאגט איך בין אקנעכט אונ דורך איך איז מען גוואר גוואָרן דאס איך בין פון חשובו לייט אונ ווען איך וועל איך הרגונן וועלן לייט זאגן ער האט זוך נאר ברומט מוט זיי אבור זיי זענן נוט זיינו ברודור ווען ער האט זייא גהרגות (ויחי יוסף מאה ועשר שנים) אונ יוסף הט גלעבט הונדרט אונ צעהן יאר אונ הט גזעהן איינוקלוך פון מנשה אונ הט זיי אוף גוצוגן אונ דר פסוק ווייזט אונז ווייל זיי זענן וואָרן אוף גוצוגן אונ הז פון יוסף זענן זיי גוועזן צדיקים דען זיי האבן זוך אפ גלערונט פון יוסף (וישבע יוסף את בני ישראל) אונ יוסף הט בשווארן דו ישראל זיי זאלן אים טראגן קיין ארץ ישראל ווען זיי וועלן אום גליזט ווערן אונ יוסף האט זוכה גוועזן דאס משה אליין האט זיינו ביינור גטראגן אונ אוטלוכום שבט האבן גטראגן דוא ביינור פון זייעור עלטור פאטור כלומר דו קונדור פון ראובן אונ אזו שבט שמעון אונ אלו שבטים אונ אז ישראל זענן ארום גגנגן פון מצרים איז דער ארון פון יוסף גוועזן אונ טייך נילום דו מצרים האבן גזאגט לאז דער טייך גבענשט ווערן פון וועגן זיין זכות הט משה גונומן איין זולבורנו בלעך אונ האט אין אום אום גקרוצט (עלה שור עלה שור) דאס איז טייטש גיי אוף דו יוסף וואס דו הייסט שור אונ משה הט גשריגן דו ישראל גיין ארום פון מצרים אונ דו שכינה וואַרט אוף דור דרום זום נוט אונ קום ארום פון דעם טייך אונ אז דו וועסט נוט ארום גיין וועלן מיר ישראל ריין זיין פון דיין שבועה. אזו איז ער ארוף גשווימן אונ ווייל משה אליין הט עוסק גוועזן מוט דו ביינור פון יוסף דרום האט ער זוכה גוועזן דם גאט אליין האט אים בגראבן פון דאנון לערנן מיר אפ ווען איינור טוט אליין איין מצוה נוט דורך אשליח דער הט אגרוסן שכר פון גאט:

(וַיִּקְרְבוּ יְמֵי דָוִד לָמוּת) אוּנ עֶס הָאט גֶנֶעהְנְט דוּא טֶעג פוּן דָוִד צוּ שְׁטַרְבּוּן הָט עֶר גְּבֶּטוּן זַיין זוּן שְׁלֹמֹה אַזוֹ צוּ זָאגוּן אוּךְ וֶועל שְׁטַרְבּוּן אַזוֹ וִוי דֶר סֵדֶר אוּז פוּן גָאר דֶר וֶועלְט אוּנ דוּ זָאלְסְט דוּךְ שְׁטַארְקוּן אוּנ זָאלְסְט זַיין צוּ אַיין מֶענְשׁ צוּ אַיין נֶעמוּן דֶעם יצה״ר אוּנ זָאלְסְט הִיטוּן דָאס הוּטוּנְג פוּן גָאט דַיין גָאט צוּ גַיין אוּנ זַיינוּ וֶועגוּן צוּ הוּטוּן זַיינוּ גֶזֶעץ אוּנ זַיינוּ מִצְוֹת אוּנ זַיינוּ מִשְׁפָּטִים אוּנ זַיין לֶערְנוּנְג אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט גְּשְׁרוּבּוּן אוּנ תּוֹרַת מֹשֶׁה פוּן וֶועגוּן דוּ זָלְסְט בַּגְלִיקוּן וָוס דוּ וֶועסְט טוּן אוּנ וִויא אַהוּן דוּא וֶועסְט דוּךְ קֶערוּן (לְמַעַן יָקִים יְיָ אֶת דְּבָרוֹ) כְּדֵי גָאט זָאל מְקַיֵּים זַיין זַיינוּ רֵייד וָוס עֶר הָט גְּרֶעט אוֹף מוּר אַזוֹ צוּ זָאגוּן אוֹב דַיינוּ קוּנְדֶר וֶועלוּן הוּטוּן זַייעֶר וֶועג צוּ גַיין פַר מִיר מוּט אֱמֶת מוּט זַייעֶר גַאנְצוּן הַארְצוּן אוּנ מִיט גַאנְצוּן ווילוּן אַזוֹ וועט דוּר נוּט פַר שְׁנוּטֶן וֶוערוּן קֵיין מַאן פוּן דֶר שְׁטוּל פוּן יִשְׂרָאֵל דָם דִיא מְלוּכָה וֶועט בְּלַייבּוּן בַּיי דוּר בּוּז אֵייבּוּג (וְגַם אַתָּה יָדַעְתָּ) אוּנ דוּ וַוייסְט אוּךְ וָוס יוֹאָב בֶּן צְרוּיָה הָט מוּר גְטָאן אוּנ צוּ דוּא צְוַויי הוּבּט הַארוּן פוּן יִשְׂרָאֵל צוּא אַבְנֵר בֶּן נֵר אוּנ צוּא עֲמָשָׂא בֶּן יֶתֶר דָם עֶר הָאט זֵיי גְּהַרְגוּת אוּנ הָאט גְטָאן בְּלוּט פוּן אַיין מִלְחָמָה מוּט שָׁלוֹם דָאס זֵייא הָאבּוּן מוּט אוּם שָׁלוֹם גְהַאט אוּנ הָאבּוּן זוּךְ פַר אוּם נוּט גוּהוּט אוּנ דָם הָט עֶר גְטוּן מוּט דֶעם אָן גוּרְטוּן פוּן דֶר שְׁוֶוערְד אוּף זַיינוּ לֶענְדוּן דָם עֶר הָט זוּא אָן גְגוּרְט אוּנ דֶר בְּרֵייט כְּדֵי זוּא זָאל קֶענוּן אַרוּם פַאלוּן גְרוּנְג אוּנ אַז עֶר אוּז גְגַאנְגוּן אַקֶעגוּן עֲמָשָׂא אוּז זוּא אוּם אַרוּם גְפַאלוּן אוּנ אַז עֶר הָאט זוּךְ אָן גְבוּגוּן זוּא אוֹיף הֵייבּוּן פוּן דֶער עֶרְד הָט זוּךְ עֲמָשָׂא נוּט גוּהוּט עֶר הָאט גְמֵיינְט עֶר הֵייבְּט זוּא אוֹיף אַרַיין צוּ וֶועצוּן אוּנ דֶער שֵׁייד אוּנ עֶר הָט זוּא אוֹיף גהוֹבּוּן אוּנ הָט עֲמָשָׂא גְּהַרְגוּת אוּנ מוּט זַיין שׁוּךְ וָוס אוֹיף זַיין פוּס דָאס דֶער מִיט הָט עֶר גְהַרְגוּת צוּ אַבְנֵר דֶען עֶר הָט אוּם גְפְרֶעגְט אַיין אִשָּׁה וָוס הָט נוּט קֵיין הֶענְט וִוי אַזוֹ נֶעמְט זוּא חֲלִיצָה הָט זוּךְ אַבְנֵר אָן גְבוּגוּן צוּ וַוייזוּן אוּם דָאס זוּא בּוּנְד אוֹיף דֶעם שׁוּךְ מוּט דוּ צֵיין אַזוֹ הָט יוֹאָב אוּם גְשְׁטָאכוּן אוּנ זַיין רוּף אוּנ אַטֵייל חֲכָמִים זָאגוּן (אֲשֶׁר עָשָׂה לוֹ) אוּז טַייטְשׁ וָוס יוֹאָב הָט מוּר דָוִד אַלֵיין גְטָאן דֶען דָוִד הָאט גוּשׁוּקְט אַיין בְּרוּף צוּ יוֹאָב עֶר זָאל לָאזוּן דֶער הַארְגוּנֶן אוּרִיָּה דֶעם מַאן פוּן בַּת שֶׁבַע אוּנ יוֹאָב פְלֶעגְט אַלוּ מָאל דוּ בְּרוּף וַוייזוּן עֶר זָאל אוּם אַיין חֶרְפָּה אָן טָאן (וְעָשִׂיתָ כְּחָכְמָתֶךָ) אוּנ דוּא שְׁלֹמֹה זָאלְסְט טָאן מוּט דַיין חָכְמָה אוּנ זָאלְסְט אוּם נוּט לָאזוּן שְׁטַארְבּוּן מוּט זַיין טוֹט אוּנ צוּ גֶדֶרוּן אוּם מוּט שָׁלוֹם אוּנ גְרוּב אַרַיין (וְלִבְנֵי בַּרְזִלַּי הַגִּלְעָדִי תַּעֲשֶׂה חֶסֶד) אוּנ צוּא דוּא קוּנְדֶר פוּן בַּרְזִלַּי הַגִּלְעָדִי זָלְסְטוּ טָאן חֶסֶד אוּנ זֵייא זָאלוּן זַיין פוּן דוּא וָוס עֶסוּן בַּיי דַיין טוּשׁ דֶען זֵיי הָאבּוּן גְנֶעהְנְט עֶסוּן שְׁפַּייז צוּ מוּר אַז אוּךְ בּוּן אַנְטְלָפוּן פַר דַיין בְּרוּדֶר אַבְשָׁלוֹם (וְהִנֵּה עִמְּךָ שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא) אוּנ נוּן מוּט דוּר אוּז שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא פוּן שֵׁבֶט בִּנְיָמִין פוּן דֶער שְׁטָאט בַּחוּרִים אוּנ עֶר הָט מוּךְ גְשָׁלְטוּן אַיין שְׁטַארְקוּ קְלָלָה אוּנ דֶעם טָאג פוּן מַיין גַיין קֵיין מַחֲנָיִם אוּנ עֶר הָט דֶער נָאךְ גְנוּדֶרְט אַקֶעגוּן מוּר צוּם יַרְדֵּן אוּנ אוּךְ הָאב אוּם גְשְׁווָארוּן בַּייא גָאט אוּךְ זָאל אוּם נוּט טַייטוּן מוּט דֶער שְׁוֶוערְד (וְעַתָּה אַל תְּנַקֵּהוּ) אוּנ אַצוּנְד זָאלְסְט אוּם נוּט רֵיין מַאכוּן דוּא בּוּסְט אַיין חָכָם דְרוּם גוּבּ דַיין הָאֶרֶץ צוּא גוּפוּנוּן אוּם אַיינְזוּנְד דָם עֶר זָאל גְהַרְגוּת וֶוערוּן אוּנ זָלְסְט מאכין

נופת

וַיִּקְרְבוּ יְמֵי דָוִד לָמוּת וַיְצַו אֶת שְׁלֹמֹה וגו׳ לְמַעַן יָקִים ה׳ אֶת דְּבָרוֹ וגו׳ אִם יִשְׁמְרוּ בָנֶיךָ אֶת דַּרְכָּם לָלֶכֶת לְפָנַי בֶּאֱמֶת (מ״א ב׳) ר׳ שִׁמְעוֹן זָאגְט דֶער הֵיילוּגוּר רוּחַ פוּן עֶלְטֶרוּן אוּז אַגְרוּסוּר הוּלְף פַר דוּא קִינְדֶר דֶען אַיין רוּחַ וֶוערְט נִתְעַלֶּה דוּרְךְ דֶעם אַנְדֶרוּן רוּחַ. אוּנ וֶוען עֶס מוּשְׁט זוּךְ עֶפּוּס נוּט גוּטְס אַרַיין דַאן קֶען שׁוֹן דָם קוּנְד נוּט אַזוֹ גַאנְץ גוּט אוּנ פְרוּם זַיין. אָבוּר בְּאוֹפֶן אַז דוּא קוּנְדֶר זָאלוּן אוּךְ טָאן חֶסֶד וֶאֱמֶת גַיין אוּנ גוּטוּן וֶועג אוּנ נוּט פַאר לָאזוּן זוּךְ אוֹיף דוּא צְדָקוֹת אוּנ זְכוּת אָבוֹת. אוּנ אֲפִילוּ אַיין גוּטוּ הַבְטָחָה פוּן השי״ת אוּז אוּךְ נָאר בִּתְנַאי אַז מֶען זָאל הוּטוּן דוּא תּוֹרָה וּמִצְוֹת.

צופים

וְעָה דָוִד זָאגְט דָא אוּנ זַיין צַוָּאָה צוּ זַיין זוּן שְׁלֹמֹה. הקב״ה הָאט מוּר מַבְטִיחַ גְוֶועְן אַזוֹ אִם יִשְׁמְרוּ וגו׳ אוֹב דַיינוּ קוּנְדֶער וֶועלוּן פְרוּם זַיין מוּט אֱמֶת דַאן וֶועט אוֹף אֵייבּוּג נוּט אָפּ גְטָאן וֶוערוּן דוּא מְלוּכָה פוּן זַייא. וֶוען נוּט נוּט. יַעֲקֹב אָבִינוּ הָט גְזָאגְט פַאר זַיין טוֹט צוּ יוֹסֵפִין שִׂים נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי וְעָשִׂיתָ עִמָּדִי חֶסֶד וֶאֱמֶת אַל נָא תִּקְבְּרֵנִי בְּמִצְרָיִם טוּא דַיין הַאנְד אוּנְטֶער מַיין דִיךְ כְּלוֹמַר זַייא זוּךְ סוֹמֵךְ אוֹף מוּר אָבוּר בְּאוֹפֶן דוּ זָאלְסְט אוּךְ טָאן עֶפּוּס חֶסֶד וֶאֱמֶת נָאר דַאן קֶען מַיינוּ מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס זַייא וֶוערוּן אָן גְרוּפוּן טוֹטוּן

מאכון גדורון זיין גרייזקייט מוט בלוט אונ דעם גרוב (וישכב דוד עם אבותיו) אונ דוד אוז גשטרבון אזו ווי זיינו עלטרון זענון גשטרבון אונ אוז וואורון בגראבון אונ דער שטאט פון דוד אונ דוא טעג ווס דוד הט גוקונוגט אויף ישראל אוז גוועזן פערצוג יאר אונ חברון הט ער גקונוגט זובון יאר אונ אין ירושלים הט ער גקונוגט דריי אונ דרייסוג יאר (ושלמה ישב על כסא דוד) אונ שלמה אוז גזעסון אויף דער שטול פון דוד אונ זיין מלוכה אוז גוועזן זייער אן גברייט דער מדרש רבה שרייבט ביי דעם צדיק ווס שטייט (ויקרבו וגו׳) אזו הט ער נוט אזו לאנג גלעבט אזו ווי זיינו עלטרון ווי מור גיפונון ביי דוד דס עס שטייט ביי אום ויקרבו ימי דוד למות אונ ער הט נאר גלעבט זובצוג יאר אונ בועז אונ עובד אונ ישי האבון גלעבט צו פור הונדרט יאר דוא גמרא זאגט אונ ברכות ר׳ שמואל בר נחמני זאגט ויקרבו ימי דוד למות דו טעג פון דוא צדיקים שטארבון אונ ווערון בטל אבר דער צדיק לעבט אייבוג אויף יענור וועלט דער מדרש רבתי זאגט דרום שטייט ויקרבו ימי דוד למות אונ עס שטייט נוט מלך דוד דרום ווייל אז אמענטש שטארבט ווערט אוים זיין שררה שאפט אונ אזו אויך גפונון מור ביי יעקב אונ דעם טאג וואס ער האט גזאלט שטרבון הט ער זוך נדרונג גהלטון אונ הט גרופון זיין זון יוסף אונ הט אום גבעטון מיט פול רייד ער זאל אום בגראבון אונ ארץ ישראל ר׳ יהושע זאגט פון וועגון ר׳ לוי דוא טרומייטון וואס משה האט גמאכט אונ דער מדבר הט גאט זיי פר בארגון אונ דעם טאג ווס משה אוז גשטרבון כדי מען זאל נוט אן זעהן דס משה הט דאס שררה שאפט גהאט אזו ווי אונ קהלת שטייט אין שלטון ביום המות) עס אוז נוט דא קיין גוועלטוגקייט אונ דעם טאג וואס דער מענש שטרבט דער תנחומא שרייבט אוף דעם פסוק (את אשר עשה לי יואב) דס דוד הט איין ברוף גשרובון צו יואב דוא זלסט אוריה שטעלון אונ עק פון דר מלחמה כדי ער זאל ווערון דער שלאגון אונ יואב הט אזו גטאן אונ הט אום גלאזט דר שלגון אזו זענון גוקומון צוא יואב דוא לייט פון דער מלחמה אונ האבון אים גפרעגט ווארום הסטו ד[...] נטאן אזו הט ער גוויזון דעם ברוף וואס דוד הט גשרובון צו דער שלאגון אוריה דס זאגט דער פסוק (אשר עשה לי יואב) כלומר ער הט מור דוד שלעכט גטאן דער מוט ווס ער הט דוא ברוף גוויזון אונ חאטשו יואב אוז גוועזן זיין שוועסטרם זון הט דוד אום גהייסון דער שלאגון כדי ער זאל איין כפרה האבון אויף דוא רציחות ווס ער הט גטאן אונ זאל קומון לעולם הבא אונ גן עדן דער מדרש רבתי שרייבט פונוף מאל שטייט אונ דער הפטורה ברזילי הגלעדי צוא ווייזון ווער עס נוט איין צדיק עסון ביי זיין טוש אוז גלייך ווי ער האט דוא תורה גהאלטון וואס אונ אור אוז פונוף חמשים :

נופת

נאמון ירך פאר אייך נוטצון דאס אור וועט ניצול ווערון פון אלו צרות אונ קיין איינצוגור פון אייך וועט נוט שטארבון אונ מצרים אונ ווען זיי וואלטון דאס גהוט וואלט דאס טאקי מקוים גווארון . ירך אוז גמיינט דוא מדות חסד ואמת אז דער פסוק זאגט חגור חרבך על ירך גבור הודך והדרך דוא גבור נורט אן דיין שווערד אויף דר דוך וועלכו זענון דיין ליב אונ שיינקייט . היינו דוא שווערד ווס אונ אום אוז אריין געצט דוא צווייא שיינו דומאנטון חסד ואמת וועלכו זייא שיידון זוך נוט קיין מאל איינו פון דוא אנדערו אזו ווייא עס אוז גשרובון חסד ואמת יקדמו פניך אונ מוט זייא קענסטו מנצח זיין אלו דיינו שונאים . רב המנונא סבא אוז גוועזן אונ דוא

צופים

שטאט קפוטקיא אוז צו אום אריין רב ייבא סבא פרעגט ער אונ וועלכון ענין זיים אור עוסק ענטפערט ער דער טענש וואס מאכט ירשנון איין רוח הטומאה צו זיין זון אוז ווייא צו אום אונ ווייא צו זיין נפש . הקב״ה רוהוט נוט אונ זייער חלק אונ זייא ווערון פאר לענט לעולם הבא נאר דאס אוז גרעט אוב זיי האבון קיין תשובה נוט גטאן דען קיין שום זאך קען נוט באשטיין קעגון תשובה . אזו וואס ווא[ר] גשעהון מוט איינום וואס הט גהאט אפלעק אויף זיין צורה דאס הייסט אסימן עבירה אמאל הט ער באגעגונט איין צדיק הט ער אום אראפ גנומון דעם דאווגון פלעק , כלומר ער הט אום גגעבון איין עצה דס ער זאל טאן תשובה :